STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06752

DANIYEL SHTAPLER

M. Glikowski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גליקאָווסקי

דניאל שטאַפּלער

ראָמאַן

צווייט בוך

מעקסיקע, 1946

DANIEL SHTAPLER

(Daniel Escalante)

NOVELA

POR

MOISES GLIKOWSKI

LIBRO SEGUNDO

México, D. F., 1946

דריטער טייל

3614

קאַפּיטל 1.

הונגער

פרײַ איז געוואָרן דניאל, פרײַ און אײנזאַם, װי דער װינט, װאָס האָט יעדן טאָג געיאָגט איבער דער שטאָט; פרײַ פונם „יאָך פון געלט“, פרײַ פון חברים און אַפילו פון אַ דאַך איבערן קאָפּ. קײן זאַך האָט מער נישט פאַרשטעלט פאַר אים דעם גערױמיגן הימל. קײן זאַך האָט מער נישט באַהאַלטן פון זײַן בליק די זון און די שטערן. ער האָט נישט געװאָלט טראַכטן װעגן דעם אַפּגעטױענעם. דער נעכטן און דער מאָרגן זײַנען גלײַך װײַט געװען פון זײַן געדאַנק און ער האָט געלעבט נאָר מיטן טאָג, מיטן מאָמענט. ער האָט ראַפּטום אַראָפּגעװאָרפן פון זיך אַלע יאָכן און ס׳איז אים געװען גוט.

אוודאי, נישט שטענדיק איז אים גוט געװען. ער האָט געװאוסט, אַז װען ער װאָלט אינם געהעריקן מאָמענט באַטראַכט רואיק װאָס אַזױנס ער גײט טאָן, װאָלט ער חרטה געהאַט און ער װאָלט זײַן געלט (דעם ברודערס עקספּלואַטאַציע־געלט) נישט אַװעקגעגעבן, כאָטש די אַמעריקאַנער „אָנגע־רױבטע“ דאָלאַרן האָבן אים געפּײניקט. פּונקט אַזױ װאָלט ער, װען ער באַטראַכט זיך, נישט אַװעקגעשיקט פונם עמיגראַנטן־לאַגער דעם בריװ צו פרידעלע דובסאָן און זיך נישט אױסגעשטעלט אױף איר שטומען חוזק. און פּונקט אַזױ, װאָלט ער אפשר נישט געװאָרן קײן רױטאַרמײער אין זײַן שטעטל.

איצט האָט ער פונדעסטװעגן קײן חרטה נישט געהאַט אױף דעם אָפּגעטױענעם. ער האָט זיך צו גוט געקענט און דערפאַר אַלץ באַרעכטיקט. ער האָט געװאוסט, אַז אָפּטמאָל קאָנען אים אײנפאַלן גוטע מחשבות און ער קאָן זיך פאָראױס אָנצײכענען די שענסטע פּלענער און זײ נישט פאַרװירקלעכן, אױב ער טוט עס נישט באַלד; דורך גיכער האַנדלונג האָט ער זיך געװאָלט דיסציפּלינירן. אַװדאי האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זײַנע מעשים זײַנען נישט שטענדיק לױטן שכל־הישר און אַז בײַ אַנדערע מענטשן װעלן

זיי ארויסרופן חוזק אדער באדויערן. אבער וואס זיינען אים אנגעגאנגען די טראכטונגען פון אנדערע מענטשן, בעת ער האט געזען ארום זיך אזויפיל נארישקייט, פאלשקייט, שוואכקייט און צביעות? ער, דניאל שטאפּלער, האט זיך אונטערגענומען צו זיין שטארק און דערהויפּט אויפריכטיק צו זיך אליין, טריי דעם אייגענעם געוויסן, — וואס פאר א פּרייז ער זאל נישט דארפן צאלן דערפאר.

און ער האט געצאלט טייער: פאר זיינע ערשטע רעוואלוציאנערע מעשים האט ער געצאלט מיט וואנדערונג און לעבנס־געפאר; ער האט דערמיט אויך זיינע עלטערן שיעור נישט אריינגעשלעפּט אין אן אומגליק; און פאר זיין דראנג צו אייגענער פרייהייט האט ער געצאלט מיט הונגער און היימלאזיקייט.

צום ערשטן מאל אין זיין לעבן האט ער אויף אן אמת געליטן הונגער, ווי טויזנטער אנדערע מענטשן אין דער גרויסער שטאט, ווי די ארבעטלאזע און אינוואלידן, וואס האבן געבעטלט אין די גאסן. דניאל, וועלכער האט זיך שטענדיק געקליגלט ווי אזוי זיך צו שטעלן איבער דעם המון, איז געווארן איינער פון טויזנטער, איינער פון מיליאנען (און אין דעם האט ער געפילט א געוויסע צופרידנקייט). ווי זיי, האט ער יעדן טאג גערארפט דאגהן וועגן קלייניקייטן, אזעלכע ווי אנצופילן דעם קראמפּנדיקן מאגן אדער צו געפינען א נאכטלעגער. ער איז אבער צו שטאלץ געווען צו בעטלען, צו שטאלץ געווען א טובה צו בעטן ביי אן אלטן באקאנטן, אפילו ביי א יעקב בליצשטיין — זיין מורה־דרך און חבר. אז ער האט צופעליק עפּעס פארדינט פאר אויסקאלכן א שטוב אדער פאר אויסמאלן א שילד, האט ער גוט באהאלטן די עטלעכע מארק און זיי געטיילט אויף פּעניק, ווייל ער האט ערשט אנגעהויבן צו פארשטיין דעם ריכטיקן טייטש פונם ווארט „געלט”.

די ערשטע הונגער־טעג זיינען געווען לאנגע און שווערע — ווי די פרייהייט וואלט אים נישט פארגונען געווארן... ער האט זיך באפרייט פון די אמעריקאנער דאלארן, איז ער אבער געווארן א שקלאף פון זיין אייגענעם נעבעכדיקן גוף מיט זיינע צודרינגלעכע פארלאנגען. נאר ביסלעכווייז האט ער זיך דערצו אויך צוגעוואוינט; ער האט געפונען מיטלען ווי צו נארן דעם מאגן זיינעם: אנשטאט ברויט, האט ער אים אפּט געגעבן שאקאלאד און באמבאנעם צו פארשלאגן דעם אפּעטיט... ער האט אויך געפונען מיטלען ווי צו נארן אנדערע טיילן פון זיין גוף: אנשטאט מעבלירטע צימערן און ווייכע בעטן, האט ער צומאל געהאט ארימע קעלער־שטובן פון אומבאקאנטע חברים, מיט וועלכע ער האט צוזאמען פלאקאטן געקלעפּט

אין די פינצטערע נעכט; פאַרבאַרגענע ווינקלען פון אַרבעטער־לאָקאַלן און עמיגראַנטן־היימען, וואו ער איז געבליבן אומבאַמערקט אויף נאַכטלעגער; אָדער האַרטע בענק אין די שאָטנס פון ביימער אין די שטאָטישע פּאַרקן.

מילער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געוואוסט דעם סוד פון דניאלס „באַפרייאונג", ווי אַזוי און פאַרוואָס ער האָט דאָס געלט אוועק־געגעבן. דניאל האָט אים באַשוואוירן, ער זאָל פאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקן דעם סוד, אפילו נישט פאַר די לייט פון „ספּאַרטאַקוס", וועמען מילער האָט דווקא געוואָלט דערציילן דעם גאַנצן אמת, כדי זיי זאָלן וויסן, די יעקעס, אויף וואָס עס איז פעאיק אַ אידישער אידעאַליסט. פון דעמאָלט אָן האָט דניאל געקראָגן אַ סך חשיבות אין זיין חברס אויגן. מילער האָט אים שטאַרק מקרב געווען און אים געהאָלפן בויען לופט־שלעסער וועגן דער צוקונפט. ביסלעכווייז איז אָבער מילער מיד געוואָרן פון דעם אַלעם. ער האָט ווידער אָנגעהויבן זיך דערוויטערן, פאַרשווינדן אין די לאַבירינטן פון דער גרויסער שטאָט, אַנטלויפן צו זיין באָהעמיע. און מיט דער צייט האָט דניאל כמעט פאַרלוירן יעדן שפּור פון זיין חבר.

אין יענע טעג פון הונגער און עלנט האָט דניאל שטילערהייט אים פיינט געקראָגן.

„פּוסטע גאַווהדיקע חלומות — האָט דניאל געטראַכט וועגן מילערס קינסטלערישע פּרעטענזיעס. — לידער שרייבט ער... מיינט, אַז ער וועט די וועלט ראַטעווען מיט די לידער זיינע... גרויס ווערן וויל ער, באַרימט ווערן... אויסנוצן אַ חבר — אַ־אַ, אויף דעם איז ער אַ בעלן. אָבער ער האָט אַ קורצן זכרון, דער מילער"...

די מחשבה וועגן מילערס באַגער נאָך גרויסקייט האָט אים אַ פּיק געטאָן, ווי אַ פאַרבאָרגענער וואָרים. און ס'האָט זיך אין אים אויפגעכאַפּט דער „אַנדערער", וואָס איז לאַנג געווען באַהאַלטן, אפשר זינט יענע טעג פון שטעטל, ווען ער איז אַנטלאָפן פאַרן נאָכיאָגנדיקן טויט, און ער האָט זיך געקליגלט איבער זיינע אייגענע איבערלעבענישן:

„זיי נאָר נישט אַזאַ צדיק אין פּעלץ, יונגערמאַן — האָט דער „אַנ־דערער" געבורטשעט. — איך ווייס דאָך, אַז דו ווילסט אויך גרויס ווערן... באַרימט ווערן... אפילו די אַמעריקאַנער דאָלאַרן, וואָס דו האָסט אוועקגע־געבן, האָבן דאָך געהאַט עפּעס נאָך אַ כוונה..."

„ניין, ניין — האָט דניאל פּראָטעסטירט קעגן דעם „אַנדערן" וואָס אין אים. — נישט געווען אַזעלכע כוונות... וואָס ווילסטו וואָס?"

און די פאַרבאָרגענע שטים איז גיך פאַרשטומט געוואָרן.

„איך וויל נישט גרויס ווערן — האָט דניאל זיך געטרייסט. — איך וויל נאָר, די וועלט זאָל זיין פריי, פריי און אומגעצוימט פאַר אַלעמען, אָנגעפילט מיט יושר, ווי אַ שוואָם מיט וואַסער"...

זינט דעם איבערפאַל און דער שריפה אינם ספּאַרטאַקיסטן־לאָקאַל, האָט דניאל זיך געפילט ווי מ'וואָלט אונטערגעצונדן זיין היים. ווי אַ נשרף, האָט ער אַרומגעוואַנדערט איבער דער גרויסער שטאָט און זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. נישט אָפט האָט ער פון דעמאָלט אָן זיך געטראָפן מיט אַנדערע חברים, און דאָס — אין דער פרעמד, ערגעץ אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין אָדער אין אַן ענגן קלוב, וואו ס'האָבן אַרומגעוואַנדלט נאָך אַזעלכע נשרפים ווי ער. עטלעכע אָנפירער האָבן געשמאַכט אין די טורמעס, און פון אַלע באַקאַנטע האָט דניאל בלויז געזען דאָס פאַרטראַכט געוואָרענע פּנים פון דעם טעאָרעטיקער און פּאָלעמיסט יאָאַכים וועסטהויזער און אַמאָל אויך יעקב בליצשטיינען מיט זיין כלה שיינע־שרה. וועסטהויזער האָט זיך אויף דניאלן נישט אומגעקוקט און בליצשטיין האָט אומעטיק געשמייכלט, ווי שטענדיק, מיט זיינע דינע, אַביסל צונויפגעצויגענע ליפּן. דניאל איז געווען צופרידן דערפון וואָס זיין געוועזענער וועגווייזער ווייסט נישט פון זיין נייעסטן „אויפטו"; ער האָט זיך פאַר בליצשטיינען געשעמט, און ער איז רויט געוואָרן איטלעך מאָל, ווען ער האָט געטראַכט, אַז ביי אים וואָלט ער געקאָנט קריגן אַ הלוואה. פונדעסטוועגן האָט ער זיך איינמאָל אָנגענומען מיט אַ סך מוט, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו מאַכן אַ געפערלעכן שפּרונג, און אָפּגערופן יעקב בליצשטיינען אָן אַ זייט:

— חבר בליצשטיין — האָט ער באַלד אַרויסגעפּלאַצט, אַזוי, אַז ער זאָל זיך שוין נישט קאָנען צוריקציען, — כ'וואָלט אייך בעטן אַ טובה... אפשר האָט איר ביי זיך עטלעכע מאַרק... פאַרגעסן דאָס בייטעלע אין דער היים... — און ער איז רויט געוואָרן פון דעם ליגן.

בליצשטיין האָט אים גערן געגעבן די עטלעכע מאַרק, און ער האָט נישט געוואוסט, אַז זיין געטרייער תלמיד איז שוין אויף דער אַנדערער זייט גרוב, וואָס ער האָט זיך געגרייט אַריבערצושפּרינגען. פון דעמאָלט אָן האָט דניאל זיך אָפט צו אים געווענדט מיט דער בקשה צו געפינען אַרבעט, און בליצשטיין פלעגט אים, נישט פרעגנדיק, געבן נייע הלוואות. ער פלעגט עס טאָן ווי אַ באַשיצער, ווי אַן עלטערער און ווי אַ רבי.

— שרייבט זיך איין אין אַן אַרבעט־פאַרמיטלונג־ביוראָ — האָט ער אים געעצהט.

דניאל האָט זיך איינגעשריבן אין אַן אַרבעט־פאַרמיטלונג־ביוראָ פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. דער דייטש־קלינגענדיקער נאָמען „שטאַפּלער"

האט אים די ערשטע צייט אביסל געהאלפן צו קריגן צופעליקע ארבעט, אבער שפעטער איז ארבעט געווארן אלץ זעלטענער.

וואס מער דער גוף האט געמאנט, אלץ ווינציקער האט דניאל געקאנט אים צאלן דעם חוב. אנשטאט צו שפייזן דעם מאנענדיקן גוף, האט ער אלץ מער געשפייזט זיין נשמה. גאנצע טעג האט ער פארבראכט אין די ביבליאטעקן, אין די מוזעאומס און אויף אויסשטעלונגען. אפטמאל איז ער אויך אוועק אינם זאאלאגישן גארטן און דארט האט ער מיט א לייכטן שווידער געאטעמט די אטמאספער פון ווילדע חיות.

אין אויסטערלישע וועלטן

צווישן די בילדער־גאלעריעס איז דניאל געווען ווי א מלך אין זיין מלוכה. נישט גרויס איז יענע מלוכה געווען, דערפאר אבער פול מיט ליכטיקע קאלירן און פאנטאסטישע עשירות. דארט האבן שטאלצע ריטערס ארומגעריטן אויף מעכטיקע פערד, בעת מלכים זיינען געזעסן אויף גילדערנע טראנען מיט כישוף־שטעקעלאך אין די הענט. יונגפרויען — בלוט און מילך — האבן אראפגעשמייכלט פון צווישן גילדערנע און זילבערנע ראמען, רופנדיק מיט א סודותפולער שפראך פון פארגאנגענע צייטן. מיידלאך האבן געשעפט פינקלענדיק וואסער פון א ברונען און איבער זיי האט זיך געשפרייט א צעלויכטענער הימל ארום שפעדיק־צעוואקסענע ביימער. דניאל האט כמעט פארנומען דאס רוישן פון די פינצטערע וועלדער, וואס אויף די וואנט, דאס שמעטערן פון דונער איבער די אלפן, דאס סווישטשען פון קאנאריקלאך און דאס זינגען פון נאכטיגאלן. אין יענעם כשופדיקן רייך איז דניאל געווען דער מלך איבער מלכים, דער הערשער איבער רייטער, דער זיגער און באצווינגער פון מיידל־הערצער. א שטילקייט פון יארהונדערטן האט זיך געשפרייט איבער די ברייטע זאלן; אבער דניאל האט נאר געדארפט וועלן, איז די שטילקייט מאמענטאל פארוואנדלט געווארן אין געזאנג, אין געברום און אין שטורעם.

דאס גיין אין מוזעאום איז ביי דניאלן ביסלעכווייז געווארן א ליידנשאפט. שעהענלאנג פלעגט ער זיך דארט ארומדרייען צווישן אויסטערלישע וועלטן אין מיניאטור, וואס האבן זיך צעוואקסן אין דמיון און אים אריינגענומען אין זיך, געמאכט אים פאר בלוט פון זייער בלוט און נשמה פון זייער נשמה. און אין יענע שעהען פלעגט אין דניאלן ווידער אויפשטייגן די בענקעניש נאך פארב און פענזעל, און ער האט מיט אומעט געטראכט, אז זיינע לייוונטן און אלע מכשירים, וואס ער האט זיך געהאט איינגעקויפט, זיינען געבליבן פארוואַרלאזטע אינם מעבלירטן צימער, וואס ער האט אויפגעגעבן בעת זיין „באפרייאונג".

זיין מויל האָט זיך געקרימט פון ווייטיק:

„אזא געלעגנהייט געהאַט און בידים זי צעשטערט"...

אויך אין דעם איז שולדיק געווען מילער. ער מיט זיין קריטיק. נאַרישע, פּוסטע קריטיק פון אַ גרויסהאַלטער. „ס'פעלט נשמה, אינהאַלט" — זיינען אים אין זכרון געקומען מילערס ווערטער וועגן דער סקיץ פון דעם „טויטנבילד".

אַזוינע מחשבות האָבן דניאלן איינמאָל פאַרטריבן פון מוזעאום. גרויזאַמע האָבן זיי אים אַרויסגעריסן פון דער כשופדיקער וועלט, וואו ער האָט געקיניגט איבער ריטער און מלכים, און אים אַריינגעשליידערט אין אַ וועלט פון ביטערע אַנטוישונגען און פון הונגער־קראַמפּנדיקן מאָגן. אין דעם מאָמענט האָט ער פיינט געקראָגן די בילדער צוזאַמען מיט זייערע שעפער, פיינט געקראָגן מילערן און זיך אַליין און אַלעמען. און ווידער האָט ער געוואַנדערט שעהענלאַנג איבער רווישיקע גאַסן, נישט געקוקט אויף מענטשן און נישט געזען וואָס עס טוט זיך אַרום אים. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק אינמיטן פון אַ ליכטיקן בולוואַר, באַלד זיך אויפגעהויבן און ווייטער געגאַנגען, אַזש געלאָפן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן. פּלוצים האָט אַן אינעווייניקסטער קול אים דערמאָנט:

— וואוהין, דניאל?

האָט דניאל זיך אָפּגעשטעלט אין זיין אימפּעטיקן גאַנג, אויסגעריבן די אויגן און אַ לאַך געטאָן:

— אָט אַ משוגענער!

נאָך אויסטערלישער און נאָך כשופדיקער האָט אים אויסגעוויזן דער זאָאָלאָגישער גאָרטן. צוערשט האָט אים אַהין געצויגן דער נייגיר, כדי אָנצוקוקן לעבעדיקע די אַלע חיות, וואָס ער פלעגט אַמאָל קאָפּירן פון טעקסטביכער און מיט וועלכע ער האָט איינמאָל אַפילו באַצירט די ווענט פון אַ בית־מדרש. אָבער וואָס מער ער איז געקומען אינם זאָאָלאָגישן גאָרטן, אַלץ זינפולער איז אים געוואָרן אָט די ווילדע און ווילד־פרעמדע וועלט, הגם ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון וועגן דעם זין, וואָס איז אין דעם אַלעם געלעגן. צייטנווייז איז עס געוואָרן פאַר אים אַ מוראדיקער אומזין, ווייל ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער אַליין איז געוואָרן אַן אורמענטש, אַרומגערינגלט פון חיות־רעות און ווילדן סטעפּ.

ער האָט ליב געהאַט צו גיין אין „טיערגאַרטען" ווען דער אומעט האָט אים געפרעסט, ווען ער איז געווען אַנטוישט פון אַלץ, וואָס אַרום אים, פון באַקאַנטע און פרעמדע, פון דעם מענטש אינגאַנצן. אַזעלכע אַנטוישונגען האָט ער געליטן זייער אַ סך זינט ער האָט זיך „באַפרייט" פונם יאָך

פון געלט און איז געוואָרן אַ וואַגאַבונד. אַ מידער, אַ אויסגעשעפּטער, נישט וועלנדיק מער אַפילו טראַכטן, פלעגט דניאל זוכן שוץ אין דער וועלט פון די חיות. מייסטנס איז ער געגאַנגען אַהין פאַרנאַכט, ווען דער מערבדי־קער האָריזאָנט איז ווי אַ שייטערהויפן צעצונדן און אין וואָלעט און בלוי קומט־אָן פּאַמעלעך די נאַכט.

אין אָט דער שעה וויינען די שאַקאַלן. ווילדער ווערן אַלע חיות אין די שטייגן און אַ געקלאַג און אַ געהויל און אַ געברום מאַכט ציטערן די לופט און רייסט אין שטיקער אויך דאָס מענטשלעכע האַרץ.

דניאל האָט ליב געהאַט דעם שאַקאַלן־געוויין, וועלכער איז אויפגע־שטיגן פון אָרעם און אָרום, האָט זיך געריסן צווישן שטייגן און ביימער, געקוילערט זיך ווי פון אונטער דער ערד אַרויס און געשפּרייט זיך איבערן גאַנצן גאָרטן. מיט פאַרגליווערטער שרעק, האָט דניאל זיך צוגעקוקט ווי עס ציטערן־אויף די גריוועס פון די לייבן, ווי עס צינדן זיך ווילדע פייערן אין די אויגן פון וועלף און ווי אַלע חיות וואַרפן זיך אַהין און צוריק אין זייערע שטייגן, זוכנדיק באַפרייאונג, אָטעמען טיף מיט אויסגעברייטע נאָז־לעכער, ווי זיי וואָלטן פון מיילן־ווייט דערשמעקט דעם וואַלד און דעם סטעפּ, און זיי ענטפערן מיט אַ יאָמערלעכן געוואָי אויף דעם געוויין פון די שאַקאַלן.

ס'איז געווען, ווי ער וואָלט זיך פּלוצים אַ טראָג געטאָן צוריק אויף מיליאָנען יאָרן און ווידער אין וואַלד זיך באַזעצט, צווישן לאַנגע, געדרייטע, פינצטערע היילן, געקראָכן אויף צווייגן און געיאָגט זיך נאָכן שוואַרצן בער, נאָכן פלינקן הירש, און געהיט זיך פאַר דעם האַסטיקן שפּרונג פון דער היענע און פון דעם טיגער.

ס'איז געווען, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל פריי געוואָרן פון אַלדאָס שטאָ־טישע און אָראָפּגעשלײַדערט פון זיך דעם יאָך פון מענטש, און ווי ער אַליין וואָלט מיט אויסגעברייטע נאָזלעכער גיריק איינגעאָטעמט דעם סטעפּ, דעם וואַלד און די יאָגנדיקע ווינטן.

ס'איז געווען, ווי דאָס געוויין פונם שאַקאַל וואָלט עפּעס געמאַכט אויפצאַפּלען אין זיין האַלב־פאַרגליווערטן האַרץ און ווי דאָס האַרץ וואָלט געענטפערט מיט אַ מוראַדיק געהויל און ווי אַלע אברים וואָלטן אָנגעגאָסן געוואָרן מיט פייער און ווייטיק.

און ס'איז געווען אַזוי גוט זיך ווידער צו פילן ווי אַ פרייע, גיריקע, יאָמערנדיקע און הונגעריקע בעסטיע!

אָנגעשפּיצט איז געוואָרן זיין געהער און פלאַמיק דער בליק; יעדער אבר — פלינק און שאַרף און גרייט צו מלחמה. זיין ברוסט איז געוואָרן

אויסגעבריים און טיף און פול מיט גבורה. און ס׳האָט זיך אים געוואָלט ארויסלאָזן אזא ברום, אז די גאַנצע וועלט זאָל זיך א טרייסל געבן.

ראַפּטום האָט זיך אָבער אלץ א מיש געטאָן פאַר זיין פיבערדיקן בליק, ווי ער וואָלט זיך דערזען פאַר אַן אומענדלעכן תהום. איין געשריי, איין וואָקל — און ער וועט פאַלן און צעפּיצלט ווערן אינם פאַל. יאָ, פאַר דניאלן האָט זיך דעמאָלט צעעפנט דער אָפּגרונט פון יאַרטוויזנטער, וואו די מענטש־לעכע פּערזענלעכקייט ווערט אויפגעלייזט: אלץ ארום דרייט זיך אין א שווינדלענדיקן ווירוואַר, דרייט זיך און ווירבלט און שלעפּט זי אויך אריין אינם געווירבל.

און מאָרגנע: דעמאָלט האָט דניאל געפונען אַן אָנהאַלט אין זיין נאָ־מען. א האַלב פאַרחלשטער, האָט ער געשעפּטשעט דאָס איינציקע וואָרט: „דניאל... דניאל... דניאל...״

דאָס וואָרט איז געווען ווי א שטרויעלע אין א צעבושעוועטן ים, אָבער אָט, דאָס שטרויעלע האָט אים געראַטעוועט; ס׳האָט געהאַט אין זיך אזא כשוף, אז ס׳האָט אים ווידער צוריקגעשליידערט אויף מיליאָנען יאָרן און אים געהאָלפן זיך ארויסדראַפּען פונם שוועל פון אָפּגרונט, אין וועלכן ער האָט אזוי אומזיניק ארייגעקוקט.

וואָס איז א נאָמען? דאַכט זיך — גאָרנישט, א קאַפּריז פון טאַטע־מאַמע; א מענטש קאָן פונקט אזוי הייסן דניאל ווי אברהם, קאַרל אָדער סטעפאַן; פונדעסטוועגן איז דער אייגענער נאָמען א מיטלפּונקט, ארום וועלכן עס דרייט זיך אלץ וואָס עקזיסטירט. ווען נישט דער צופעליקער נאָמען, דער פּועל־יוצא פון א קאַפּריז, וואָלט גאָרנישט געווען. דניאל האָט אין דעם נאָמען זיינעם געפונען טרייסט און זיכערקייט; דורך אים האָט ער געוואוסט, אז ער איז ער און נישט עפּעס אַנדערש ווי ער גופא. נאָר ווען ער האָט דעם נאָמען זיינעם איבערגעחזרט אומצאָליקע מאָל, קלאָמערנ־דיק זיך אין אים א פאַרצווייפלטער, אין פּחד פאַר דעם תהום פון יאָרטוויזנ־טער, האָט דערזעלביקער תהום זיך ווידער צעעפנט פאַר זיינע אויגן און דער נאָמען „דניאל״ האָט שוין גאָרנישט געמיינט, גאָרנישט מער ווי א בעפאָלדיק פּינטעלע, וואָס צעגייט און לייזט זיך אויף אינם אין־סוף.

א דערשראָקענער האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן, אויסגעריבן די אויגן, ווי נאָך א מוראדיקן קאָשמאַר, און מיט זיינע פינגער גערדיקט די ברע־נענדיקע שלייפן, אזוי לאַנג, ביז דער תהום האָט זיך גענומען פאַרמאַכן.

ער איז אַנטלאָפן פונם „טיערגאַרטען״ מיט א קללה אויף די ליפּן, פול מיט בענקעניש נאָך שטאָט און מענטש.

קאפיטל 2.

אין פּאַרק

ס'האָט געטונקלט. ס'איז געווען די שעה, ווען דער טאָג איז שוין אוועק און די נאַכט איז נאָך נישט געקומען.

אין אַ ברייטער אַליע אינמיטן דער שטאָט, אויף אַ גרינער באַנק, זיי־נען געזעסן צוויי מענער: איינער אַ שטאַרק־גערונצלטער, מיט אַראָפּהענ־גענדיקע, געלבלעך־גרויע וואָנסעס און אַ טיפּן קנייטש איבער דער לענג פון זיינע באַקן; דער צווייטער — אַ יונגער, נאָר מיט די זאָרגן פון אַ זקן. ביידע מיד און אָפּגעצערט. אַ שטאַרק־געבויגענער, ווי די משא פון זיין לאַנג לעבן וואָלט אים צו דער ערד אַראָפּגעקוועטשט, האָט דער אַלטער נערוועז געפּיפּקעט אַ פּיפּקע און נאָכאַנאַנד געשפּיגן, בעת דער יונגערמאַן האָט אַביסל פאַרשעמט געקוקט אויף זיין באַנק־שכן.

— יאָ־יאָ — האָט רויכערנדיק און שפּייענדיק גערעדט דער אַלטער. — זאָגסטו, אַז דו ביסט פון מזרח־זייט... „אוס דען אָסטען"... דו רעדסט אָבער גאַנץ גוט דייטש, מיין אינגל. — די ווערטער זיינען אַרויסגעקומען פונם אַלטנס מויל, ווי ער וואָלט זיי דורכגעקייט צווישן איינציקע פּוילנדי־קע ציין און דורכגעווייקט מיט טאַבאַק־זאַפט.

דער יונגערמאַן האָט געצוואונגען געענטפערט:

— „יאָ, אוס דען אָסטען"...

— פון פּוילן האָסטו געזאָגט?

— פון פּוילן האָב איך געזאָגט.

— און אַזוי יונג אויף דער וועלט אַרום — האָט דער אַלטער באַ־דויערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — איינער אַליין, האַ?

— איינער אַליין.

— אין מיינע צייטן — האָט דער אַלטער געקייט די ווערטער — האָט עס נישט געקאָנט טרעפן. פאָרן פון איין לאַנד צו אַן אַנדער לאַנד האָט געדויערט לאַנגע חדשים און אַמאָל יאָרן, הע־הע. און אויב אַ יונגערמאַן האָט דווקא געוואָלט קענען די וועלט און טרייבן אַוואַנטורעס — וואָרן עס זיינען געווען אַזעלכע יונגעליים אויך, מיין זון; איך אַליין האָב עס געטאָן, — האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט צופוס איבער דער וועלט. געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, מיטן רוקזאַק אויף די פּלייצעס, ווי אַ וואַנדערנדיקער איד... טפו, הע־הע... גוטע מענטשן זיינען אַמאָל געווען... נישט היינטיקע צייטן, מיין זון. דאָ האָט ער געאַרבעט און אויף

אַ מיטאָג פאַרדינט, דאָרט האָט ער געראַטעוועט אימיצן פון אַ געפאַר און די איינוואוינער האָבן אים דערפאַר ליב געקראָגן: אין אַ דריטן אָרט האָט מען רחמנות געהאַט אויף דעם וואַנדערער און אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען און דערנאָך ערשט אים מיטגענומען אַ שטיק וועג פאַר אַן אָנטרייבער. אינמיטן דרינען האָט דער יונגערמאַן זיך גאָר פאַרליבט אין אַ שיינער דאָרפס־מיידל, — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף חדשים, אויף יאָרן, ביז... ער האָט געזען, עס גליקט אים נישט — האָט ער זיך ווייטער אַוועקגעלאָזט זיין וועג... מיט אַ צעבראָכן האַרץ, הע־הע... דערגאַנגען אָבער צו זיין ציל, אויב אַ ציל האָט ער געהאַט... אַ שיין ביסל אַרבעט, הע־הע... איך אַליין האָב עס אין מיין יוגנט דורכגעמאַכט, ווען כ'האָב זיך געלאָזט וואַנדערן אַהערצו, קיין בערלין.

דעם יונגנמאַן, וועלכער איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דניאל שטאָפּלער, איז געפעלן דעם אַלטנס פלאַפּלעריי. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין די צעקייטע, מיט טאַבאַק דורכגעווייקטע ווערטער, און געוואָלט, אַז דער שמועס זאָל זיך ציען אָן אַ סוף. ער איז געווען הונגעריק און היימלאָז, און ער האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז דער אַלטער איז אַזוי עלנט ווי ער.

— אַזוי, זייט איר אויך אַ פרעמדער אין בערלין! — האָט ער אויסגערופן מיט באַהאַלטענער פרייד, וואָס ער האָט געפונען אַן אח־לצרה.

— קיין פרעמדער בין איך דאָ נישט — איז געקומען אַן אַנטוישנדיקער ענטפער: — צוויי און פערציק יאָר לעב איך דאָ, אין דער אומדאַנקבאַרער שטאָט. אַמאָל דאָ אַ היים געהאַט, אַ ווייב, קינדער געבוירן, צען קינדער, הע־הע...

— אייערע קינדער זיינען נישט דאָ?

— קינדער — האָט דער אַלטער געזיפצט צווישן איין צי און דעם אַנדערן פון זיין ליולקע. — דריי זין אויפן שלאַכטפעלד געפאַלן... אומגעקומען ווי העלדן פאַרן פאָטערלאַנד. צוויי זיינען וועיט, אין דרום־אַמעריקע ערגעץ... פאַרהייראַטע פרויען מיט קינדער, אייניקלאַך, הע־הע... פון זיי הער איך גאָרנישט. היינטיקע צייטן, הע־הע...

— און איצט זייט איר איינער אַליין?

— איינער אַליין — האָט דער אַלטער אַ שטאַרקן צי געטאָן זיין פיפקע און זיך פאַרהוסט. — דו אויך אַליין...?

— איך אויך אַליין.

— נו, איצט ביסטו שוין נישט אַליין, מיין אינגל. דו אַליין, איך אַליין — זיינען מיר צוויי, הע־הע. און דיין פאָטער?

— אין פּוילן געבליבן.
— אַ מוטער אויך?
— אַ מוטער אויך. אַ ברודער, אַ קליין שוועסטערל.
— אומדאַנקבאַרע יוגנט, הע־הע... אַרבעטסט?
— ניין.
— און געלט אויף אַ ביר האָסטו? — האָבן דעם אַלטנס קליינע וואַ־סערדיקע אויגן אַ בלינצל געטאָן.
— כ׳האָב נישט.
— העי, דו זאָגסט נאָר אַזוי. וואו וואוינסטו, אינגל?
— וואו עס מאַכט זיך וואוין איך.
— אָ, ביקסטו דאָך אַזאַ שלעפּער ווי איך! איך שלאָף שוין אַ יאָר אין די גאַסן, הע־הע.
— אַ גאַנץ יאָר! — האָט דניאל זיך דערשראָקן, ווי ער וואָלט דער־הערט דאָס דערוואַרטע, אָבער אומברחמנותדיקע וואָרט פון זיין שופט. — ביי וואָס אַרבעט איר, אַלטיטשקער?
— איך „באַאַרבעט" די פאַרבייגייער...
— האַ? —
— פון מענטשלעכן רחמנות לעב איך... און דו?
— איך בין אַ מאָלער...
— אַ מאָלער? מאָלער האָבן אַ סך געלט, דו, אינגל — האָט דאָס צערונצלטע פּנים זיך צעלויכטן אויף אַ מאָמענט. — איך האָב אויך אַ זון אַ מאָלער, איז ער אין דרום־אַמעריקע. איצט, זאָגט מען, איז ער שוין אַ רייכער גוטסבאַזיצער.
— טאָ פאַרוואָס פאָרט איר נישט צו אייער זון?
— מיין זון, הע־הע... מיין זון איז רייך געוואָרן, האָט ער מיך פאַר־געסן. אָ, אינגל, אַז דו וועסט זיין רייך, וועסטו אויך פאַרגעסן דיין טאַטן!
— איך? ניין, איך וועל קיינמאָל נישט זיין רייך.
— האַ־האַ! ביסט נאָך יונג און אַ גאַנץ לעבן שטייט נאָך פאַר דיר אָפן. אַנו, וויַיז די האַנט.
דניאל האָט אויסגעשטרעקט די האַנט.
— אָט דאָ, זע — האָט געפּיפּקעט דער אַלטער, — האָסט אַ לאַנג לעבן... רייזעס, אַוואַנטורעס... אַ פרוי, וואָס דו האָסט ליב, האָט דיך פאַרראַטן... און אָט איז דער צייכן פון געלט! דו וועסט זיין רייך, זייער רייך... וועסט פאָרן איבערן ים...
דניאלס בלאַסקייט איז נאָך טיפער געוואָרן אונטערן ליכט פון די

אויפגעבליצטע גאסן־לאמטערנעס. ער האָט נישט געגלויבט אין „טרע־פערס" און „האנט־זעערס", אָבער פאַר זיין אויפגערירטן דמיון האָט זיך דראָענדיק אַ שפּרייט געטאָן דער שאָטן פון „קעסל־גאַרדען". ווידער האָבן דעם אַלטנס ווערטער געקלונגען ווי דאָס אומברחמנותדיקע וואָרט פון אַ שופט.

— אַנו, כאַטש צען פּעניק פאַרן טרעפן.

— כ'האָב נישט אַפילו איין פּעניק, אַלטיטשקער.

— עך, דו בעטלער!

אונטערן בלייכן לאַמטערן־שיין האָט ער שאַרף אַריינגעקוקט דניאלן אין פּנים.

— האָסט טאַקע גאָרנישט? הע־הע, איך קען זיך אויף די שטיק. צום טייוול מיט אייך אַלע, איר... איר... דו ביסט אַ איד, האַ?

— יאָ, אַ איד בין איך און... „אום דען אַסטען"... פאַרוואָס פרעגט איר?

— אַלע אידן זיינען רייך... באַראַבעווען דאָס געלט פון אַלע פעל־קער, די אידן... און מ'זאָגט, אַז צוליב אידן האָט דייטשלאַנד פאַרשפּילט די מלחמה...

— פוי, אַלטער נאַר! ווער האָט עס אייך איינגערעדט?

— איינגערעדט? קיינער נישט, מיין זון, און דו דאַרפסט נישט זיין אין כעס אויף מיר. נאָר גלויב מיר, עלבע אַליין האָט עס מיר געזאָגט.

— עלבע אַליין... ווער איז ער עס, דער עלבע?

— הע־הע, אַ קלוגער קאָפּ, דער עלבע. דער בעסטער בעטלער אין בער־לין, דער עלבע. און אַז דו ווילסט, איז ער גאָר אַ שיינער פּאַצעט. עלבע האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס האָט אים האָט אים פאַרטרויט איינער זייער אַ רייכער הער. דער רייכער הער האָט אים דערציילט, אַז אינגיכן וועלן מיר אַלע שוין נישט דאַרפן מער שנאָרן, ווייל מיר וועלן קריגן דעם גאַנצן קאַפּי־טאַל, וואָס די אידן האָבן ביי אונז אָוועקגערויבט... די אידן, זאָגט ער, ווילן פאַרנעמען דייטשלאַנד, איז דאָס אמת? דו, מיין אינגל, ביסט דאָך אַ איד, דאַרפסטו דאָך ווייסן, הע־הע... — דער אַלטער בעטלער האָט נער־וועז אַ ציי געגעבן זיין פּיפּקע און אַ שפּיי געטאָן. — נו, אוודאי איז דאָס אמת! אָט דו... וואָס טוסטו איינגעטליעך דאָ, אין אונזער שיינעם דייטש־לאַנד? דו זאָג מיר נאָר די ריכטיקייט, אַנו, זאָג... מיר מעגסטו פאַרטרויען, אַזוי ווי עלבע פאַרטרויט מיר אַלע סודות... דו קאָנסט גאָרנישט פאַרלירן; אַז מ'וועט ביי דיינע אידן צונעמען זייער קאַפּיטאַל, וועסטו אויך געניסן. אויפן וואָרט, הע־הע... איך זאָג עס דיר צו...

דניאל האָט זיך צעלאַכט אויפן קול.

— אויב איך בין אַ שנאָרער אַזוי ווי דו, אַלטער, טאָ ווי קומט עס וואָס דו זאָגסט, אַז אַלע אידן זיינען רייך?

דעם אַלטנס שטערן האָט זיך געקנייטשט. לסוף האָט ער ווידער אַ צי געגעבן די ליולקע און אַ שפּיי געטאָן:

— ביסט גערעכט, מיין אינגל. איך מוז פרעגן עלבען; ער וועט מיר שוין געבן צו פאַרשטיין. וואָס ווייס איך, אָרימער טייוול, אין פּאָליטיק?

אויף דניאלס טרוקענע, הונגער־פאַרבלויטע ליפּן האָט געשפּילט אַ שמייכל פון חוזק און באַדויערן.

— כ'וואָלט געקאָנט שווערן, אַלטער, אַז דו קאָנסט אפילו קיין ציטונג נישט לייענען! — האָט ער אויסגערופן. — וואָס, דו קאָנסט יאָ?

— אָ, נאַטירלעך, גרינטלעך! — דאָס צעאַקערטע פּנים האָט זיך געצונדן מיט שטאָלץ און ווערדע. — ביי אונז, אין דייטשלאַנד, קענען אַלע לייענען און שרייבן. ביי אונז זיינען נישטאָ קיין אַנאַלפאַבעטן, הע־הע...

— נו, אויב דו קאָנסט טאַקע לייענען, טאָ נאַ־דיר אַ מתנה פון אַן אומבאַקאַנטן פריינד, אַ שנאָרער. — דניאל האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ קליינע בראָשור מיט דער אויפשריפט: „ווער איז טאַקע שולדיק אין דער מלחמה?” — דאָס וועט דיר צונוץ קומען, איך זאָג עס דיר צו... און גיב עס אויך עלבען איבערצולייענען.

דער אַלטער האָט אַרומגעטאַפּט די בראָשור און זי געדרייט פון אַלע זייטן. ער האָט געזיפצט:

— דעם אמת, מיין אינגל... כ'האָב שוין נישט געלייענט יאָרן... מיינע אויגן זיינען מיד... וואָס שטייט אין דעם ביכל?

— דאָ וועט איר דערגיין וואָס פאַר נאַראָנים איר זייט — און דניאל האָט גענומען ריידן מיט אַן אָפּהילך פון די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע דרשות זיינע. — איר שטאַרבט פאַר הונגער, שלאָפט אין די גאַסן און מוזט „באַאַרבעטן” די פאַרבייגייער, און איר ווייסט נישט פאַרוואָס, צו־ליב וואָס, פאַר וועמעס שולד. איר זעט, ווי די „רייכע הערן” פרעסן און זויפן און לאָזן זיך וואוילגיין אויף אייער חשבון, און איר הערט נאָך זייערע עצות; איר טרינקט זייער סם און איר מיינט, אַז זיי זיינען אומ־שולדיקע לעמלאַך... לייענט דאָס איבער, נישקשה, די אַלטע אויגן וועלן נאָך דינען דערצו — און איר וועט זיך דערוויסן זאַכן, וואָס איר וועט מוזן גלויבן, ווייל זיי זיינען אמת; און דעמאָלט וועט איר אויך וויסן ווער עס זיינען באמת די שולדיקע אין דער מלחמה, אין דעם טויט פון אייערע דריי זין און אין דער מפּלה פון דייטשלאַנד...

— דו רעדסט דאָך ווי די אַגיטאַטאָרן! — האָט דער אַלטער בעטלער אָנגעשטעלט אויף אים די קליינע, ביר־פאַרטרונקענע אויגן. דער שטערן, מיט איינציקע הערעלאַך באַשנייט, האָט זיך געקנייטשט אונטער שווערע מחשבות. — דו ווייסט, הע־הע... איך טראַכט, אַז די אַגיטאַטאָרן זיינען גערעכט... מיר דאַרפן טאַקע צונעמען ביי די רייכע, וועלן מיר אויך האָבן וואָס צו פרעסן און וואו צו נעכטיקן... נישט אמת? מ׳דאַרף זיך דורכשמועסן מיט עלבען וועגן דעם...

ער האָט פאַררוקט די בראָשור אין א טיפער בוזימקעשענע פון זיין שמאַטעדיקן מלבוש און מעשה־פּאַצעט אויסגעשטרעקט די האַנט:

— עריק מאַריאַן. איך האָב די ערע.

— א דאַנק. איך הייס דניאל. דניאל שטאַפּלער.

די קנייפּע

עריק מאַריאַן האָט זיך אָנגעלענט אויף דער באַנק און געקרעכצט, פּיפּקענדיק זיין פּיפּקע. די קליינע וואַסערדיקע אויגן האָבן געזשמורעט צום אויסגעשטערנטן הימל. דניאל, וועלכער איז געזעסן לעם אים, האָט מיד געקוקט אויף די פאַרבייגייער און קוים געהערט דעם אַלטנס פּלאַפּלעריען. בלויז פון צייט צו צייט האָט א קלאַנג אָדער א וואָרט אים א וועק געטאָן און ער האָט זיך ווידער צוגעהערט.

— אין אזא נאַכט ווי די היינטיקע האָט מען מיר געבראַכט די ידיעה, אַז דער דריטער פון מיינע זין, וואַלטער, איז אומגעקומען — האָט עריק מאַריאַן געקייט די ווערטער. — צוויי וואָכן פריער האָט מען מיר געמאָלדן וועגן דעם העלדישן טויט פון מיין אינגל פּעטער. דער אינגסטער פון אַלע דריי געווען. א גוטער זון. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין אַן אַמוניציע־פאַבריק. וואָס צו פרעסן האָט קיינער נישט געהאַט געגוג. געשלאָפן זיינען מיר אין די באַראַקן, אויסגעלייגט זיך אויפן היי און צום הימל געקוקט, אָט אזוי ווי איצט. דאָס נאַכטעסן נאָך נישט געהאַט פאַרדייט, אָבער הונגעריק געווען, געשאָלטן די גאַנצע וועלט. פּונקט אזוי ווי איצט. געררויכערט די ליולקע, אַז קיינער זאָל נישט זען, וואָרן ווען מ׳וואָלט געזען, וואָלט מען אין קאַרצער אריינגעוואָרפן אויף דריי טעג. שטרענג פאַרבאָטן געווען רויכערן דאָס — אזוי אין פאַבריק, אזוי אין באַראַק. דעמאָלט, געדענק איך, האָב איך אַ סך געטראַכט וועגן מיין פּעטער, געטראַכט זינדיקע געדאַנקען: צו וואָס האָט מען עס אינגאַנצן די מלחמה געדאַרפט, האָב איך געטראַכט... אזעלכע קינדער אוועקשיקן אויפן פראָנט און אויס־

הרגענען... אַזעלכע קינדער... פּלוצים האָט מען מיך גערופן: „עריק מאַריאַן! עריק מאַריאַן!" כ'האָב זיך אַ ריס געטאָן, ווי אַ פאַרוואונדעטער הונט. „אַ בריוו פון קריגס־מיניסטעריום, עריק מאַריאַן!" אָ, דאָס האַרץ האָט מיר שוין געהאַט אָנגעזאָגט דאָס אומגליק, יאָ, אָנגעזאָגט, און דערפאַר טאָקע אַזעלכע זינדיקע געדאַנקען געטראַכט... נאָך געהאַפּט: אפשר... אַן אַנדער אינגל... אַ טעות, נישט פּעטער... ערשט — וואָלטער אויך! דאָס קריגס־מיניסטעריום האָט קיין טעות נישט געמאַכט: נישט קיין הכחשה געווען וועגן פּעטערן, נאָר אַ נייער אומגליק: וואָלטער אויך דערהרגעט! אָך, פּאַסקודנע מלחמה... פּונקט אַזאַ נאַכט ווי היינט געווען... אויך אַזוי געלעגן און געפּיפּקעט. אופ־פּ־ף....

דער אַלטער האָט זיך נערוועז געדרייט אויף זיין האַרטן געלעגער און ווייטער געזשמורעט די ביר־פאַרטרונקענע און טרערן־גלאַנצנדיקע אויגן צום אויסגעשטערנטן הימל.

מיט שפּאַצירנדיקע פּאַרלעך האָט געראַוישט די אַלייע. צוויי מענטשן־שטראָמען האָבן זיך געצויגן פּאַמעלעך און גלייך — איינער אַרויף, דער אַנדערער אַראָפּ. צווישן די שטראָמען האָבן זיך געפּלאָנטערט שטאַרק־באַשמינקטע גאַסנפרויען, וואָס האָבן געברומט פריילעכע ניגונים און פרעך אַריינגעשמייכלט די פאַרבייגייער אין די פּנימער.

— העי, עריק מאַריאַן! — האָט דניאל אים געוועקט. — הייבט זיך אויף. נישט שיין דאָ אַזוי צו ליגן, אַלעמען אין די אויגן. און די פּאָליציי...

— נישט שיין — האָט דער אַלטער גערעדט מיט גאַל. — נו, און נישט האָבן וואו צו שלאָפן איז יאָ שיין?

פונדעסטוועגן האָט ער זיך אויפגעזעצט.

— העי, קאַמעראַד! — האָט ער פאַרטשעפּעט אַ דורכגייענדיקן אַר־בעטער. — גיב אויף אַ ביר.

דער אַרבעטער האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף אים.

— דו ביסט גערעכט, מיין אינגל, מ'דאַרף דאָ איצט אַזוי נישט ליגן. מ'קאָן נאָך קריגן אַן אומזיסטן נאַכטלעגער אין קאַרצער. דו ווייסט, פאַר לײדיק גיין ווערט מען איינגעזעצט.

— אַזוי, הם... — דניאל האָט אויפגענומען אָן איבעראַשונג די וויכ־טיקע ידיעה און ער האָט ווייטער געזאָגט: —אָבער עריק מאַריאַן, צי ווייסט איר כאָטש וויפל לײדיקגייער זיינען איצט פאַראַן אין אייער שיינער בערלין? אפשר אַ האַלבע שטאָט. נו, טאָ זאָל מען זיי אַלע פאַרשפּאַרן אין קאַרצער. כ'וואָלט עס געוואָלט זען.

דער אַלטער האָט מער נישט געהערט. ער איז געווען פאַרנומען מיט

עפּעס אַנדערש: ער האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין דניאלס פּנים, און ס׳איז געווען קענטיק, אַז עפּעס איז געבוירן געוואָרן אין זיין מוח:

— הער נאָר, דו, איד, דו ביסט דאָך נאָך גאָר אַ קינד. ווייסט, איך האָב אַ פּלאַן.

— אַ פּלאַן? וואָס פאַר אַ פּלאַן, עריק מאַריאַן?

— אַ פּלאַן צו פאַרדינען געלט און נישט דאַרפן מער שלאָפן אין גאַס. — ער האָט וואוילינגעריש אַ קוועטש געטאָן מיט אַן אויג. — ווי מיינסטו, זון מיינער?...

— איך בין נישט קיין גנב, אַלטער.

— איך בין אויך נישט קיין גנב, מיין אינגל. צו שוואַכע כוחות דער־צו. כאָטש ווען מ׳איז שטאַרק הונגעריק, גנבעט מען אויך, צום טייוול! קום מיט מיר, קליינער — האָט עריק מאַריאַן זיך גענומען אויפהויבן.

— וואוהין?

— דו פרעג נישט, קום נאָר מיט מיר. וועסט מיך נאָך דאַנקען, כי־כי. זיי זיינען געגאַנגען.

— וויפל געלט האָסטו? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

— געלט? כאַ־כאַ... גאָרנישט!

— געגעסן האָסטו?

— ניין.

— געטרונקען האָסטו?

— ניין.

— איך האָב צוויי מאַרק מיט פופציק. איך לאַד דיך איין צו נאַכטעסן.

די אומגעריכטע ברייטהאַרציקייט פון דעם אַלטן דייטש האָט אויסגעזען פאַרדעכטיק. דניאל האָט זיך געוואָלט צוריקקערן, אָבער באַלד אַ טראַכט געטאָן, אַז איינגנטלעך האָט ער נישט וואָס אָנצואווערן.

זיי האָבן זיך לאַנג געדרייט דורך גאַסן און געסלאַך, צווישן פּאַסן פינצ־טערניש און איינציקע פלעמלאַך פון ראָג־לאַמטערנעס, ביז זיי זיינען שטיין געבליבן פאַר אַ נידעריקן, ליכטיקן אַריינגאַנג. דער אַלטער האָט אים אָנ־גענומען פאַר אַן אָרעם.

— קום, מיין אינגל! — האָט ער אויסגערופן מיטן טאָן פון אַ טאַטע און אַ שפּיי געגעבן וווייט אין דער פינצטערניש אַריין. — דאָ וועלן מיר היינט עסן נאַכטמאָל. הויכע לייט זיינען דאָ פאַראַן, זאָלסטו זיך האַלטן גוט און פריינטלעך מיט אַלעמען. פאַרשטאַנען?

דער חשד האָט זיך צעוואַקסן, נאָר דער אַלטער האָט אַריינגעשלעפּט דניאלן איבערגעוואַלט אין דער ליכטיקער טיר. אַ פּאַטשעריי פון אַ סך

הענט האָט זיי באַגעגנט. דניאל איז שטיין געבליבן אַ געפּלעפּטער, נישט ווי־סנדיק צי דאָס אַפּלאָדירט מען אים אָדער עפּעס אַנדערש. ס׳זיינען גע־ווען מינוטן פון קאַשמאַר. פון אַלע זייטן — קולות, אויסרופן, געלעכטערס, געקלאַנג פון גלעזער און טעלערס, און אַלץ איז געווען פאַרהילט אין אַ בלויליכן נעפּל פון ציגאַרן־רויך.

— וואָס איז דאָ? — האָט דניאל זיך כמעט געטוליעט צום אַלטן.

— אַ קניפּע, זעסט נישט? קום אַהער, מיין אינגל. זעץ זיך דאָ. העי, שויערגיפּפעל! צום טייוול! זאָלסטו גיין, שויערגיפּפעל, אַ שיין אינגל גע־בראַכט, בלוט און מילך. באַהאַנדל גוט, מיין אַלטער פריינד. צוויי לעבער־בראָטן! העי!!

— און געלט האָסטו, אַלטער שנאָרער?

—איך האָב מער ווי דו, דו „לויזער”!

— באַווייז אויב דו האָסט.

— גיי צום טייוול! העי, ווילהעלם! קעלנער! צוויי לעבערבראָטן — האָט דער אַלטער זיך געבייזערט און געשפּיגן. — בעסער קום דו, שויערגיפּפעל. אַלטע פריינד זיינען מיר דאָך. מיר וועלן מאַכן אַ גוט געשעפטל. וואו איז ערגעץ פאָן ווילענבערג?

— ער איז פאַרנומען, עריק. אָבער אָט זיינען טיגעלמאַן, וואונדערערדע, שטאַלענבערג. זיי זיינען אויך בעלנים אויף אַ שיין אינגל...

—טאָ גיב צוויי לעבערבראָטן און ביר! — האָט עריק מאַריאַן שוין „געהויבן דעם מקח”. — באַהאַנדל גוט, שויערגיפּפעל. און שיק מיר נישט שטאַלענבערגן. ער איז אַ האַרטע נוס, ווייל נישט גוט באַצאָלן, דער שיכור...

— צוויי לעבערבראָטן און ביר! — האָט געשריען דער קעלנער.

דער קאַשמאַר ארום דניאלן איז געוואָרן אַלץ נעפּלדיקער און פאַר־טויבנדיקער. אין זיינע אויערן האָט געקלונגען, געטראַסקעט און געהילכט. צווישן די ווילדע און אומפאַרשטענדלעכע געשרייען האָבן זיך געטראָגן ברומענדיקע קלאַנגען פון באַראַבאַן און צאַרטע מוזיק. אַרום און אַרום האָט אַלץ זיך געדרייט, ווי געשטעלט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ, אויסגעגלייכט זיך און ווידער אַראָפּ. דורך דער שרייענדיקער העלקייט און בלויליך־גרוילעכן נעפּל זיינען פאַרבייגעשוואומען טונקעלע פלעקן פון מענטשן, וואָס האָבן געמאַכט מאָדנע העוויות. דניאל איז ערגעץ געזעסן, צי געשטאַנען, צי גע־גאַנגען, — ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס ער טוט און וואו ער איז. דערנאָך האָבן אים אַנטקעגנגעבליצט צוויי קליינע, פאַרטרונקענע אויגן, און שטייפע, גרויע וואָנסעס, און אימיצער האָט אים נאָכאַנאַנד אַריינגעכיכעט אין פּנים. אַן אַנדערער, אַ מוראַדיק־הויכער, האָט געהאַלטן אַ שווערע

לאַפּע אויף זיין פּלייצע, געדריקט אים צו זיך, געדעדט עפּעס, געלאַכט מיט א גראָבן, שיכורן קול, און ווער ווייסט פאַרוואָס דניאל האָט חשק געהאַט אים אריינצופאָרן מיט א פויסט אין רויטן פּרצוף אריין.

אינמיטן דרינען האָט זיך צעעפנט א טיר און פון דרויסן האָט א זעץ געטאָן א פרישער נאַכטיקער לופט־שטראָם. דאָס איז געווען גענוג. אין דניאלס מוח איז מיטאמאָל ליכטער געוואָרן. עפּעס האָט זיך דאָרט ווידער א קער געגעבן און איז שטיין געבליבן גלייך, גרויזאַם און מאַנענדיק:

— דניאל!!

דאָס איינציקע וואָרט, וואָס דער קלאָר־געוואָרענער מוח האָט פאַר־נומען.

דניאל האָט זיך א ריס געטאָן, א דריי געגעבן און — ער איז שוין געווען אין גאַס.

ער איז געלאָפן אין איין אָטעם דורך טונקעלע געסלאַך און העל־באַ־לויכטענע ראָגן. לאָמפּן זיינען פון דער פינצטערניש אַרויסגעשוואומען און ווידער אין איר דערטרונקען געוואָרן. מענטשן האָבן פאַרבייגעשוועבט, ווי געשפּענסטער. הייזער האָבן זיך גיך געצויגן אין אומענדלעכע שורות — גרויע, ווייסע, גרויע, ווייסע. דניאל איז אָנגעקומען אין א ברייטער, ליכטיקער גאַס.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אַרומגעווישט דעם שווייס. דערנאָך איז ער אַוועק פּאַמעלעך, מיט געמאָסטענע טריט. ס'איז אים געוואָרן קאַלט, אַזוי קאַלט, אַז ביידע שורות ציין אין מויל האָבן זיך צוזאַמענגעקוועטשט.

— עריק מאַריאַן, דו טייוול! עריק מאַריאַן, כאַ־כאַ־כאַ — האָט ער געלאַכט מיט א ביטער געלעכטער. — לעבערבראָטן ווילסטו, עריק מאַריאַן? ביר ווילסטו, דו אַלטער שיכור? וואָרט, עריק מאַריאַן, וואָרט...

— א שאָד די בראָשור — האָט ער זיך דערמאָנט און געמורמלט צווישן די ציין. — א שאָד די בראָשור. מסתמא שפּאָס מאַכן איבער איר, דער אַלטער אויסוואורף, זיך לוסטיק מאַכן... מיט עלבען צוזאַמען... צי מיט אן אנדער שיכור...

באַלד האָט ער זיך געטרייסט:

— שאָדט נישט, דניאל, שאָדט נישט. גוט האָסטו געטאָן. א קערנדל איז עס. כאָטש א קערנדל פאַרזייט. זאָל ער זיך פריילעך מאַכן, דער אַלטער נאַר, צוזאַמען מיט זיינע עלבעס, מיט זיינע פריצן... א פאַרזייט קערנדל, קאָן נישט פאַרפאַלן ווערן...

קאַפּיטל 3.

אין אַ שטאָק־פינצטערער נאַכט

צוויי מעת־לעת האָט דניאל שטאַפּלער „דורכגעשטופּט" מיט אַ קאַפּיטאַל פון צוואַנציק פעניק — אַן איבערבלייב פון צוועלף מאַרק, וואָס ער האָט פאַרדינט פאַר אויסקאַלכן אַ שטוב. אומזיסט איז ער טאָג־איין טאָג־אויס געגאַנגען אין דער אַרבעט־פאַרמיטלונג־ביוראָ. דער באַאַמטער, פּאַרטאָן אין פּאַפּירן, האָט שטענדיק געהאַט דעמזעלביקן טרוקענעם ענטפער:

— „ניכטס פיר זי"...

מיט די צוואַנציק פעניק האָט ער באַוויזן זיך איינצוקויפן אַ שטיק ברויט און עטלעכע באָמבאָנען. אָ, ס'איז אים געווען גוט: ער האָט געגעסן באָמבאָנען אָנשטאָט מיטאָג, באָמבאָנען אָנשטאָט פלייש, און לסוף — באָמבאָנען אָנשטאָט ברויט. ער האָט געדענקט: ווען ער איז אַ קינד געווען און ער האָט געבעטן ביי דער מאַמען אויף צוקערקעס:

— מאַמע, גיב מיר אַ גראָשן!

פלעגט זי ענטפערן צום גראַם:

— אַז אָפּגענומען זאָל דיר ווערן דאָס לשון...

איצט האָט ער צוקערקעס לרוב, לרוב...

די לעצטע נאַכט האָט ער ארומגעבלאָנקעט אין די גאַסן. פאַרנאַכט האָט ער געשטילט דעם דאָרשט ביי אַ זילבער־שפּריצנדיקן פאָנטאַן אין שאַרלאָטענבורג. ער איז אַהין אַוועק צופוס אָפּוואַרטן יעקב בליצשטיינען נישט ווייט פון זיין פּאַלאַצדיק הויז — טאָמער וועט ער אים דערזען, וועט ער אוודאי קריגן נאָך אַ קליינע הלוואה. נאָך אַן אומזיסטן שעהנלאַנגן וואַרטן, איז ער צוריקגעגאַנגען צופוס איבער די לאַנגע, כמעט אָנסופיקע גאַסן.

„מיטן שוויים פון דיין שטערן זאָלסטו פאַרדינען דיין ברויט", האָט ער זיך דערמאָנט וואָס דער טאַטע, שמעון דער מאַליאַר, האָט אים אָנגע־

זאָגט. אָבער אין דער ביורא ענטפערט אים אַלץ דער באַמטער, א פאַר־מוטנער אין פאַפּירן:

— „ניכטס פיר זי"...

נישטאָ קיין בעלנים אויף שוויים פון שטערן. א קנאַפּע מציאה. קיי־נער דאַרף דיך נישט. אַן איבעריקער ביסטו אויף דער וועלט.

ער האָט אויפגעגעסן דעם לעצטן באָמבאָן יענעם אינדערפרי און ביי־טאָג האָט ער זיך געקוויקט מיט פרישע לופט אין א שטאָטישן גאָרטן. נישט געווען צו וועמען זיך צו ווענדן, וואוהין צו גיין.

מיט אומגעדולד האָט ער זיך דערוואַרט ביזן אָוונט. ער האָט באַשלאָסן, אַז היינט מוז עס געשען: ער מוז געפינען מילערן, זיין חבר יוסף מילער, און מאַכן מיט אים א שטיקל „באַלעגאַלישן חשבון", צוריקמאָנען עפּעס פון אַן אַלטן חוב. ער האָט געוואוסט, אַז מילער איז נישט אין קיין מצב צו קאָנען צאָלן חובות; אָבער עפּעס... כאָטש עטלעכע מארק... וואָס זיינען עטלעכע מארק אין פאַרגלייך צו די אַמעריקאַנער דאָלאַרן, וואָס ער האָט אויף אים אויסגעגעבן? פאַר איין דאָלאַר קריגט מען אפשר הונדערט, אַנ־דערע זאָגן — הונדערט פופציק מארק.

אין איין אָרט האָט ער געקאָנט טרעפן מילערן און אים טאַקע געטראָפן: אין א אידישן קלוב ערגעץ אין דער אָרימער געגנט פון בערלין. אָבער מי־לער איז געווען שטאַרק פאַרנומען און האָט זיך אויף אים נישט אומגע־קוקט. ווי שטענדיק, איז ער געזעסן ארומגערינגלט מיט אומבאַקאַנטע יונ־גע מענטשן, מענער, פרויען, וואָס יעדער האָט געזוכט דעם אנדערן אריי־בערצושרייען, אריבערצוקיבעצן. די בערלינער באָהעמיע...

דניאל האָט נישט געקאָנט גלויבן, אַז זיין חבר האָט אים נישט באַמערקט. ער האָט זיך געדרייט ארום דער גרופּע, אָבער נישט געוואָגט ארויסצורופן מילערן. מילער איז געווען פאַרנומען...

„זאָלסט דן־זיין יעדן מענטשן לכף־זכות", האָט דניאל געדענקט דעם מאַטנם לערעס, די תורה פון פאַרצייטישע אידישע חכמים, וואָס דער טאַטע האָט איבערגענומען פון זיידן, דער זיידע פון עלטערזיידע, ביז אין די עלטסטע דורות אריין. ווי אַזוי קאָן מען דן־זיין לכף־זכות? פריינטשאַפט, חברשאַפט! „אָ, יאָ, אַזוי לאַנג ווי עס לוינט זיך, אַזוי לאַנג ווי מ'קאָן יע־נעם אויסנוצן"... — האָט דניאל געטראַכט מיט פאַרביטערונג.

— לכף־זכות, כאַ־כאַ־כאַ...

„עריק מאַריאַן — האָט דניאל ווייטער געטראַכט. — אַלטער אויס־וואורף דו. וואַלגערט זיך אויך אין די גאַסן, אָבער עטלעכע פעניק אויף

א ביר האָט ער מסתמא שטענדיק, ווייל ער „באַארבעט" פּאַרבייגייער אין די גאַסן. נישטאָ אַזאַ יאָלד ווי דו, דניאל!"

ער האָט אויפגעהערט זיך צו דרייען ארום דער „באָהעמישער גרופּע", ווייל ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז ער מוז איצט אויסזען אין מילערס אויגן ווי א פּראָצענטניק, וואָס קומט מאָנען זיין בלוטיקן חוב, אפשר ווי א שיילאָק, וואָס קומט נאָכן שטיק פלייש...

ער האָט געוואוסט וועגן א אידישן קאָמיטעט, וואו אָרימע עמיגראַנטן ווערן ארויסגעהאָלפן. אהין האָט ער נישט געוואָלט גיין. דאָס וואָלט געווען אָלץ איינס ווי עריק מאַריאַנס „באַארבעטן" פּאַרבייגייער אין די גאַסן, לעבן פון מענטשלעכן רחמנות. דניאל האָט נישט געוואָלט קיין רחמנות, נאָר גערעכטיקייט. אָבער א מאָדנער חשד איז אים איינגעפאַלן: אז אויך מילער „באַארבעט" אַזוי מענטשן, לעבט אוודאי פון דעם קאָמיטעט, פּונקט ווי פון חברים.

דניאל איז געשטאַנען אינמיטן דעם זאַל, דאָס היטל וואוילויונגעריש אראָפּגערוקט איבער די אויגן און מיט ביטול באַטראַכט אלעמען ארום, צוגעהערט זיך צו פּלאַפּלערייען און שטיפּערייען, דערזען ווי יוסף מילער, א פוס אויף א שטול ארויפגעשטעלט, שטייט אין צענטער פון דער באָהעמיע און לייענט פאָר מיט התמדה א ניי ליד, וואַרטנדיק אויף באַוואונדערונג. אויך ער, דניאל, איז געשטאַנען אין צענטער פון דער באָהעמיע, אינמיטן דעם לאַנגן און שמאָלן זאַל און... ער האָט זיך צעלאַכט אויפן קול.

נייגעריקע אויגן האָבן זיך אָנגעשטעלט אויף אים. פאַרשעמט האָט ער זיך אוועקגעזעצט און נאָך טיפער ארונטערגעלאָזט דאָס היטל איבערן שטערן.

ניין, ער וועט אויף מילערן נישט וואַרטן, האָט ער באַשלאָסן. ער איז נישט קיין שיילאָק, און נישט קיין „באַארבעטער" פון פּאַרבייגייער. אַלטע חשבונות? עד...

אָפּגעהאַקטע ווערטער האָבן זיך דערטראָגן צו זיין געהער, אויסרופן, פראַזן:

— זע־נאָר, זע...

— ער מיינט דאָך...

— נישטאָ ווער זאָל לאַכן...

— שאָך דעם קעניג!

— כאַ־כאַ־כאַ...

— יאָ, מיין פריינד, דער אָריענט איז דאָס אָרט, פון וואַנען ס'גייט אויף די זון... דערפאַר... דער אָריענט, זאָג איך...

דאָס קול, וואָס האָט די לעצטע ווערטער ארויסגעזאָגט, האָט געהאַט אַן אויסטערלישן אָפּקלאַנג פון פאַרצייטן. ס'איז געווען מילד, האַרמאָניש, פאַרוויגנדיק. דניאל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט דערזען אַ הויכ־געוויקסיקן יונגנמאַן, דאָס פנים ביינערדיק און דורכזיכטיק, אויגן ברענענ־דיקע, ווי פון אַ נישט־דאָאיק ליכט. זיין מיטשמועסער איז געווען אַ מענטש אַ געוויינטלעכער, אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט אים כסדר אָפּגעפרעגט, סקעפּטיש געשמייכלט אָדער אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט דעם יונגנמאַנס באַהויפּטונגען.

— אַוודאי האָבן מיר געהאַט אונזערע בעלי־קבלה, ווער לייקנט עס?

— האָט געזונגען דאָס קול. — אָבער איר ווייסט נישט, אַז זיי האָבן געשעפּט זייער חכמה פון דיזעלביקע מקורות ווי די אָריענטאַלער, און ס'איז איין און דיזעלביקע לערע, נאָר אין אַן אַנדער לבוש... די עסאָטערי־שע לערע פון אַלע רעליגיעס... סתרי־תורה רופט מען עס ביי אונז...

דניאל האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. די ווערטער זיינען געווען פול מיט דערמאָנונג. ערשט נעכטן האָט ער וועגן דעם געלייענט אין אַ שטאָ־טישער ביבליאָטעק. ער האָט געקוקט מיט אינטערעס אויף דעם הויכגע־וויקסיקן מענטשן און זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און אויף אַ סע־קונדע זיך באַהעפט מיט אַ קוים־מערקבאַרן שמייכל.

— אמת, דער אָריענט איז פאַר אונז דער פינצטערסטער טייל פון דער וועלט. אָבער ערשטנס, צי קאָן מען דען זען ליכט אין ליכט? און צווייטנס, איז דאָרט פינצטער נאָר פאַר אונזערע מערבדיקע באַגריפן, דערפאַר וואָס דאָרטיקע מענטשן האָבן קיין אינטערעס נישט אין אונזער בלומרשטער ציוויליזאַציע, אַ ציוויליזאַציע, וואָס האָט קאָנצענטרירט איר גאַנצע וויסנ־שאַפט אויף באַשאַפן אומגליק און אומוויסן פון דער אמתער וויסנשאַפט און פונם איינציק־רעאַלן, וואָס לעבט אין אונז: די נשמה. נו, איך ווייס, איך ווייס, אַז איר גלויבט נישט אין דעם... דאָ איז דאָך טאַקע די צרה: וואָס מיר גלויבן נישט אין דעם, וואָס איז מסוגל אונז צו פאַרשאַפן אמתן גליק...

די בליקן פון דעם „אָריענטאַליסט" האָבן זיך ווידער איינגעזויגן אין דניאלן, און ווי לייענענדיק זיינע מחשבות, האָט ער גערעדט:

— פאַראַן בלויז געציילטע מינוטן פון התרוממות הנפש, ווען מ'קאָן נישט לייקענען אין דער נשמה, ווען מיר דערפילן מיט אַלע חושים, אַז מיר זיינען אַנדערש ווי דאָס, וואָס מיר מיינען אַז מיר זיינען... נישט אַלע מענטשן זיינען זוכה אפילו צו אַזעלכע מינוטן. כ'קאָן עס אייך נישט מסביר זיין. מ'דאַרף עס אַליין האָבן דורכגעפילט. מענטשן זיינען דאָ —

האָט ער ווידער געקוקט אויף דניאלן, — וואָס פון אַ פריערדיקן גילגול קומען זיי שוין צוגעגרייט דערצו... און זיי זיינען זוכה... ספּעציעל זיינען זוכה די וואָס ליידן... זיי זיינען זוכה צו לעבן אָט דאָס אמתע לעבן אַ סך מאָל אין משך פון זייער קורצן גאַנג איבער דער ערד... ווי זאָל איך עס אייך געבן צו פאַרשטיין? דאָס איז עפּעס אַזוינס ווי אַריינבליקן אינם תהום פון זיך אַליין, פון אָן עקזיסטענץ פון יאָרטויזנטער... פאַראַן אַזעלכע מענטשן, פאַראַן... וואָס זאָגט איר, מיין אומבאַקאַנטער פריינד? — האָט ער זיך אומגעריכט געווענדט צו דניאלן.

אויף דניאלס ליפּן האָט אויפגעלויכטן אַ שמייכעלע און זיך באַלד פאַרלאָשן. צווישן אים און דעם אומבאַקאַנטן האָט זיך אַ צי געטאָן אַן אומגעזעענער שנור פון סימפּאַטיע.

אביסל שפּעטער האָט דניאל שטאַפּלער געשמאַק געגעסן דעם פיינעם קיכל מיט טיי, וואָס זיין נייער פריינד, אברהם פרידמאַן, האָט באַשטעלט פאַר אַלע דריי. און אויף פרידמאַנס בקשה, האָט ער געפּרואווט דערציילן פון זיינע נשמהדיקע איבערלעבענישן:

— איר זייט גערעכט: מ'קאָן עס נישט איבערגעבן... אַפילו נישט פאַר זיך אַליין... איך בין נישט קיין גלוביקער און גאָט האָט מיך קיינמאָל נישט אינטערעסירט... פונדעסטוועגן דאַכט זיך אַפּטמאָל, ווי מ'וואָלט דערזען גאָט... דעם זין פון זיין אויף דער וועלט... צי דאָס זיין פון זין אויף דער וועלט... ניין, מ'קאָן עס נישט געבן צו פאַרשטיין.

אברהם פרידמאַן איז געווען פאַר אים ווי לבנה־ליכט, וואָס האָט דורכגעשניטן געדיכטע כמאַרעס אינמיטן פון אַ שטאָק־פינצטערער נאַכט. אָבער גיך איז די לבנה ווידער פאַרשלונגען געוואָרן דורך די כמאַרעס און אַ ימש־חושכדיקע פינצטערניש האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן פּנים פון דער ערד.

אומזיסט איז דניאל צוריקגעקומען עטלעכע אָוונטן נאָכאַנאַנד אינם אידישן קלוב; מער האָט ער זיין נייעם פריינד נישט געפונען.

ביי בליצשטיינען אויף שאַרלאָטנבורג.

ווען יעקב בליצשטיין און זיין כלה שיינע־שרה האָבן זיך דערוואוסט אין וואָס פאַר אַ מצב עס געפינט זיך דניאל, האָבן זיי באַשלאָסן אים אַריינצונעמען אין עמאַ הערצנבערגס שטוב אויף שאַרלאָטנבורג. בליצשטיין האָט זיך צוערשט אביסל געקווענקלט, — ס'האָט דאָך נישט געפּאַסט אַריינצונעמען אַ פרעמדן מענטש אין זיין שוועסטערס הויז, — אָבער שיינע־שרה האָט זיך צעפּיעשטשעט:

— יאַנקעלע, גאָלד מיינער, טו עס מ י ר צוליב... ער איז דאָך, נע־בעך, אַזוי עלנט...

דאָס הויז איז געשטאַנען אין דער רייכסטער געגנט פון שטאָט. אַרום האָבן פּאַלאַצן זיך געטרונקען צווישן ביימער און בלומען־לאַנקעס. זילבער־דיקע אָדערן פון טייכן און קאַנאַלן האָבן זיך געשלענגלט אין דער גרינער שפע פון דער מאַמע־ערד און פאָנטאַנען האָבן געשפּריצט מיט מיליאָסן בריליאַנטן אונטער דער סוף־זומערדיקער זון. אין די שאָטנדיקע אַלייען און רחבותדיקע בולוואַרן האָבן שילדן פון קאַפעען און קאַבאַרעטן גע־רופן מיט שרייענדיקע קאָלירן.

עמאָס הויז איז נישט געווען קיין פּאַלאַץ, אָבער אין דניאלס אויגן האָט עס סיי־ווי־סיי אויסגעזען ווי אַרויסגענומען פון אַ כּישוף־מעשהלע. דאָרט זיינען נישט געשטאַנען קיין לאַקייען ביי די אייזערנע טויערן און ס׳האָבן נישט געשפּריצט קיין פאָנטאַנען. ס׳איז געווען אַ שמאָלע, סאָלידע טיר, וואָס האָט דורך מאַרמאָרנע, טעפּיך־אויסגעבעטע טרעפּ געפירט צו אַ סאַלאָן מיט טונקל־רויטע פּליושענע מעבל, שפּיגלען און וואַזאָנען. פונעם סאַלאָן האָבן זיך געצויגן ווייסע קאָרידאָרן און חדרים, וואו ס׳זיינען גע־ווען די שלאָפצימערן פון דער קליינער משפּחה און דאָרט האָט אויך גע־וואוינט שיינע־שרה, די אַמאָליקע לערערקע פונעם שטעטל און עמאָס אינ־טימע חבֿרטאָרין. יעקבֿ בליצשטיינס אַלקער איז געווען אינאיינעם מיט זיין אַרבעט־צימער, נישט ווייל ס׳האָבן אויסגעפעלט צימערן אינם גע־רוימען הויז, נאָר ווייל אַזוי האָט געוואָלט יעקבֿ בליצשטיין, אויף צו להכעיס דער בורזשואַזער משפּחה זיינער. דאָרט איז געווען אַ לענגלעכער, מאַסיווער שרייבטיש, געשניצט פון פיינסטן האָלץ, וואו ס׳האָבן זיך גע־הויפט ביכער און פּאַפּירן. דאָס בעט — באַהאַלטן פון פרעמדע בליקן — איז געשטאַנען הינטער אַ געדיכטן, גרינעם פּאַרהאַנג. אויך אין בליצ־שטיינס חדר זיינען געווען ווייכע שטולן און פאָטעלן פאַר דער „באַנדע", וואָס פלעגט אָפט קומען צו אים, און די טריט זיינען דאָרט פאַרזונקען געוואָרן אין שטילקייט פון ווייכע פּערסישע טעפּיכער. מ׳האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז מ׳גייט אויף די שפּיץ פינגער, בכדי נישט אויפצואוועקן אי־מיצן, וואָס שלאָפט הינטער דעם גרינעם פּאַרהאַנג.

אין אָט דעם צימער האָט יעקבֿ בליצשטיין אַריינגענומען דניאלן. פּונקט אַזוי האָט ער אים געקאָנט אָפּגעבן אַ באַזונדערן אַלקער, אָבער ווידעראַמאָל: ער האָט נישט געוואָלט בעטן קיין טובֿות ביי זיין רייכער שוועסטער און איר אָנגעבלאָזענעם מאַן, וועלכער פלעגט זיך קיינמאָל נישט ווייזן אין הויז, צוליב זיין שנאה צו אָט דער „באַנדע אָסט־יודען".

דניאל איז געווען בליצשטיינס פּערזענלעכער ענין, פּונקט ווי „די באַנ־דע", וואָס ער פּלעגט ברענגען צו זיך. זעלטן פּלעגן זיי זיך באַנוצן אויך מיטן גרויסן זאַל און געוויינטלעך איז מען געזעסן אין בליצשטיינס צימער.

— דאָ וועסטו וואוינען, מיין ליבער דניאל — האָט בליצשטיין אים געגומען דוצן, צוליב פּריינטשאַפט אָדער גוטמוטיקער תקיפות. — דאָ וועלן מיר אריינשטעלן א פיינע קאָשעטקע און דו וועסט זיך ווי עס איז שוין איינאָרדנען, ביז עס וועלן קומען בעסערע צייטן. צופרידן, דניאל? וואָס דו וועסט דאַרפן, זאָלסטו זיך ווענדן צו מיר אָדער צו שיינע־שרהן. מיט זיי, מיט די בורזשויען, זאָלסטו וואָס ווייניקער האָבן צו טאָן. און זאָל דיך גאָרנישט אַרן טאָמער נעמען זיי גאָר בורטשען... הע, דניאל? — און ער האָט אים גוט־ברודעריש א קלאַפּ געטאָן אויף דער פּלייצע, אפשר כדי צו פאַרטרייבן די אומאַנגענעמקייט פונם פּלוצלונגען דוצן.

סיי אָט דאָס דוצן, סיי בליצשטיינס גוטסקייט און רחמנות, האָבן דניאלן דערנידעריקט, דערמאָנט אָן עריק מאַריאָן... אָבער דער פאָרשלאָג זיך צו באַזעצן אינם רייכן הויז איז געקומען אזוי אומגעריכט, אַז ער האָט אַפילו קיין צייט נישט געהאַט אָפּצוזאָגן. עמאָן האָט ער כמעט נישט גע־קענט, ווייל זי האָט זיך זעלטן געוויזן, ווען די „באַנדע" איז געווען אין הויז. עלזען, וועלכער מ'האָט גערופן „די שיינע עלזע", האָט ער עטלעכע מאָל באַמערקט — און איר אָנבליק האָט אים געמאַכט לויפן האַסטיק דאָס בלוט איבער די אָדערן.

זינט ער איז געקומען קיין בערלין, האָט ער זיך באַמיט צו פאַרגעסן פרידעלע דובסאָנען. ער האָט זיך געשעמט פאַר דעם הייסן ליבע־בריוו, וואָס ער האָט אזוי אומבאַטראַכטערהייט איר אַוועקגעשיקט פונם עמי־גראַנטן־לאַגער; יענער בריוו האָט אים אויסגעוויזן ווי אַן אומאָפּפרעגבאַ־רער דאָקומענט, וואו ס'איז באַשטעטיקט געוואָרן זיין נאַרישקייט, זיין קינדישקייט. זינט ער האָט דעם בריוו אַוועקגעשיקט, האָט ער זיך אָפּט פאַרגעשטעלט ווי ער ווערט אויסגעחוזקט; ווי פרידעלע דובסאָן קומט זיך צונויף מיט אירע חברטעס, און דער הויפּט־העלד אויף אַזעלכע צוזאַ־מענקונפטן איז שטענדיק נישט קיין אַנדערער ווי חיים לעשמאַן — זיין, דניאלס, קאָנקורענט... פאַר אים האָט פרידעלע קיין סודות נישט... ער האָט דעם בריוו אוודאי געלייענט פריער ווי אירע אינטימסטע חברטעס. און חיים לעשמאַן זאָגט: „נו, איצט וועלן מיר זיך אביסל פריילעך מאַכן, מיידלאַך! ווי זאָגט איר?" „יאָ, יאָ!", שרייט מען פון אַלע זייטן. „פרי־דעלע, לייען דעם בריוו פון דיין פאַרליבטן, פרידעלע!" „פרידעלע, דערציי‏ל נאָר עפּעס פון אים!" „פרידעלע, זאָג אונז: ווי אַזוי האָט ער זיך דיר

דערקלערט אין ליבע?״ — און די מיידלאך פאַרגייען זיך אין קוויטשיקע געלעכטערס אויף זיין, דניאלס, חשבון...

דניאל האָט זיך פונדערווייטן געשעמט. ער האָט זיך באמת צו פאַרגעסן פרידעלען, און אין די וואָכן און חדשים, ווען ער האָט היימלאָז אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן פון בערלין, האָט ער לחלוטין אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן איר. דעמאָלט האָט ער פון צייט צו צייט זיך דערמאָנט אָן דער שיינער עלזע, אָבער נישט געוואָגט צו חלומען אַפילו וועגן איר.

זי האָט געהאַט אַזויפיל חן, אַז דאָס האַרץ פלעגט זיך אָפּשטעלן אויף אַ סעקונדע, ווען דניאל פלעגט זי דערזען. פון אירע טונקעלע שולמית־אויגן האָבן געקוועלט סודותדיקע פאַרלאַנגען, און אירע שוואַרצע, זייד־גלאַנציקע האָר האָבן גערופן אין אַן אומבאַקאַנטער ווייטקייט אַריין. ווען זי האָט געשמייכלט, האָבן חן־גריבעלאך זיך אויסגעהוילט אין אירע צעפּלאַמטע בעקלאך — און דעמאָלט האָט דניאל זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. עלזע האָט נישט ליב געהאַט „די באַנדע״, איר פעטערס חברים; פונדעסטוועגן האָט דניאלן זיך אויסגעדאַכט, אַז אים נעמט זי נישט אַריין אין דער „באַנדע״. אַמאָל האָט זי אים צוגעוואָרפן אַ ליכט שמייכעלע, פון וואָס אַ וואַרימקייט האָט אַ פליץ געטאָן איבער אַלע זיינע אברים.

תחילת האָט איר נאָענטקייט אים צעמישט, ווען ער האָט זיך אַריינגעקליבן צו יעקב בליצשטיינען, אינם „פּאַלאַץ״ אויף שאַרלאָטענבורג. אָבער ער האָט זיך באַלד געגומען אין די הענט אַריין און באַשלאָסן נישט צו טראַכטן וועגן אָט דער בורזשואַזער מיידל, אַפילו זיך נישט אומקוקן אויף איר. פונדעסטוועגן פלעגט ער רויט ווערן ביי איר אָנבליק. אין דער סודותדיקער נעץ פון צימערן און קאָרידאָרן אין בליצשטיינס הויז איז עלזעס צימער געווען פאַר אים אַ באַזונדער־אָנציענדיקער סוד. הגם ער האָט זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז ער וועט זי נישט באַמערקן, האָט ער אָפט נאָכגעקוקט אירע לייכטע, אונטערשפּרינגענדיקע טריטלאך, אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט דערגיין וואו זיי פאַרשווינדן און וואו עס געפינט זיך איר אַלקער. אָט איז זי געווען אין איין טיר, אָט אין אַן אַנדער טיר. אָפּטמאָל האָבן זיך אַ טראָג געטאָן איבערן הויז די האַרמאָנישע טענער פון אַ פּיאַנע — און דניאל האָט געוואוסט, אַז דאָס שפּילט עלזע. ווען ער איז געזעסן אַליין אין זיין צימער און מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך צוגעהערט צו די זשמעניעס קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געוויגט אין דער לופט, האָט ער געחלומט חלומות פון די קינדעריאָרן — און ס׳איז אים געווען גוט. ער האָט געזען פרילינגדיקע פעלדער, כישופדיקע טייכעלאך איבער בלומיקע

לאַנקעס, און פאַרנומען פייגלשן געזאַנג צווישן דיביימער פון וואַלד. ער האָט געזען די הייזער פון זיין שטעטל איינגעהילט אין זון און בנעימות־דיקער שבת־רו. אַפּט האָט פאַר זיין דמיון אויפגעטיקט פרידעלע דובסאָן, די זיסקייט און זעלביקע וואָס ער האָט געוואָלט פאַרגעסן אויף אייביק, און דעמאָלט איז אים איינגעפאַלן, אַז אייגנטלעך איז זיין בריוו צו איר גאָרנישט געווען אַזאַ נאַרישקייט. אַלטע וואונדן האָבן אין אים ווידער געבלוטיקט אונטער די קלאַנגען פון דער פּיאַנע. אָבער ס'איז גענוג געווען, אַז די קלאַנגען זאָלן איבערגעריסן ווערן און ער זאָל דערהערן די לייכטע, אונטערטאַנצנדיקע טריטלאַך פון דער שיינער עלזע, — אַז דניאל זאָל בלייבן פאַרחושט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ פאַרנעמען יעדן באַוועג און יעדן שאָרך פון דער אַנדערער זייט טיר.

זינט ער האָט זיך אַריינגעצויגן צו בליצשטיינען, האָט ער באַשלאָסן, אַז ער מוז ווערן „אַ מענטש מיט מענטשן גלייך", קריגן אַ שטענדיקע אַרבעט און זיך אָנטאָן לייטיש; זיין איצטיקער מצב און הילוך האָבן נישט געפּאַסט... אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען גענוג זיך אויסצופּיינען פאַר דער קליינער און שיינער עלזע. אויספּיינען זיך האָט ער געקאָנט אפשר דורך כישופדיקע בילדער, וועגן וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו חלומען, אָדער דורך שטאַרקע מעשים פאַר דער רעוואָלוציע, פאַרן יושר פון דער וועלט. ער האָט געוואוסט, אַז עלזע איז דווקא נישט אַזוי אַנטציקט פאַר אָט די מעשים און אַז זי האָט עס אַ נאָמען געגעבן די ספּאַרטאַקוס־חברים „די באַנדע"; ס'איז אים אָבער איינגעפאַלן, אַז דורך אַזעלכע מעשים וועט ער, דניאל, זיין אַנדערש אין אירע אויגן און ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג צו זיין אַנדערש, נישט ווי יעדער איינער פון דער „באַנדע"...

בליצשטיין האָט פאַר אים גיך געקראָגן אַרבעט. זיין באַלעבאָס איז געווען אַ קליין, מאָגער אידל, מיט אַ שיטער בערדל, וואָס האָט שטאַרק דערמאָנט אָן שמעון דעם מאַליאַר, זיין אייגענער טאַטע. דער איצטיקער באַלעבאָס זיינער האָט נישט געהייסן שמעון, נאָר טוביה און מ'האָט אים גערופן טויבקע דער שמירער. אַרבעט האָט דעם שמירער נישט געפעלט, אָבער ער איז געווען ווי איין בינטל נערוון: רק זיך געוואָרפן, רק געווען אין כעס, און וואָס דניאל זאָל נישט טאָן, איז אים נישט געווען צום האַרצן; וועגן לאָזן אים צוטראַכטן אַ צייכענונג אָדער אויסמאַליעווען אַ שטוב האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין; דאָס איז געווען טויבקע דעם

שמירערם אייגענע מלאכה; דניאל איז ביי אים געווען נישט מער ווי א שיק־אינגל, אָדער אין בעסטן פאַל — אַ שטיקל געהילף, וואָס זיין עובדה איז געווען צו מישן פאַרבן אָדער קראַצן און טינקעווען די ווענט. דער לוין איז געווען אבי נאָר דאָס לעבן צו דערהאַלטן. און טאָמער איז טויבקע אמאָל געווען צופרידן פון דניאלס ארבעט, האָט ער זיך געבייזערט צוליב אנדערע זאכן — דערהויפּט פאַר דער נישט־פּרומקייט זיינער, פאַרוואָס ער דאַווּנט נישט, פאַרוואָס ער מאַכט נישט קיין המוציא, אָדער פאַרוואָס ער פּוצט זיך אזוי ווען ער ענדיקט די אַרבעט.

דניאל איז נישט געווען געוואוינט צו אזאַ באַהאַנדלונג, אָבער ער האָט זי איבערגעטראָגן באהבה, ווייל ער האָט שוין געוואוסט ווי שווער עס איז צו פאַרדינען אַ מאַרק. די שלעכטע באַהאַנדלונג פון דעם נייעם באַלעבאָס האָט אים פון צייט צו צייט אפילו הנאה פאַרשאַפט, ווייל דורך דעם האָט ער געקאָנט פילן דעם אמתן טעם פון זיין אַ פּראָלעטאַריער און באַרעכטיקן די „שטאַרקע מעשים", נאָך וועלכע ער האָט געלעכצט...

ער האָט איצט פאַרשטאַנען דעם אמתן באַטייט פון זיין פאָטערס תורה: „מיט שוויים פון דיין שטערן זאָלסטו פאַרדינען דיין שטיקל ברויט", און קוקנדיק אויף דעם אַלטן, נערוועזן באַלעבעסל, האָט ער אויך פאַר־שטאַנען וואָס עס מיינט דער פּסוק: „זאָלסט שטענדיק דן־זיין דעם מענטשן לכף־זכות".

קלוגע קעפּ געווען, אונזערע עלטער־עלטער־זיידעס...

קאַפּיטל 4.

שבת־קודש־ליכט...

ווי א פליגעלע צום ליכט, אזוי האָט דניאלן געצויגן צו דער שיינער עלזע. ער האָט געוואָלט זי אויסמיידן, אָבער נאָכגעפאָלגט אירע פוס־טריט. ער האָט געוואוסט, אַז זי איז נישט זיינס־גלייכן און קאָן אפשר ווערן דאָס שפּינוועבס פאַר אַלע זיינע יוגנט־חלומות; פונדעסטוועגן האָט ער וועגן איר געחלומט פון דער ערשטער מינוט ווי ער האָט זי דערזען. ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער וועט זי קיינמאָל נישט דערגרייכן; פונדעסטוועגן האָט ער געזוכט איר ליבע. צוערשט האָט ער געפּרואווט באהאלטן אָט דאָס געפיל פאַר זיין אייגענעם באוואוסטזיין און אין געדאנק האָט ער אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט זיינע מאָדנע מעשים און הינטער־כוונות; אָבער דערזעלביקער געדאנק האָט אים אויך אָנגעזאָגט, אַז יעדן טאָג לייגט ער צו א קינעלע צום פייער, וואָס טליעט אין אים בסוד און וואָס פריער אָדער שפּעטער וועט ער זיך צעפלאַקערן מיט אן אלץ־פארצערנדיקן פלאַם.

ס'איז געווען פרייטיקצונאכטס און ער האָט געדענקט דער מאמעס שבת־קודש־ליכט.

לאַנג ווי ער האָט נישט געהאט אַזעלכע שטימונגען. אין שטעטל האָט מען אים געקענט פאר אן אפּיקורס, וואָס איז מחלל־שבת בפרהסיא, און אין דער „גרויסער וועלט" האָט ער קיין צייט און קיין אינטערעס נישט געהאַט פאר שבתדיקייט; ער איז געווען ווי א יונג בוימל, וואָס דער ווינט האָט אויסגעריסן מיט די וואָרצלען צוזאמען און פארטראָגן אין ווייטע מדבריות. אָבער דאָסמאָל האָט זיין באַלעבעסל, טויבקע דער שמירער, אים דערמאָנט, אַז ס'איז שבת אויף דער וועלט: פרי פאר זונפארגאנג האָט ער זיך אויסגעצוואָגן, צוגעקעמט די שיטערע האָר פון זיין גרוילעך בערדל, אָנגעטאָן די אַטלעסענע זשופּיצע און איז אַוועק אין שולכל אויף דער גרענאַדירשטראַסע. ער האָט איבערגעוואַלט מיטגענומען זיין געהילף, ווי

אין דער תורה שטייט: שבת זאָל זיין פאַר דיר און פאַר דיין הויזגעזינט, פאַר דיין קנעכט און פאַר דיינע בהמות... אויף דער גרענאַדירשטראַסע האָט דניאל זיך ארויסגעדרייט פון זיין באַלעבאָס און אין אַ לאַנגן שפּאַ־ציר זיך אַוועקגעלאָזט קיין שאַרלאָטענבורג.

אַ פאַרנאַכט איז עס געווען אַ לאַנגער, אַ בנעימותדיקער, פול מיט זשמעניעס גאָלד אויף דעכער, ביימער און קופּאָלן — און דניאל האָט געטראַכט וועגן דער מאַמען און אירע שבת־ליכט, וואָס האָבן אויסגעזען צו ברענען אַרום און אַרום איבער דער שטאָט. ער האָט זיך צוגעהערט. די שטאָט האָט גערוישט, ווי שטענדיק, מיט פאַרטויבנדיקע געפּייפן, גע־קלאַנג און געברום פון סירענעס, און דערנאָך זיך גענומען טונקען אין פּילקאַלירנדיקע ליכטער; בלויז דאָרט, ווייט, איבער מיילן, איבער גרענעצן פון לענדער, איז אַלץ געווען רואיק און האַלב־טונקל; אַן אומענדלעכער הימל־בלוי. האָט זיך דאָרט געשפּרייט איבערן שטעטל און מלאכי־השרות מיט ווייסע פליגל פון לבנה־ליכט האָבן פאַרהילט מיט ליבשאַפט די איינ־געניורעטע הייזלאַך.

ס'איז שוין געווען פינצטער, ווען דניאל איז אָנגעקומען אהיים. בלויז פון אַ צימער אינם הינטערגרונט האָט ארויסגעהעלט אַ שפּעלטעלע ליכט. אויף די שפּיץ־פינגער איז ער אריין אינם פינצטערן זאַל און זיך אריינ־געזעצט אין אַ טיפן פאָטעל. ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און פאַר־מאַכט די אויגן. צוגעוואוינט צום טומל פון גאַס, האָט זיין געהער איצט פאַרנומען די שטוביקע שטילקייט, וואָס האָט ווי מיט טויזנט גלעקלאַך געקלונגען, געזשומט און וויברירט. און ווידער האָט ער זיך אריבערגעטראָגן אינם שטעטל אריין, אריבער מיילן און גרענעצן פון לענדער, דאָרט וואו ס'האָבן געברענט בליצלאָמפּן און סטערינליכט האָבן געצאַפּלט מיט געלע פלעמלאַך אין מעשענע לייכטער; וואו דער ניגון פון זמירות צו די מלאכי השלום פון שבת האָט זיך געוועבט אונטער די טיף־בלויע הימלען און אָנגעפילט די לופט; וואו דערנאָך האָט די יוגנט מיט זייד־גערויש און רוישנדיקער פרייד שפּאַצירט איבער די באַביימערטע טראָטואַרן אין שיין פון שטערן־ליכט. דאָרט, צווישן דער שפּאַצירנדיקער יוגנט, האָט, ווי שטענדיק, ארויסגעלויכטן העלער ווי אַלע פרידעלעס פּנים; אירע האָר שמעקן מיט פעלד־בלומען; מיט איר גרינג, ווייס טיולן קליידל און לאַנגע סטענגעס אויף די אַקסלען, זעט זי אויס ווי איינער פון די מלאכי־השלום, וואָס גאָט־ברוך־הוא האָט אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד...

דניאל האָט זיך דערפרייט מיט אָט דער וויזיע. פרידעלעס אָנבליק איז געווען אַ פאַרזיכערונג, אַז זיין איצטיקער קומען אַזוי פרי אהיים האָט

גאָרנישט צו טאָן מיט עלזען... לחלוטין גאָרנישט... ער האָט, הייסט עס, פרידעלע דובסאָנען נישט פארגעסן און נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן. זי איז נאָך דיזעלביקע פרידעלע פון אמאָל. זי וועט שטענדיק זיין אזא ווייסע, אזא צאַרטע, אזא שבת־קודשדיקע...

א דערמוטיקטער, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט אריבערצוטראָגן די פאַנ־טאַזיע אינגאנצן אין דער אַלטער היים אריין, אויפלעבנדיק בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט: חברים, מיידלאך, יונגעלייט, שפּאַצירגענג הינטערן שטעטל, די עלטערן־היים, די קליינע כאַווטשע מיט אירע בליענדיקע בעק־לאך, די מאמע אויפן שוועל פון זייער הויז, דער טאטע, וואָס זיצט ביים שבתדיקן טיש און זינגט שיר־השירים. אָט דאָס גאנצע לעבן האָט איצט אויסגעזען ווי א כישוף־מעשהלע און האָט געקלונגען ווי א וויג־ליד, וואָס די מאמע פלעגט אמאָל זינגען... און דאָס הארץ האָט געטרויערט אויף דעם אוועקגעפלאָסענעם לעבן.

פלוצים האָט ער, א ציטער געטאָן. ס'האָבן זיך דערהערט טריט, לייכ־טע, ווי אונטערטאַנצנדיקע טריט. דניאל האָט גוט געקענט אָט די טריט. ער האָט זיך טיפער אינם פאָטעל אריינגעזעצט און אראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, ווי שיצנדיק זיך פאר אן אומגעזעענעם שונא. א שאָטן האָט פארבייגע־שלייכט — און דניאלס שליפן האָבן גענומען האמערן; די צונג איז צו־געקלעפּט געוואָרן צו זיין גומען. ער האָט געזען ווי דער שאָטן האָט זיך אָנגעבויגן און צוריקגעיאָגט צום קאָרידאָר.

ביסלעכווייז איז דניאל געקומען צו זיך, אָבער דער חלום פונם שטעטל איז שוין געווען צערונען. איצט האָט דניאל געוואַרט אויף עפּעס אומ־באַקאַנטס, אויסטערלישס, וואָס האָט געדאַרפט געשען.

מינוטן זיינען פארביי. צו זיין אויער האָבן דערגרייכט קלאַנגען פון געזאַנג. א צאַרטע שטים האָט געזונגען א דייטשע ליבע־מעלאָדיע. די קלאַנגען האָבן געכישופט און געוועקט פאַרבאָרגענע שפּירונגען. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אז אָט די געפליגלטע ווערטער און שטילע טענער פון ליבשאַפט ווערן אויסגעזונגען פאר אים; אז ער איז עס דער בראַוווער און שיינער געליבטער, נאָך וועלכן עס לעכצט דאָס יונג־מיידלשע האַרץ; און אָט וועט ער, ווי א העלד אין דער אָפּערע, זיך א שטעל טאָן פאר דער פארבענקטער מיידל און ענטפערן מיט נאָך ליידנשאַפטלעכערע ווערטער און געזאַנג...

פלוצים זיינען ווידער אָנגעקומען די גיך־שוועבנדיקע, ווי אונטער־טאַנצנדיקע טריט. דער שאָטן האָט א קוועטש געטאָן א קנאָפּ אין דער וואַנט און דער זאַל איז פארפלייצט געוואָרן מיט בלענדנדיקער ליכטיקייט

עלזע איז געשטאַנען קעגן אים, מיט די הענטלאַך אויפֿן האַרץ און מיט אויסגעבריייטע אויגן פֿון שרעק. דניאל האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ צעטומל־טער. נאָר באַלד האָט איר געלעכטער זיך צעשאָטן, ווי פּערל, איבערן זאַל.

— אַך, איר שלעכט אינגל, ווי איר האָט מיך איבערגעשראָקן! — און עלזע האָט געקוואָלן פֿון זיין תמעוואַטער פֿאַרלעגנהייט.

— אַנטשולדיקט, פֿרייליין עלזע, — האָט ער געשטאַמלט, זוכנדיק ווערטער זיך צו פֿאַרענטפֿערן.

— כ'האָב געמיינט: אַ גנב איז אַריין אין שטוב — האָט זי געלאַכט.

— אַך, ווי איר האָט מיך איבערגעשראָקן!

דניאל האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך. ער האָט זיך געזעצט און ווי־דער אויפֿגעשטעלט, דרייענדיק די הוט צווישן זיינע פֿינגער.

— איר זייט שוין לאַנג דאָ, דניאל?

צום ערשטן מאָל האָט זי זיך געווענדט דירעקט צו אים און אים אָנ־גערופֿן ביי זיין ערשטן נאָמען; צום ערשטן מאָל גערעדט צו אים מענטש־לעך, פֿאַמיליאַר; צום ערשטן מאָל האָט איר פֿריש־שיינענדיק פּנימל אויס־געהוילט פֿאַר אים זיינע חן־גריבעלאַך אין אַן אָפֿענעם שמייכל. דניאל איז געשטאַנען אין עקסטאַז.

— אפשר אַ האַלבע שעה, פֿרייליין עלזע, אפשר אַ האַלבע שעה.

— און איך האָב אייך גאָרנישט געהערט. פּעטער יעקב איז אויך דאָ?

— אַך, ניין, פֿרייליין... כ'בין געקומען אַליין... כ'וואַרט טאַקע... אויף אים... געוואָלט רעדן...

— אַך, איר שלעכט אינגל! — האָט זי ווידער אויסגערופֿן.
די שיינע עלזע!

צום ערשטן מאָל האָט זי פֿאַרפֿירט מיט אים אַ שמועס, גערעדט נישט ווי צו איינעם פֿון דער „באַנדע". צום ערשטן מאָל האָט זי אים דערציילט פֿון איר לעבן, פֿון טאַטע־מאַמע און פֿון חברטעס, און געקלאָגט זיך, אַז ס'איז איר אומעטיק צו זיין אַליין אין שטוב.

צאַרטקייט און גליק זיינען געוואַקסן אין דניאלן, בעת זי איז געזעסן אינעם פֿאָטעל קעגנאיבער אים און גערעדט מיט אַזאַ אָפֿן פּנים, מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט און היימישקייט, ווי זיי וואָלטן געווען אַלטע גוטע פֿריינד.

— און פֿאַרוואָס זייט איר שטענדיק אַזאַ אומעטיקער, דניאל? — האָט זי אומגעריכט געוואָלט וויסן וואָס עס טוט זיך אין זיין נשמה. און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער, האָט זי ווייטער געזאָגט:

— איר ווייסט, כ'האָב ליב אומעטיקע מענטשן, בלאַסע, פֿאַרטראַכטע, אָט אַזעלכע ווי איר... ס'דאַכט זיך מיר שטענדיק, אַז איך זע פֿאַר זיך אַ

בחור, וואָס גייט־אויס פון ליבע, ווי אין יענעם ליד... ס'איז אזוי ראָמאַנ־טיש... אייך געפעלן נישט אונזערע דייטשע ראָמאַנסן? איך האָב זייער ליב „די לאָרעליי". איר קענט דאָס ליד?

— אָך, זינגט, עלזע, כ'האָב זייער ליב אייך צו הערן זינגען!

נאָר עלזע האָט זיך ראַפּטום א הויב געטאָן, זיך צעלאַכט מיט איר פּערלדיק געלעכטער, געמאַכט א קניקס און ווי א שטיפעריש קעצל זיך ארויסגעגליטשט פון זאַל.

קאַפּיטל 5.

דניאלס ליבע:

שפּיצפינגערדיק, מיט קעציִשע טריט, האָט די ליבע זיך אַריינגעשליכט אין דניאלס נשמה; אָבער זינט יענעם פרייטיקצונאַכטס האָט זי דאָרט פאַרנומען דעם גאַנצן שטח, איטלעך ווינקעלע און יעדן קנייטש. און די חלומות פון אויפטאָן גרויסע זאַכן פאַר דער מענטשהייט זיינען, בלאַסע און פאַרשעמטע, אַנטלאָפן געוואָרן און זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דעם פלאַמפייער, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן.

— „איר ווייסט, כ'האָב זייער ליב אומעטיקע מענטשן, בלאַסע, פאַרטראַכטע, אָט אַזעלכע ווי איר"...

פאַר דניאלן זיינען אָט די ווערטער געווען איבערגענוג אים אויפצוטרייסלען אין די טיפסטע טיפענישן. צום אומצעליקן מאָל האָט ער זיי איבערגעחזרט און דורכגעטראַכט. צום אומצעליקן מאָל האָט ער געהערט דעם עכאָ פון איר פערלדיקן געלעכטער, געזען ווי זי זיצט קעגנאיבער אים אינם פאָטעל, און ער האָט שטודירט איר יעדן שטריך און באַוועג. אַלץ איז אין איר געווען האַרמאָניע און פולקומענהייט.

ווי אַנדערש איז געווען אָט די ליבע פון דער פריערדיקער! דניאל האָט געטראַכט, אַז אייגנטלעך איז קיין פריערדיקע גאָרנישט געווען. פרידעלע דובסאָן — איצט אַזוי ווייט און אומרעאַל — איז שטענדיק געווען בלויז אַ שאָטן, וואָס האָט אים פון דערווייטן באַגלייט, אָבער אים אַליין נישט אָנגערירט און נישט אַריינגעדרונגען אין זיין האַרץ. עלזע איז אָבער נישט קיין שאָטן. עלזע איז געוואָרן אַ טייל פון אים גופא, ער אינגאַנצן, ווי ער אַליין וואָלט זיך אויפגעלייזט אין איר. אָן איר שטומער, אויסגעחלומטער הסכמה און אָן איר באַגלייטונג, איז ער נישט פעאיק געווען צו מאַכן דעם מינדסטן טריט; ער האָט נישט געקאָנט אָטעמען אָן איר אָטעם, וואָס ער האָט געפילט אין זיך און אַרום זיך. אין דער שטיל האָט ער

נאָכגעמאַכט אירע באַוועגונגען, אירע תנועות, אירע רייד. ער איז פאַר־פליצט געוואָרן פון אַזאַ אויסטערלישער גוטסקייט, פון אַזאַ לויטערער צערטלעכקייט, ווי ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס׳איז דאָ אין איר און איז אומאָפּטיילבאַר פון איר. אַנדערש איז געוואָרן זיין באַנעמונג צו מענטשן; ער האָט געפילט אַן אומענדלעכן רחמנות צו אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן; זיין קול איז געוואָרן מילדער, זיין בליק טרוימערישער און צאַרטער, און דאָס האַרץ איז געווען ווי אַ פולער בעכער, וואָס האָט זיך אי־בערגעשוימט מיט גליק און מילדן טרויער.

עלזע האָט זיך געשטעלט אין צענטער פון אַלע זיינע דורכלעבענישן און טראַכטענישן. פּאַקטיש האָט ער אויפגעהערט צו טראַכטן. ער האָט זיך געשראָקן פאַר זיינע געדאַנקען, ווייסנדיק, אַז זיי וואָלטן אים פאַרביטערט דאָס לעבן און אים פאַריאָגט פון עלזעס הויז. מחשבות זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף חלומות. אירע לייכט־שוועבנדיקע טריט, איר פּערלדיק קול, איר צאַרטער שמייכל, איר פרייער יונגט־בליק — דאָס אַלץ האָט אים גליק־לעך געמאַכט. און ער האָט געחלומט; געזען און געהערט דאָס אַרומיקע לעבן ווי דורך אַ דינעם נעפּל פון לבנה־ליכט, און ער אַליין האָט זיך געפּלאָנטערט און אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט אין כישופדיק־לבנהדיקע טיולן, ווי אַ פליג אין שפּינוועבס, נישט האָבנדיק קיין כוח און אפילו קיין ווילן זיך דערפון אַרויסצורייסן.

„ליבע! וואָס איז ליבע?״ — האָט געפרעגט דער דיכטער. אין געהיי־ליקטע מינוטן פון חשבון־הנפש האָט זיך דניאל געשטעלט דיזעלביקע פראַגע. און זי איז שטענדיק געבליבן אָן אַן ענטפער.

ליבע! אייביק וואָרט, וואָרט פון אַלע דורות, וואָרט פון לעבן.

לעבן? — וויפל לעבנס זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן אויפן מזבח פון ליבע!

ליבע? — וויפל שנאה און נידערטרעכטיקייט איז געוואַקסן פון דור צו דור אויף דעם סודותפולן אַלטאַר פון ליבע!

ליבע — שליסל פון לעבן און טויט.

ליבע, לעבן, טויט — אייביק־וואונדערלעכער דריי־עק פון אַן אומ־ענדלעכער פּאַנאָראַמע פון לעבן!...

אויף דניאלס ליפּן זיינען נאָכאַנאַנד געלעגן גרייט די איידלסטע ווער־טער פאַר דער געליבטער; אָבער ווען נאָר די צונג האָט זיך גענומען רירן אין מויל, איז זי געלעמט געוואָרן. און צו וואָס אַרויסברענגען דעם פאַר־

באַרגענעם ווערטער־שטראָם, אַז ער וואָלט סיי־ווי־סיי נישט געקאָנט אויסדריקן וואָס ער האָט געוואָלט? פּליסיקער און קלינגענדיקער ווי ווערטער, האָט געשטראָמט זיין ליבע דורך זיין שווייגן. איין באַהאַלטענער בליק, אַ מאָמענטאַל אָפּגעהאַקטער, איז געווען גענוג. עטלעכע מינוט צוזאַמענזיין אין איין צימער, אין הייליקן שטילשווייגן, האָבן גערעדט מער ווי אַלע ווערטער און פּראָזן, וואָס אַ מענטשלעך מויל האָט געקאָנט אַרויסברענגען.

דאָס שווייגן האָט אים אָבער מוראדיק געמאַטערט. ווען זיינע ליפּן וואָלטן כאָטש געקאָנט אַרויסגעבן דעם איינציקן קורצן זאַץ: „איך האָב דיך ליב״!

וויפל שיינקייט, וויפל אייביקייט איז געווען אין די פּשוטע פיר ווערטער, וואָס האָבן געבערענט צווישן זיינע ליפּן און קיין כוח נישט געהאַט אַרויסצופלאַקערן! דער פלאַם האָט זיך אַ דערשראָקענער געצויגן אויף אינעווייניק, צום גומען און צום האַרץ, און האָט דאָרט געשרפעט, ביז צום פאַרברענט ווערן.

האָט עלזע געוואוסט, אַז ער גייט־אויס פון ליבע, ווי יענער בחור פונם ראָמאַנס? אַ, יאָ, עלזע האָט געמוזט וויסן דערפון. אוממעגלעך, אַז אַזעלכע ברענענדיקע שטראָמען, ווי די, וואָס האָבן זיך געצויגן פון זיין האַרץ צו אירן טאָג־איין טאָג־אויס, אין די שלאָפלאָזע נעכט און אין אַלע מינוטן פון זיין לעבן, זאָלן נישט אויפוועקן אויך אין איר אַזאַ שריפה, וואָס זאָל אונטערצינדן איר האַרץ. און אויסערדעם: עלזע האָט אַוודאי אויך באַמערקט זיין מאָדנע אויפפירונג, אַז ער בלייבט איצט לענגער אין דער היים, קומט אַמאָל אַפילו אינמיטן העלן טאָג, פוצט זיך, קוקט־נאָך אירע באַוועגונגען, אַ פאַרזונקענער אין חלום אויף דער וואָר. זי האָט אים דערפאַר געשאָנקען לייטזעליקע שמייכלען, אָפטער געשפילט אויף דער פּיאַנע און בענקענדיקער געזונגען די טרוימערישע דייטשע ראָמאַנסן. אָבער אומזיסט האָט ער געוואַרט אויף אַ נייעם פרייטיק־צונאַכטס, ווי יענער, דער ערשטער און איינציקער, ווען זיי זיינען אַליין געווען אין שטוב און אַזוי געמיטלעך געשמועסט וועגן אַלץ אויף דער וועלט.

אַ סך מאָל האָט ער זי אָפּגעוואַרט, און ווען זי האָט זיך באַוויזן מיט אירע פלאַמענדיקע בעקלאַך און גוטע, לאַכנדיקע אויגן, האָט ער געוואָלט זיך וואַרפן צו אירע פיס: „נאַ, עלזע, שיינע עלזע, טרעט אויף מיר, דערהרגע מיך, אָבער האָב מיך ליב״. נאָר שטענדיק איז ער געבליבן געפּלעפט פון איר אָנבליק, און זי פלעגט אַ שמייכלענדיקע פאַרביישוועבן.

און נאָך: געשען איז דער היפוך פון דעם, וואָס ער האָט געפּלאַנט:

טאַקע צוליב עלזען האָט ער געאײַלט צו געפינען אַרבעט, כדי זיך נישט צו פילן ווי אַן איבעריקער אין דעם רײַכן הויז, זיך צו קאָנען קלײדן „ווי אַ מענטש", עסן צו דער זעט און נישט אויסזען ווי אַ נעבעכדיקער; אָבער דווקא עלזעס נאָענטקייט האָט אים איצט געטריבן צו פאַרגעסן דעם מאָרגנ־דיקן טאָג; די אַרבעט איז פאַר אים געוואָרן אַן אָפּקומעניש, ווײַל ס'איז אים געווען אַ שאָד די צײַט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אויסער דער שטוב; ער האָט אויסגעזוכט אַלערלײ תירוצים, כדי צו פעלן אַ טאָג, אפילו ווען ער זאָל דאַרפן צוליב דעם צוהונגערן.

אין מינוטן פון חשבון־הנפש — אָבער בלויז אין מינוטן — האָט דניאל זיך געמוסרט, טראַכטנדיק, אַז זײַן אויפפירונג וועט אים ברענגען צום אָפּגרונט. באַלד האָט אָבער אַ בליק, עלזעס פאַרבײַשוועבנדיקער שאָטן, געמאַכט פאַרגעסן אַלע טראַכטונגען. אַזאַ כוח האָט געהאַט עלזע: זי האָט געקאָנט אַלץ צעשמעטערן אין דער מינדסטער אָנשטרענגונג און אויפן אומשולדיקסטן און אפילו אומבאַוואוסטזיניקסטן אופן.

ער האָט אָפט געזוכט אַ תירוץ פאַר זײַן שוואַכקייט: ווען זי וואָלט כאָטש געווען זײַנס־גלײַכן! ווען זי זאָל זײַן אַזוי אָרים און אַזוי עלנט ווי ער! אָ, דעמאָלט וואָלט אַלץ געווען אַנדערש... די ווערטער וואָלטן פון אים אַרויסגעפלייצט, ווי אַ פּייערדיקער קוואַל, און זי פאַרצערט און פאַרשלונ־גען; זי וואָלט נישט געקאָנט בײַשטיין די שפּרודלדיקע לאַווע פון זײַן האַרץ. איר וועלט איז אָבער סוף־כל־סוף נישט זײַן וועלט. זי געהערט צו אַ קלאַס, וואָס האָט געגרן צו הערשן, גרינגשאַצן, דערנידעריקן און ווײ־טאָן... און ער וועט זיך נישט לאָזן צעקוועטשן אונטער פרעמדע חוזק־בליקן און שפּאָט־שמײכלען... ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז ער זאָגט זיך ליגן, ליגן!

נישט עלזע איז פעאיק צו דערנידעריקן און ווײ צו טאָן. זי איז דאָך די גוטסקייט אַלײן, די אײדלקייט אַלײן... און טאָמער נישט, טאָמער איז עס אַ טעות, — נו טאָ זאָל זי! סאַראַ גליק עס וואָלט געווען, אַז עלזע זאָל אים באַהערשן, ווײ־טאָן, טרעטן אויף אים, שפּײַען אין פּנים, אַבי ליב האָבן...

אין לויטערע מינוטן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ווען ער וואָלט זיך נישט באַזעצט אין בליצשטײנס הויז, וואָלט צו דעם אַלעם נישט געקומען און ער וואָלט זיך פאַרשפּאָרט אַזוי פיל מאַטערניש און פּײַן. אין אַזעלכע זעל־טענע מינוטן האָט דער פּשוטער חשבון זיך פון אים אויסגעלאַכט: „אַזוי־

פיל יוגנט־חלומות צערינען — פאַרוואָס? צוליב אַ בורזשואַז מיידל! אין דיין מוח איז דאָך שוין דאָס מינדסטע אָרט נישט פאַרבליבן פאַר עפּעס אַנ־דערש אויסער פאַר עלזען!"...

ער האָט באַשלאָסן זיך אויסצולאָדן און צוצואיילן דעם אומפאַרמייד־לעכן קריזיס. ענדלעך האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער איז אומפעאיק עס צו טאָן אויג אויף אויג און ער מוז זיין ליבע־דערקלערונג אָ נ ש ר י י ב ן.

איינמאָל, נאָך אַ טאָג פון ערגערניש מיט זיין באַלעבאָס, האָט ער זיך געזעצט ביי יעקב בליצשטיינס שרייבטיש.

„טייערע פריילין עלזע — האָט ער געשריבן, — צי ווייסט איר וואָס איז ליבע? איך ווייס נישט"...

לאַנג האָט ער זיך געמאַטערט, זוכנדיק אַ פּאַסיקן אויסדרוק פאַר זיי־נע געפילן, און ווען דאָס בריוול איז שוין געווען פאַרטיק, האָט ער עס צעריסן אויף פּיץ־פּיצלאָך.

ער האָט עס געפּרואווט עטלעכע אָוונטן נאָכאַנאַנד און כסדר חרטה געהאַט. פונדעסטוועגן האָט ער ענדלעך געוואָגט. דאָס בריוול איז אַרויס־געקומען אַזוי משוגע, ווי ס'איז געווען זיין האָפנונגסלאָזע ליבע. דאָס זיי־נען געווען גיך־געשריבענע שורהלאַך, וואָס האָבן זיך געלייענט:

„שיינע עלזע, האַרץ פון מיין האַרצן, נשמה פון מיין נשמה!
איך וועל דערשטיקט מיטן וואָרט אין האַלדז. איך ווער פאַרברענט
פון אַ פלאַם פייער, וואָס האָט נישט קיין אַרויסגאַנג. עס פאַר־
צוקט מיך פון אינעווייניק. עס פאַרשרפעט מיך און איך גיי־
אויס, ווי דער פאַרליבטער בחור פון דיינע ראָמאַנסן... מיין האַרץ
איז שוין באַלד אַש און קויל. עלזע, ענטפער אַן אומגליקלעך־
פאַרליבטן. טרעט אויף מיר, פאַריאָג מיך פון דיין הויז, אָבער
האָב מיך ליב!"

דניאל האָט די ווערטער איבערגעשריבן אויף צאַרט, ראָז פּאַפּיר, און נישט וועלנדיק מער צולאָזן קיין מינדסטע מחשבה, האָט ער עס אַרונטער־געשלייכט אונטער דער טיר פון עלזעס אַלקער.

דאָס איז געשען שפּעט אין אָוונט. דניאל האָט קוים דורכגעלעבט די לאַנגע שלאָפלאָזע נאַכט, בעת וועלכער ער האָט געפילט בחוש, אַז ער גייט אַרונטער פון זינען. ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס אין דער פינצ־טער פון דער נאַכט האָט עלזע נישט געקאָנט באַמערקן דאָס בריוול, נאָר

זי וועט עס דערזען ערשט ווען דאָס מאָרגנליכט וועט אויפרייסן אירע שייַנע אויגן. אָבער טאָמער וועט די מוטער אירע, עמאַ הערצענבערג (יעקב בליצשטיינס שוועסטער!) אַריינקומען אין איר צימער איידער עלזע וועט זיך אויפכאַפּן? וואָס וועט זיין דעמאָלט? וועט מען אים אַרויסיאָגן פון שטוב? וועט ער קריגן אַן אויסרייד פון זיין לערער און וועגווייַזער? — אָט די מחשבות האָבן אים משוגע געמאכט.

דניאל האָט נישט געוואַרט ביז ס'וועט ליכטיק ווערן. פרי פאַרטאָג האָט ער זיך שטיל אָנגעטאָן און ער איז אַוועק פון יעקב בליצשטיינס פּאַלאַץ אויף שאַרלאָטענבורג.

קאפיטל 6.

לילית.

— זאָג מיר, דניאל, ווער איז זי?...

יוסף מילער האָט געשטעלט די פראַגע אומגעריכט. מילערן האָט מען נישט געדאַרפט לייגן א פינגער אין מויל אריין... ער האָט עס באַמערקט ביי דער ערשטער באַגעגעניש אין קלוב, וואוהין דניאל שטאַפלער איז דאָס־מאָל געגאַנגען זוכן דווקא נישט מילערן, נאָר אברהם פרידמאַנען. ער האָט געהאַט א טיפע באַדערפעניש ווידער צו געפינען אָט דעם הויכגעוויקסיקן, בלאַסן מאַן, וואָס גריבלט זיך אין מענטשלעכע נשמות, ווי לעם אים וואָלט ער זיך געקאָנט טרייסטן אין זיין אומענדלעכן פיין. פרידמאַנען האָט ער נישט געטראָפן; דערפאַר האָט מילער זיך מיט אים דערפרייט:

— סקאַצל קומט, דניאל! זע נאָר, וואו ביסטו ערגעץ פארפאלן געוואָרן אזא לאַנגע צייט? ווי דו זעסט, מיין ליבער דניאל, איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע נאָך אַלץ נישט געקומען, כאָטש זי פאַרמאָגט אזעלכע אידעאַליסטן ווי דו... וואָס איז דיר, דניאל? פארוואָס אזוי תמעוואַטע, אזוי בלייך? אָ, איך פארשטיי שוין... קום, לאָמיר זיך גאָר דורכגיין. ביסט א בעלן? כ׳וויל כאַפּן אביסל פרישע לופט.

דניאלס בליק האָט געבלאָנדזשעט צווישן די ענג־באַזעצטע טישלאַך, זוכנדיק פרידמאַנען און מילער האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן:

— זאָג מיר דעם אמת, דניאל, וואָס איז מיט דיר? צי דו ווילסט צי נישט, — איך לייען אין דיין פּנים, ווי אין אן אָפענעם בוך... אויך אזוינס דורכגעלעבט אמאָל... אומפארמיידלעך ביי יונגע מענטשן, ספּעציעל ביי אזעלכע בעלי־חלומות ווי מיר...

די נאַכט איז געווען א קאַלטע, אן אָנהויב־ווינטערדיקע. מילער האָט געטראָגן א נייעם, ווארימען מאַנטל, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיין אַרבעט אין אַ אידישער אינסטיטוציע. דניאל האָט אויפגעשטעלט דעם קאָל־

נער פון זיין פּוילישער קורטקע, מיט וועלכער ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט שיידן, און טיף געאָטעמט די קילע לופט.

— ווי איך זע, גייט דיר נישט שלעכט אין בערלין — האָט ער סתם־אַזוי אַריינגעוואָרפן אַ באַמערקונג.

ער האָט לחלוטין נישט געהאַט בדעה דאָסמאָל צו דערמאָנען מילערן וועגן עפּעס אַלטע חובות, ווי יענעם אָוונט, ווען ער איז געקומען ריידן מיט אים און מילער האָט זיך אויף אים אפילו נישט אומגעקוקט. און אויך מילער האָט וועגן יענע אַלטע חובות נישט געדענקט — נישט דע־מאָלט און נישט איצט.

— שלעכט? ניין, חבר׳ל, מיר גייט קיינמאָל נישט שלעכט! — האָט מילער געענטפערט גאַווהדיק. — אָט אַרבעט איך איצט אין אַ „קאָמי־טעט"... אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט: מענטשן קומען, גייען, יעדער מיט זיין ביסל דאגות, יעדער מיט זיין פּעקל... עמיגראַנטן, אייביקע וואַנדע־רער... מ׳לויפט, אַבי מ׳לויפט. זאָגן, אַז איך בין שטאַרק צופרידן מיט דער אַרבעט מיינער —ניין, דאָס נישט; כ׳האָב פיינט צו זיצן צוגעקלעפּט צו אַ שרייבטיש, ווי אַ טשינאָווניק. נישט מיין נאַטור. אָבער מ׳לעבט, מ׳שטופּט זיך דורך און מ׳שרייבט אַן אַמאָל אַ ליד אויך. און וואָס איז מיט דיין מאָלעריי, דניאל? זע נאָר, אַזוי גאָר אינגאַנצן פאַרלוירן דעם אינטערעס דערצו? אַ שאָד, אַ שאָד. עפּעס קומט פאַר מיט דיר. ווייסט דאָך, מיך נעמט מען נישט אויפן זיכער. זאָג דעם אמת; ביי דעם פּאָסטן, וואָס איך פאַרנעם איצט, וואָלט איך דיר געקאָנט העלפן. אַרבעטסטו?

— צוביסלעך. נאָר וועגן מיר דאַרפסטו זיך גאָר נישט באַמיען, מילער. איך האָב נישט ליב צו „באַאַרבעטן" קאָמיטעטן...

— אַ שונא פון פילאַנטראָפּיע, העז?... ווי איך זע, דניאל, איז נישט אַזוי פייגלדיק ביי דיר. שווער צו זיין אַ פּראָלעטאַריער ביי די דייטשן, האַ?... כ׳ווייס. איך בין נישט קיין יאָלד.

מילער האָט גערעדט פאַר פייער און וואַסער. פּלוצים האָט ער אָפּגע־האַלטן דניאלן און אים באַטראַכט ביים שיין פון אַ גאַס־לאַמטערן.

— זאָג מיר, דניאל, ווער איז ז י?...

— זי?... — האָט דניאל געפרעגט דערשטוינט. — וואָס פאַר אַ זי?

— נו, אוודאי אַ זי... אַז אַ יונגערמאַן איז נישט מיט אַלעמען, „שער־שע לאַ פאַם", מוז אַ פרוי זיין אינמיטן. וואָס דען? מיינסט, איך פאַר־שטיי נישט אָט די טרוימערישקייט, אָט דעם גלאַנץ אין דיינע אויגן? גלויב מיר, דניאל, אַלע „זיען" פון דער וועלט זיינען איין „זי"... און זי — דאָס איז לילית!

ערשט דעמאָלט האָט דניאל פאַרשטאַנען: די וואונד, וואָס מילער האָט געקראַגן אין ווארשע, האָט זיך נאָך אַלץ נישט פאַרהיילט.

— אָבער פאַרוואָס זיינען אַלע — לילית? נישט אַלע פרויען זיינען גלייך, מילער. דאַרפסט נישט ריידן אַזוי. ביסט נישט גערעכט, מילער.

דניאל האָט פאַרטיידיקט די „זי", וואָס איז איצט געוואָרן זיין גאָט; נישט געוואָלט, אַז אימיצער זאָל זי באַליידיקן; ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז „זי" איז ווי אַלע „זיען" אויף דער וועלט.

ער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי איינזאַם און מוטלאָז, ווי נאָך דעם בריוול צו דער שיינער עלזע. ער איז מער נישט צוריקגעקומען אין איר הויז, מורא געהאַט פאַר א צונויפטרעף מיט יעקב בליצשטיינען און זיין שוועסטער עמאַ. בליצשטיין איז איצט נישט געווען פאַר אים דער חבר און וועגווייזער, נאָר עלזעס פעטער, דער פעטער יעקב... פאַר אים האָט ער מורא געהאַט און פאַרן חבר בליצשטיין האָט ער זיך געשעמט. ער איז פאַרשוואונדן פונם רייכן הויז פון די הערצענבערגס, נישט איבערלאָזנדיק קיין שפור, אָן א זייי־געזונט. ער האָט געוואוסט, אַז עטלעכע טעג וועט מען אַפילו נישט באַמערקן, אַז ער איז נישטאָ. און ער האָט געדאַרפט האָבן עטלעכע טעג; ער האָט געדאַרפט געווינען צייט; ער האָט געמוזט צונויפנעמען די געדאַנקען, באַטראַכטן, דורכטראַכטן. ניין, יעקב בליצשטיין וועט אוודאי נישט באַמערקן, אַז ער פעלט; ער קומט שפּעט אהיים, זעט זיך נישט אָפט מיט זיין לאָקאַטאָר. סיידן ער ווייסט אַלץ... סיידן ער ווייסט... אָ, דאָס וואָלט געווען מוראדיק!

און עלזע? האָט זי געלייענט דעם בריוו? אפשר געלייענט און זיך אויסגעלאַכט... אויסגעלאַכט, אַזוי ווי פרידעלע... אָ, ווי גוט וואָס ער איז שוין נישט אין איר הויז; ער וואָלט נישט אויסגעהאַלטן אירע שפּאָט־בליקן, איר חוזקן פון דעם פאַרליבטן אינגל....

פונדעסטוועגן האָט ער זי פאַרטיידיקט: „זי" איז נישט קיין לילית און מילער האָט נישט קיין רעכט אַזוי צו ריידן. און אויך זיין, מילערס, לילית איז — נישט קיין לילית... זי האָט אים, דניאלן, אַמאָל געראַטעוועט דורך איין בליק פון אירע שיינע, בריליאַנטן־בליאַסקענדיקע אויגן... ער פאַרשטייט עס נישט, מילער? א סך זאַכן אין לעבן זיינען אומפאַרשטענדלעך. יאָ, איין איינציקער בליק איז געגנוג געווען. ער האָט פאַר יענעם בליק זיך דערשראָקן און אַנטלאָפן, אָבער דורך דעם אויך אַנטלאָפן פון זיינע פאַרפאָלגער, פון פאָליציי, וואָס האָט באַלד דאָס הויז ארומגערינגלט. און אדאַנק דעם איז ער איצט דאָ; צוליב דעם לעבט ער... און אויך מילער איז אפשר דאָ צוליב דעם, אדאַנק דעם זעלביקן בליק, וואָס זיין „לילית" האָט גע־

וואָרפן אויף אן אנדערן, אויף אים, דניאלן... אומפארשטענדלעך? אָ, יאָ, אָבער אַזוי איז עס, מילער, אַזוי איז עס. איצט מעג ער עס וויסן... און אָפּשאצן...

מילער האָט, צו זיין גרויס שטוינען, זיך דערוואוסט צום ערשטן מאָל, אַז זיין וואַרשעווער לילית האָט אויך געהאַט צו טאָן עפּעס מיט די אינטימע איבערלעבונגען פון זיין חבר. יענעם אָוונט איז ער מער נישט צוריקגעגאַנגען צו זיין באַהעמיע, כאָטש ער האָט געזוכט אימיצן, פאר וועמען צו קאָנען פּאָרלייענען זיין ניי ליד. ער האָט מיטגענומען דניאלן צו זיך, אין זיין ד'־אמותדיקן צימערל, און אים געצוואונגען איבערצודערציילן עטלעכע מאָל און מיט אַלע איינצלהייטן יענע אויסטערלישע פּאַסירונג אינם וואַרשעווער ארבעטער־קלוב, ווען „לילית” האָט אים געראַטעוועט דורך אַ בליק פון אירע בריליאַנטן־בליאַסקענדיקע אויגן. שפּעטער האָט ער אויסגעזוכט זיין אַלטע פידל און געסקריפּעט לידער פון אמאָל, פון אמאָל... געשפּילט און געוויינט...

קאַפּיטל ד.

געסט פון „יענער זייט".

דניאל האָט געהאַט פאַר זיך אַ שווערן פּראָבלעם, צו וועלכן ס'האָט זיך נישט געזען קיין לייזונג: צוריקגיין צו די הערצנבערגס — טאַקע נישט; אויסהיטן זיך פאַר אַ צונויפטרעף מיט יעקב בליצשטיינען — יאָ. דאָס אַלץ איז געווען צוגעפּאַסט צו זיין כאַראַקטער. ס'איז געווען לאָגיש און קלוג. אָבער ווי אַזוי זיך פאַרבינדן מיט עלזען? אפשר איז געשען דאָס, אויף וואָס ער האָט געהאָפט: עלזע אַליין האָט דעם בריוו געלייענט און קיינער ווייסט נישט וועגן דעם, אויסער זיי ביידע, און זי וויל אים ענטפערן?

זייענדיק ווייט פון עלזעס הויז, איז ער ווידער געוואָרן פעאיק צו טראַכטן. ער האָט גענומען וועגן און מעסטן זיינע פּלענער, הגם אַלע פּלענער האָבן געשטרעבט צו איין איינציקן ציל: עלזע. אַלדאָס איבעריקע איז געווען נעבנזאַכן, מיטלען צום ציל.

ער האָט באַוויזן זיך איינצואָרדנען ווי עס איז אין אַ מעבלירט צימערל. דורך דעם האָט ער געקראָגן אַן אַדרעס און דאָס איז געווען דער ערשטער תנאי, אַז עלזע זאָל האָבן וואו אים צו ענטפערן. אָבער ווי אַזוי וועט עלזע וויסן פון אָט דעם אַדרעס זיינעם? דערצו איז געווען נאָר איין מיטל: נאָך אַ בריוול צו עלזען. אָט דער מיטל האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן חסרון: דער בריוו האָט געקאָנט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט, אפילו ווען דער ערשטער ליבע־אויסגוס זאָל האָבן דערגרייכט צו איר אַליין.

עטלעכע מאָל איז ער אַוועקגעפאָרן קיין שאַרלאָטענבורג און פון ווייט אויסגעקוקט דאָס הויז — טאָמער וועט ער זי צופעליק דערזען. אָבער אויך דערצו האָט ער קיין מזל נישט געהאַט.

ער האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז דערפירן צו אַ סוף. ער מוז געפינען אַ זיכערן אויסוועג פאַר יעדן פּרייז, און דאָס קאָן מעגלעך זיין נאָר מיט יעקב בליצשטיינס הילף... דאָס איז געווען זייער געוואַגט פאַר דניאלן,

אָבער דער איינציקער וועג. ער מוז זיך זען מיט אים; קודם־כל, וועט ער אים דערקלערן פאַרוואָס אייגנטלעך ער איז אַזוי אומגעריכט אַוועק פון זיין הויז; צווייטנס, דאַרף ער זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט אין דער באַוועגונג. פאַרוואָס טאַקע נישט? אגב, וועט ער דורך דעם האָבן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצוצייכענען פאַר עלזען מיט „שטאַרקע מעשים"...

דער געדאַנק האָט אים באַגייסטערט.

„וואָרט, שיינע עלזע, טאָכטער פון דעם בורזשוי יוליוס הערצנבערג, ביי מיר וועסטו נאָך אַמאָל זיין אַ קעמפּערין פאַר דער רעוואָלוציע", האָט דניאל געטראַכט מיט התלהבות.

און ער האָט גענומען פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן.

ער האָט געטראָפן יעקב בליצשטיינען ביים אַריינגאַנג פון אַ קאָנספּיראַטיוון לאָקאַל. ער איז אָבער נישט געווען אַליין. ס'האָבן אים באַגלייט צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן. הגם בליצשטיין איז געווען אַריינגעטאָן אין אַ היציקן שמועס, האָט ער ערשטער באַמערקט דניאלן און אים אַ רוף געטאָן:

— דניאל! העי, דניאל!

— חברים — האָט ער געזאָגט צו זיינע באַגלייטער, — כ'וועל אייך פאָרשטעלן אַ וואוילן חבר. — און גוטברודעריש אים געקלאַפּט אויף דער פּלייצע. — די צוויי חברים — האָט ער אים דערקלערט — קומען פון „יענער זייט", שליחים צו אונזער באַוועגונג.

קיין וואָרט וועגן דעם געשעענעם!

מ'האָט געשמועסט וועגן דייטשלאַנד. די צוויי פרעמדע האָבן געהאַט גרויסע פּלענער: שטרייקן, גאַסן־קאַמפן, אויפרודערן די מיליאָנען אַרבעטלאָזע. בליצשטיין האָט נישט אויפגעהערט זיי אָפּצורעדן: זיי קענען נישט דאָס לאַנד און די מענטשן; זיי ווילן גאָרנישט אויפטאָן, פּונקט ווי מ'האָט גאָרנישט אויפגעטאָן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק דורך ענלעכע אַרויסטריטן, כאָטש ס'איז געווען באַלד נאָך דער מיליטערישער מפּלה און נאָך דער פרידלעכער רעוואָלוציע.

— דייטשן — האָט בליצשטיין זיי געגעבן צו פאַרשטיין — האָבן פיינט זיך צו שלאָגן מיט דייטשן, כאָטש זיי זיינען ווייט נישט אַזעלכע פרידלעכע מענטשן. וואַרפט זיי אין מלחמה אַריין קעגן אַן אויסלענדישן שונא, וועט איר זען ווי זיי ווילן לויפן. אָבער רעוואָלוציעס — זיי טראַכטן נישט וועגן אַזעלכע זאַכן. רעוואָלוציעס — זאָגן זיי — זיינען פאַרבאָטן פון געזעץ, פון דער רעגירונג אַליין... איר פאַרשטייט? פון דער רעגירונג אַליין! און די רעגירונג איז ביי זיי אַלץ איינס ווי פריער דער קייסער —

אָן אָפּגאָט... אָ, איך קען זיי אויסגעבונדן. איר וועט זען, איר'ט נאָך האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן.

די פרעמדע זיינען געווען אַנטוישט נישט אַזוי פון דייטשלאַנד, ווי פון יעקב בליצשטיינען: אַזעלכע רייד האָבן זיי נישט דערוואַרט צו הערן פון אַ קאָמוניסט. אַ קאָמוניסט — האָבן זיי גערעדט מיט פאַרדרוס — דאַרף קודם־כל גלויבן אין די מאַסן. אויב נישט, איז מען נישט ראוי צו געהערן צו דער פּאַרטיי!

זיי זיינען אַריין אין אַ שוואַך־באַלויכטענעם, אָפענעם הויז, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ביליקער אַכסניא. זיי האָבן זיך געדרייט צווישן קאָרידאָרן און טירן, ביז זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ גרויס, העל־באַלויכטן צימער, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט מענטשן און ציגאַרעטן־רויך. אַ צענטליק מענער זיינען דאָרט געזעסן ביי אַ לאַנגן גרין־געדעקטן טיש, ביי וועלכן ס'איז קענטיק אָנגעגאַנגען אַ דעבאַטע. צווישן די אַרומזיצער האָט דניאל דערזען עטלעכע באַקאַנטע פּנימער; וועגן איינעם האָט מען געהאַט פאַרזיכערט, אַז ער איז דערשאָסן געוואָרן בעת דעם אָנפאַל אויפן ספּאַרטאַקיסטן־צענטער — און דאָ האָט ער אָנגעפירט מיט דער זיצונג; ער איז געזעסן גלייך, ווי אַ סטרונע, אָפּגעצערט, מיט אַ קיילעכדיקן, אָפּגעגאָלטן קאָפּ, ווי נאָרוואָס פון טורמע אַרויס.

די אַריינגעקומענע האָבן זיך געזעצט אויף דריי ליידיקע שטולן, וואָס זיינען געווען צוגעגרייט פאַר זיי. דניאל איז געבליבן שטיין הינטער בליצשטיינען און האָט זיך צוגעהערט.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט נישט צו פאַרלירן קיין וואָרט פון דער דיסקוסיע. די רעדנער זיינען געווען קורץ און זאַכלעך, און יעדער האָט כמעט ריטמיש אַ נויג געטאָן מיטן קאָפּ ווען ער האָט פאַרענדיקט. אַנדערש איז געווען בעת איינער פון די שליחים פון „יענער זייט" האָט גערעדט. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז געשטאַנען ביים ריידן, און דער איינציקער, וואָס האָט זיך געהאָלפן מיט די הענט, געביילט די מעכטיקע פויסטן געווישט דעם שווייס פון זיין שטערן און געוואָרפן אויף הינטן זיין צעפלאָשעטן קאָפּ. ער איז געווען הויך און שטאַרק. די אויגן — פאַרזשמורעטע און טיף־בלויע. צוויי מאָל האָט ער מיט זיין פויסט אַ זעץ געטאָן אין טיש; אייניקע פון די אַרומזיצער, וואָס זיינען נישט געווען געוואוינט צו אַזאַ ריידן, האָבן זיך אַ הויב געטאָן פון די פּלעצער, בעת אַנדערע האָבן לייכט און סאַרקאַסטיש געשמייכלט.

דער רעדנער האָט שאַרף קריטיקירט דערהויפּט דעם חבר וועסטהויזער און ביים פאַרענדיקן האָט ער אויסגערופן:

— ניין, חברים, מ׳קאָן נישט מאַכן קיין פּאַסיפישע רעוואָלוציעס און קיין אויפשטאַנדן אין זיידענע הענטשקעס און אָן בלוט־פאַרגיסונג!

הגם דער שליח פון „יענער זייט" האָט גערעדט דייטש אַביסל געבראָכן, מיט אַ פרעמדן אַקצענט, און ער האָט אָפט געזוכט אַ פּאַסיק וואָרט, האָט זיין רעדע אונטערגעצונדן די קאַלטע אַטמאָספער. די שטייפע און רואיקע מענטשן אַרום דעם גרינעם טיש האָבן זיך גענומען באַוועגן און רעדן צווישן זיך. אויף פאַרהאַרטעוועטע פּנימער האָבן אויפגעלויכטן שמייכלען פון האָפנונג און אילוזיע און אימיצער האָט מיט התלהבות גערעדט וועגן רוס־לאַנד און אַפילו אויפגעהויבן אַ פויסט, ווי אַ רוסישער רעוואָלוציאָנער. ס׳איז געווען אַזאַ טומל, אַז דער פאָרזיצער האָט געמוזט אַ קלאַפּ טאָן אין טיש:

— רואיק, קאַמעראַדן!

די אַרומזיצער האָבן ווידער אָנגענומען די שטייפע און ערנסטע פּאָזע. ס׳האָט גערעדט גענאָסע וועסטהויזער. אַ קולכל אַ קוויטשיקס, וואָס האָט געגלעט און געשניטן, ווי אַ דינינקער ראַזיר־מעסערל. אין דער גלעטנדי־קער שניידיקייט איז געווען אַ מין זיסער סם־המוות, וואָס די פאַרזאַמלטע האָבן געטרונקען מיט פאַרגעניגן. ערנסטע פּנימער האָבן געשמייכלט און געוואָרפן זייטיקע, שטעכיקע בליקן אויף די שליחים פון „יענער זייט". וועסטהויזערס רייד האָבן געקילט די פריער־אָנגעגליטע אַטמאָספער, ווי אַ דערקוויקנדיקער זומער־רעגן אין אַ שטיקנדיק־הייסן טאָג.

דניאל, וועלכער האָט יאָרנלאַנג געחלומט וועגן „שטאַרקע, מעשים", איז געווען אַנטוישט. יעקב בליצשטיין איז געווען גערעכט מיט זיין סאַר־קאַזם: נישט יענע מענטשן זיינען פעאיק געווען צו באַפרייען די וועלט און אַפילו זייער אייגן לאַנד פון אונטערדריקונג און מלחמות. זייערע רייד, זייער שטייפער זיצן אַרום דעם לאַנגן טיש, זייערע שטאָלן־קאַלטע בליקן — דאָס אַלץ האָט דערמאָנט די אָנגעצויגנקייט און די קאַלטע דיסציפּלין פון איינגעמושטירטע סאָלדאַטן. ווי אַנדערש זיי זיינען פון די שליחים פון „יענער זייט", פון דעם רעדנער, וואָס האָט זיך באַגאָסן מיט שוויים און וואָס האָט געזעצט אין טיש מיט זיין מעכטיקער, אָדערדיקער פויסט! בלויז זיינע ווערטער האָבן גערופן צו מעשים, צו שטאַרקע מעשים, — די אייגענע ווערטער, וואָס זיינען אים, דניאלן, געלעגן אויף דער צונג; אייגנט־לעך כמעט דאָסזעלביקס, וואָס ער האָט אַמאָל געפּריידיקט פאַר דער יוגנט אין שטעטל. און ווי אייז־קאַלט איז געווען דער ענטפער פון קאַמעראַד וועסטהויזער, דער טעאָרעטיקער פון דער פאַרטיי... אויס רעוואָלוציע, אויס שטאַרקע מעשים... גאָרנישט!

מיט גאָרנישט איז מען זיך טאַקע צעגאַנגען פון דער פאַרזאַמלונג. די פון „יענער זייט" האָבן נישט אויסגעפירט. זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען צו־זאַמען מיט אַ גרופּע מענטשן און גיך זיך געזעגנט. בליצשטיין האָט זיי לאַנג נאָכגעקוקט און אַ זאָג געטאָן צווישן די ציין:

— יאָלדן! מיינען, זיי זיינען צווישן אונזערע מענטשן... קענען נאָך נישט די דייטשן קענען זיי נאָך נישט... זיי קומען מיר לערנען אַ פּירוק קאָמוניזם, האַ, דניאל?

און כאָטש אויך דניאל איז געווען אויסער זיך, האָט ער אָבער אויף אַ מינוט נישט פאַרגעסן דעם ציל פון זיין קומען זוכן בליצשטיינען.

זיי זיינען אַריין צוזאַמען אין אַ קאַפע־הויז. ביי אַ טישל, אויג אויף אויג, האָט יעקב בליצשטיין ערשט זיך דערמאָנט, אַז עפּעס איז געשען מיט אים, מיט דניאלן...

דניאל איז געווען צוגעגרייט; פונדעסטוועגן האָט ער נישט געקאָנט גוט דורכקייען דעם ליגן, וואָס איז שטאַמלענדיק אַרויס פון זיין מויל:

— איר פאַרשטייט, חבר בליצשטיין, געטראָפן אַן אַלטן באַקאַנטן... געוואָרן שפּעטלעך צו קומען אַהיים... פאַרשטייט... נישט אָנגענעם... אַ פרעמד הויז... נו, חבר בליצשטיין, אַ גרויסן דאַנק קומט אייך פאַר דער גאַסטפריינדלעכקייט, אָבער... איר פאַרשטייט... כ'האָב שוין גענומען אַ צי־מער. כ'וועל אייך טאַקע געבן מיין נייעם אַדרעס, חבר בליצשטיין, טאָמער דאַרפט איר עפּעס...

בליצשטיין האָט אויסגעהערט מיט אומגלויבן:

— הער נאָר, גוטער ברודער, עפּעס באַהאַלטסטו פון מיר. זאָג דעם אמת: דיך באַליידיקט אפשר אימיצער פון מיינע בורזשויען? וואָסי, אַ בורטשע געטאָן? כ'האָב דיר געזאָגט פאַראויס: האָב זיי אין דר'ערד!

—חס־ושלום, חבר בליצשטיין! וואָס עפּעס באַליידיקט? פאַרקערט, כ'בין אייער משפּחה שולדיק אַ דאַנק. אַזאַ גאַסטפריינדלעכקייט, אַזאַ פיינ־קייט... ווי פעלט אייך איין, חבר בליצשטיין?...

קאפיטל 8.

צו „שטארקע מעשים"

דניאל איז געווען צופרידן פון זיך. דער ערשטער טייל פון זיין פלאן איז געלונגען און איצט איז ער געווען איבערצייגט, אז ביי די הערצנבערגס אין שטוב ווייסט מען גארנישט פון זיין בריוול צו עלזען. ווען אימיצער זאל דערפון וויסן, וואלט עס געמוזט אנקומען אויך צו יעקב בליצשטיינען; עמא וואלט אים דעם ערשטן באפאלן פאר דער חוצפה פון איינעם פון דער „באנדע", וועלכער זי האט מיטן גאנצן הארצן פיינט געהאט. עלזע אבער האט דעם בריוול געלייענט. און ווער ווייסט ווי זי קוקט אויף זיין האנדלונג, אויף דעם וואס ער איז, ווי א פחדן, פון הויז אנטלאפן.

דער ווייטערדיקער טייל פון זיין פלאן איז געווען פשוטער: ער האט איצט נישט קיין אורזאך פארוואס .אויסצומיידן דאס הויז פון דער משפחה הערצנבערג. ער דארף זיך אננעמען מיט מוט און קומען אמאל צו גאסט. ווי למשל, אפצוגעבן א דאנק פאר גאסטפריינדלעכקייט, אדער גיין זען יעקב בליצשטיינען. דעמאלט וועט זיך שוין מאכן א געלעגנהייט צו זען עלזען, און אפשר טאקע אויג אויף אויג.

ס'האט אים געפעלט מוט דורכצופירן אינגאנצן דעם פלאן, אבער דאסמאל האט פאר אים נישט־ווילנדיק געזארגט — ,די פארטיי. עטלעכע פון די אנגעזעענסטע טוער האבן געדארפט אפהאלטן א קליינע בעראטונג צוזאמען מיט די שליחים פון „יענער זייט", און דערצו איז געווארן אויסגעקליבן בליצשטיינס צימער. דאס האט געהייסן: א נייער צונויפקום פון דער „באנדע"...

דניאל איז ארויפגעגאנגען די טרעפ מיט א לייכטן שווידער. מעכאניש האט ער זיך נאכגעשלעפט הינטער די אנדערע מענטשן. דאסמאל איז עס געווען „פארטיי־דיסציפלין": פונקט אזוי וואלט ער געקאנט גיין אין א פינצטערן וואלד אינמיטן נאכט, אדער צווישן אקאפעס אויף א שלאכטפעלד,

אונטערן פייער פונם שונא. מ'האָט געהייסן גיין — איז ער געגאַנגען. און פּונקט אַזוי מעכאַניש איז ער מיט די איבעריקע מענטשן אַריין אין בליצ־שטיינס צימער, וואו ס'איז נאָך געשטאַנען די גרינע סאָפע, אויף וועלכער ער פלעגט איינאָרדנען זיין נאַכטלעגער. איצט איז מען אויף דערזעלביקער סאָפע באַקוועם געזעסן. אויף דער באַראַטונג זיינען געווען די פון „יענער זייט", און ס'האָבן נישט געפעלט אויך די פּאַרטיי־טוער יאַאַכים וועסטהויזער און קאַמעראַד קאַרל. איינער פון די געסט איז געווען אַ פּנים־חדשות: אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ גלאַט אַרומגעשווירענעם קאָפּ און פינטלענדיקע גרויע אויגן, וואָס האָבן זיך באַוועגט אַזוי האַסטיק ווי זיין צונג. דער מענטש האָט גערעדט מיט אַ פרעמדן אַקצענט, ענלעך צו האָ־לענדיש, כאָטש מיט אַ סך פייער. ס'האָבן אים קיינמאָל נישט געפעלט קיין אַרגומענטן; פאַר יעדן האָט ער געהאַט גרייט אַן ענטפער און יעדן האָט ער אויסגעהערט און איבערגעריסן אינמיטן די רייד. ס'האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז דאָס איז אַ דריטער שליח, וועלכן מ'רופט „קאַמעראַד ווילי", אָדער „דער אַמעריקאַניעץ".

אין יענער קליינער געזעלשאַפט זיינען וועסטהויזער דער טעאָרעטיקער און קאַרל דאַרמשטעטער געווען די רואיקסטע און די איינגעהאַלטנסטע; זיי האָבן ליב געהאַט אַרומצונעמען אַן ענין אין דער ברייט און אין דער טיף, פון אַלע זייטן, אָפּשטעלנדיק זיך אָפט אויף קלייניקייטן, וואָס האָבן אַרויס־גערופן אַ שמייכל אויף יעקב בליצשטיינס דינע ליפּן. דאָס וואָרט „טשודאַק" איז עטלעכע מאָל געוואָרפן געוואָרן אַזוי־זיך, אין דער לופט אַריין, מצד די פון „יענער זייט". דניאל האָט, צו זיין פרייד, געזען דאָס ערשטע מאָל ווי אַזוי יאַאַכים וועסטהויזער ווערט באַזיגט אַזוי לייכט, ווי דער שוואַכ־טער קעגנער, און ער בלייבט זיצן אומגעלומפּערט, נישט האָבנדיק וואָס צו ענטפערן אויף אימיצנס אַן אַריינזאָג.

דניאל, וועלכער האָט זיך באַמיט צו זיין מיט אַלע חושים ביי דער באַראַטונג, צו וועלכער ער איז, ווי געוויינטלעך, געוואָרן איינגעלאַדן דורך בליצשטיינען, האָט גלייכצייטיק פאַרנומען יעדן באַוועג פון דער אַנדערער זייט טיר, יעדן מינדסטן גערויש, יעדן קלאַפּ פון אַ טיר און יעדן טריט. ער האָט געפּרואווט זיך שטאַרקן, בעסער זיך צוהערן צו די פרעמד־קלינ־גענדיקע רייד, וואָס האָבן זיך אַרויסגעקוילערט ווי פון אַ פרעמדער וועלט. ווי דורך אַ נעפּל האָט ער געזען ווי די מענטשן אין שטוב באַוועגן זיך, הויבן זיך פון זייערע ערטער, געהערט ווי אימיצער קלאַפּט אין טיש און ווי אַן אַנדערער שטעלט זיך אויף מיט אַ צעשויבערטער טשופּרינע און וואַרפט־אַריין מיטן גאַנצן כוח דאָס וואָרט: „קאַמעראַדן!", אַריבערצו־

שרייען די אנדערע. דאס אלץ איז געווען זינלאז פאר דניאלן. ער האט גע־חלומט מיט אפענע אויגן און אפילו נישט באמערקט ווי יעקב בליצשטיין קוקט אויף אים אויפמערקזאם און אויף זיינע דינע ליפן שפילט א סארקאס־טישער שמייכל.

דערנאך האט בליצשטיין גערעדט און — אפשר בכיוון — האט ער עטלעכע מאל ארויסגעזאגט זיין נאמען: „אונזער דניאל שטאפלער", „חבר דניאל" און „דער יונגער קאמעראד". דניאל האט פלוצים באמערקט, אז אלעמענס בליקן זיינען אנגעשטעלט אויף אים און ער איז רויט געווארן איבער די אויערן.

— דער יונגער חבר געפעלט מיר דווקא יא — האט אימיצער גערעדט. די ווערטער זיינען געקומען פון ווילי דעם „אמעריקאניעץ", וועלכער איז געזעסן באקוועם אויף דער גרינער סאפע.

— חבר דניאל — האט ווילי ווייטער געזאגט — איז דאך אליין א פוילישער, און דערוויל האט ער ווינציק צו טאן ביי אייך, אין בערלין. זאל ער פארן. איר ווילט, חבר?

דניאל האט נישט געוואוסט פון וואס צו זאגן און ער האט גענומען שטאמלען:

— אז די פארטיי הייסט... איך...

— לאזט אים צורו, חברים, ער איז געשלאפן מיט אפענע אויגן — האט בליצשטיין אים ארייינגעשטאכן א דינע שפילקע אין הארצן. דניאל האט דערשפירט א שטארקן ווייטיק און בליצשטיין האט דערקלערט:

— קאמעראדן, דניאל איז „מיין" זאך. איך וועל שוין דערליידיקן מיט מיין ליבן בעל־חלומות; זארגט נישט.

דניאל איז געווען צעמישט: פארן? וואוהין פארן? צו וואס? פארלאזן בערלין? און עלזע...?

— אבער אנטשולדיקט, חברים — האט ער פראטעסטירט, דערפאר וואס ער, דניאל, איז נישט ער אליין, נאר בליצשטיינס „א זאך". — איר מוזט מיך אויך אויסהערן... הם...

ער האט געוואלט עפעס זאגן, נאר נישט געוואוסט וואס און ווי אזוי. פון דער פארלעגנהייט האט אים ארויסגענומען נישט אימיצער אנדערש ווי... עלזע.

זי איז אריינגעקומען מיט א פראל פון דער טיר, א פאררויטלטע, א שיינענדיקע, און שטיין געבליבן אינם צימער, צווישן נייגעריקע בליקן פון די פארזאמלטע, און אן אומבאוועגלעכע פון איבעררראשונג האט זי געקוקט אויף דניאלן, וועלכער איז געזעסן פונקט קעגנאיבער.

עלזע האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט. אויף אירע בליענדיקע בעקלאַך האָבן זיך אויסגעהוילט צוויי חן־גריבלאַך. נאָך פאַררויטלטער ווי זי איז אַריינגעקומען, איז זי אַרויס פון צימער, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַנטשולדיקט מיט אַ טיפן קניקס.

די באַראַטונג איז גיך געוואָרן איבערגעריסן. מ'האָט זיך וואַרים געזעגנט און דניאל האָט געפּרואווט זיך אַרויסשלייכן אַן אומבאַמערקטער, אָבער בליצשטיין האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— וואַרט, דניאל, מיר דאַרפן עפּעס ריידן.

דניאל איז אַ מאָמענט געבליבן איינער אַליין אין דעם באַקאַנטן צימער, וואו ער פלעגט שלאָפן צוזאַמען מיט יעקב בליצשטיינען. עס זיינען געווען בלויז עטלעכע מינוט, אָבער פאַר דניאלן זיינען זיי געווען אַן אייביקייט. אַלערליי מחשבות האָבן געהאַמערט אין זיין מוח. אין אַ מאָמענט האָט ער געוואָלט, ווי אַ ווילדער, אויפּפּראַלן די טיר און לויפן זוכן יענעם שמייכלענדיקן מלאכל, וואָס האָט זיך נאָרוואָס צו אים באַוויזן אין חלום אָדער אויף דער וואָר. גלייכצייטיק האָט דער געדאַנק אָן אויפהער באַמבאַרדירט: פאָרן... אַ פּוילישער... מ'דאַרף אים נישט אין בערלין... צי וויל מען אים שיקן צוריק קיין פּוילן?!

— יאָ, מיין ליבער דניאל, וועסט זיך דורכפאָרן קיין פּוילן! — האָט בליצשטיין, אַ הייטערער, אויסגערופן באַלד ווי ער איז אַריינגעקומען און ווי ער וואָלט געענטפערט אויף דניאלס מחשבה. — ווי געפעלט דיר אַזאַ מין נסיעהלע? ס'איז געוואַגט און ראָמאַנטיש, אַזוי ווי אָנגעמאָסטן פאַר דיר.

דניאל האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן.

— האָב נישט קיין מורא, דניאלקע; פאָרן וועסטו כשר, ווי כשר קאָן זיין... די פּאַרטיי וועט דיך שוין באַזאָרגן ווי ס'געהער צו זיין. דו און דער חבר ווילי — אַ פּאָר „אַמעריקאַנצעס"... פאַרשטייסט?

ניין, ער האָט נישט פאַרשטאַנען.

— ווי קאָנסטו פאַרשטיין, אַז דו זיצסט און חלומסט? — האָט בליצשטיין אים געמוסרט. ער האָט אים פאָטערלעך אַרומגענומען און גערעדט זייער ווייך:

— הער זיך צו מיט קאָפּ, דניאל. — עפּעס איז דאָך דאָ אין דעם, וואָס דו ביסט אַזוי אומגעריכט פאַרשוואונדן פון דאַנען... נאַרן וועסטו מיך נישט און פּרוואוו זיך נישט פאַרענטפערן. האָסט עס גאָרנישט נויטיק, ווייל איך בין דיר אַזאַ פריינד ווי געווען, און איך ווייס אַלץ, אַלץ... האָסט געהאַנדלט זייער בראַוו, דניאל. פאַרשטאַנען דעם ענין צו דער ריכטיקער צייט, צו דער

מינוט. ביסט אַוועק און דאָס איז געווען שיין און קלוג געטאָן. איך מיין עס זייער אויפריכטיק, מיין ליבער דניאל.

און ער האָט אים אין אויער אריינגעשושקעט:

— עלזע איז נישט פאַר דיר... דו אַליין ווייסט עס בעסער... אַ גוט האַרץ, אָבער אַ בורזשויום אַ טאָכטער... נישט אונזערע מענטשן... און מיר, חברל, מיר זיינען פאַרמשפּט צו האַסן אָנשטאָט צו ליבן. אָן האָס וועלן מיר גאָרנישט דערגרייכן, די וועלט נישט באַפרייען...

שטילשווייגן.

— ענטפערסט נישט, ברודערל. כ'ווייס, ס'איז דיר שווער... אָבער דו טאָרסט נישט פאַרגעסן דיינע פליכטן אין אַזאַ אחריותדיקן מאָמענט, געמאַכט איין טריט, מוז מען מאַכן דעם צווייטן. ס'איז מלחמה, חבר!

דניאל, וועלכער האָט מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ פאַרנומען די שווערע קלעפּ, האָט אָנגעהויבן זיך ארויספּלאָנטערן ווי פון אַ הינערפּלעט. די לעצטע ווערטער האבן אים ווי געטאָן:

— פליכטן? איך? וואָס רעדט איר, חבר בליצשטיין! האָב איך זיך פון עפּעס אָפּגעזאָגט? איר מעגט מיך שיקן אין פייער... וואָס האָב איך צו פאַרלירן? חבר בליצשטיין, איר צווייפלט?

בליצשטיין האָט אים געקלאַפּט אין פּלייצע און אַ צופרידענער געזאָגט:

— כ'האָב געוואוסט, דניאל, אַז דו וועסט זיך נישט אָפּזאָגן. און אין דיין טרייקייט צווייפלט קיינער נישט, איך אוודאי נישט. וואָס מיינסטו, מ'ווייסט נישט? דיין „אַנאָנימע" מתנה פאַר דער פּאַרטיי איז אויך נישט אַזוי אַנאָנים... ווענט האָבן אויערן... דניאל, דו ביסט אַ בראַווער חבר, אַן אמתער אידעאַליסט, און אַזעלכע דאַרפן מיר האָבן!

האָט דערפון אויך געוואוסט יעקב בליצשטיין?! ווי אַזוי? בלויז מילער האָט געקאָנט דערטראַגן די ידיעה. אַזאַ פּלאַפּלער... פונדעסטוועגן איז דניאל איצט געווען צופרידן פון אָט דער פּלאַפּלעריי, מילערס.

יעקב בליצשטיין האָט צו אים ווידער גערעדט אויפן אויער:

— און וועגן דעם אַנדערן ענין האָב איך דיר בלויז געגעבן אַ חברשע עצה... מיין נישט, דניאל, אַז איך וועל מיט עפּעס שטערן... נאָר וואַרף אַוועק דעם אומעט. אומעט איז פאַר בורזשויען, נישט פאַר אונז. מיר זיינען קעמפער. מיר האָבן נישט קיין צייט פאַר אַזעלכע נאַרישקייטן. אפילו אונזער ליבע דאַרף זיין אַנדערש ווי ביי זיי... אונזער ליבע דאַרף זיין אַ טייל פון האַס... האַס, ברודער, האָב פיינט מיטן גאַנצן האַרצן — און דו וועסט עפּעס אויפטאָן; אָן דער שנאה וועלן מיר אונזער ציל נישט דערגרייכן. ס'איז אַ מלחמה אויף לעבן און טויט. האָסט עס געזען אין די פאַרגאַנ־

גענע יאָרן און דו וועסט עס נאָך זען אין דער צוקונפֿט. עפּעס ווילסטו דאָך אויפטאָן... איך וויים, איך פֿאַרשטיי. איצט האָסטו די בעסטע געלעגנ־הייט צו באַווייזן וואָס דו קאָנסט.

—אָבער אין וואָס באַשטייט די מיסיע? — האָט דניאל געפֿרעגט אומגעדולדיק.

— כ'האָב דיר געזאָגט: אַ נסיעה קיין פּוילן. אַ געפֿערלעכע נסיעה. אָבער איצט איז נישט קיין צייט צו ריידן וועגן פּרטים. וועסט פֿאָרן צוזאַ־מען מיט ווילי דעם „אַמעריקאַניעץ". ווילי וועט דיר שוין דערקלערן די גאַנצע זאַך. און מיר וועלן זיך נאָך אויך זען פֿאַר דער צייט. מ'וועט עס גוט באַזאָרגן. ווילי איז געווען אין אַמעריקע און מיר וועלן קריגן אַמערי־קאַנער פּאַספּאָרטן פֿאַר ביידע. איר וועט דאָרט זיין אַנגעזעענע לייט; פּאָ־ליאַקן האָבן דרך־ארץ פֿאַר אַמעריקאַנער פּאַפּירן... און פֿאַר אַמעריקאַנער „לאָקשן" אַוודאי... אגב, מיר וועלן באַזאָרגן טאַקע די „לאָקשן", וואָס דו האָסט אַוועקגעגעבן דער פּאַרטיי, די דאָלאַרן פֿון דיין רייכן ברודער, דעם פֿאַבריקאַנט. ווי געפֿעלט דיר דער פּלאַן, דניאל? פֿיין, העי?

בליצשטיין האָט זיך צעלאַכט און אַנגעקוואָלן פֿון זיך אַליין.

— יאָ, דניאל, אַ געניאַלער איינפֿאַל! קורץ, מיר גיבן דיר צוריק דיינע דאָלאַרן און דו וועסט זיי נוצן פֿאַר פּאַרטיי־אַרבעט. אָט וועסטו ווידער אָנקוקן דיינע „גרינע לאָקשן", וואָס היינט קאָן מען פֿאַר זיי אָפּקויפֿן אַ האַלבע בערלין...

דניאל האָט פּראָטעסטירט:

— איר ווילט מיר צוריקוואַרפֿן מיין מתנה?

— ניין, ברודער, די פּאַרטיי וואַרפֿט נישט צוריק אַזוי גרינג. אַנו, פּרוּאוו זיי פֿאָדערן צוריק, וועסטו קריגן אַ פֿייג. ס'איז געלט פֿון דער פּאַר־טיי־קאַסע, פֿונם פּאַרטייאישן ביודזשעט. וועסט עס דאַרפֿן אָפּהיטן ווי פֿרעמד געלט, ווי פּאַרטיי־געלט, נישט ווי דיינע... פֿאַרשטייסטו שוין?

אָ, יאָ, איצט האָט דניאל גוט פֿאַרשטאַנען! דער פּלאַן איז אים גע־פֿעלן געוואָרן. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט האַסטיק:

— ווען פֿאָרן מיר?

— וואַרט, חבֿרל, דאָס וועט מען דיר געבן צו וויסן. אין דער פּאַרטיי דאַרף מען נישט פֿרעגן קיין סך, נאָר פֿאָלגן. דיסציפּלין, פֿאַרשטייסטו מיר, און דייטשע דיסציפּלין, ווייל דאָ הערשט די דייטשע פּאַרטיי, נישט מיר. מ'וועט דיר שוין אָנזאָגן ווען און וואָס און ווי אַזוי. דערוויל גיי אַהיים און מאַך זיך גרייט צו דער רייזע. און פֿאַרגעס אַלע נאַרישקייטן און חלו־

מות. פון איצט אָן מוזטו זיין אַ רעאַלער מענטש — האָט בליצשטיין אויס־געשטרעקט די האַנט.

ביי דער טיר האָט דניאל געפרעגט:

— חבר ווילי קען ענגליש?

— יאָ, אוודאי קען ער.

— אָבער איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט.

יעקב בליצשטיין האָט אויפגעריסן מויל און אויגן:

— וואָרט נאָר, דו ביסט דאָך גערעכט, און אויב אַזוי, טויג דאָך דער גאַנצער פּלאַן מיט די אַמעריקאַנער־פּאַספּאָרטן אויף כּפּרות. וואָרט, אפשר זאָל ווילים באַגלייטער גאָר זיין אַ דייטש? ניין, דאָס וועט נישט טויגן. אביסל אויפּפּאַלנדיק. וועסט מוזן צוקנעלן אַביסל ענגליש, דניאל. נו, מיר וועלן נאָך גוט דורכטראַכטן דעם ענין. דערווייל גיי, גיי און רו זיך אויס און זיי גרייט אויפן ערשטן רוף.

יעקב בליצשטיין האָט הינטער זיך פאַרקלאַפּט די טיר פון זיין אַלקער און דניאל איז אַ וואַקלדיקער, ווי אַ שיכּור, געגאַנגען איבער די ווייכע טאַפּעטן פונם האַלב־טונקעלן זאַל. דורך די גרויסע פענצטער האָט זיך אַריינגעוועבט אין הויז די אַלץ טיפער ווערנדיקע בלויקייט פון פאַרנאַכט.

דניאל האָט לייכט געעפנט די טיר, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו געבן צו וויסן אימיצן, אַז ער גייט אַוועק. שפּיצפינגערדיק איז ער אַראָפּ פון די טרעפּ. אָבער אונטן, ווען ער האָט געעפנט דאָס טויער צו דער גאַס, האָט דאָס גלעקל שאַרף אַ קלונג געטאָן. ער האָט אויפגעציטערט. דער קלונג האָט געמאַכט ציטערן די בלויקייט, וואָס האָט זיך צעליינגט אויף גאַסן און מויערן.

ער איז אַראָפּ אין גאַס און זיין בליק איז צוגעקלעפּט געוואָרן צום פאַרשאָטנטן באַלקאָן פונם רייכן הויז. אויפן באַלקאָן האָט ער דערזען — זי!

יאָ, דאָרט איז זי געשטאַנען, אין אַ ווייסן קלייד און אַ העל רעקל אויף די שמאָלע אַקסלען, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די האָר צעפּלאָשעט איבערן ליכטיקן שטערן, דאָס פּנים בלאַס־בלוילעך, ווי דער אַנקומענדיקער אָוונט. די ווייסקייט פון איר קלייד האָט זיך געפאַרבט אין בלוי. אירע שוואַרצע אויגן האָבן מיט אַ פייכטן בליק געקוקט אויף דניאלן.

ער איז געבליבן שטיין, ווי צוגעשמידט צום טראָטואַר. זייערע בליקן האָבן זיך באַהעפט און ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין זייער באַהעפטונג. אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, ווי בלעטלאַך פון אַ רויז, וואָס האַלט ביים

איינשלאָפן אונטערן צאַרטן גלעט פונם אָוונט־ווינטל. און זיין געהער האָט קוים פאַרנומען דאָס געשעפּטש:

— דניאל...

און ער האָט געענטפערט, נישט הערנדיק זיין אייגענעם קול:

— עלזע!

זי האָט האַסטיק געעפנט דעם באַלקאָן הינטער זיך און איז אַריין אין שטוב. דניאל איז לאַנג געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער און געקוקט אויף דעם ליידיקן באַלקאָן. ענדלעך האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון זיין אָרט און אַוועקגעשפּאַנט דורך די בלויע גאַסן און אַלייען פון שאַרלאָטענבורג. וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, אַלץ פעסטער איז געוואָרן זיין טראָט און אין זיינע אויערן האָבן געקלונגען בליצשטיינס ווערטער:

— מיר זיינען פאַרמשפּט צו האַסן אָנשטאָט צו ליבן. האַס, חברל, האָב פיינט מיטן גאַנצן האַרצן, וועסטו עפּעס אויפטאָן פאַר דער באַפריי־אונג פון דער וועלט!...

פערטער טייל

קאפיטל 1.

צוויי „אַמעריקאַנער" אין פוילן

ליבל חיימאָוויטש און דניאל שטאַפּלער האָבן באַטראָטן די פּוילישע ערד אין אָנהויב פרילינג, אַלס „וויליאַם" אָדער „ווילי היימאַן" און „דזשעק מון". בלויז געציילטע מענטשן פון דער אַנדערער זייט גרענעץ האָבן געוואוסט וועגן זייער געהיימער און געפערלעכער שליחות: אימיצער, זייער אַ וויכטיקער פּאַרטיי־חבר, האָט געדאַרפט ווערן איבערגעוואַלט אַרויסגעריסן פון אַ פּוילישער תפיסה. מ'האָט זיך געדאַרפט אַנטקעגנשטעלן מיט חכמה קעגן געוואַלט, מיט געוואַגטקייט און ביטערע שפּיצלאַך קעגן הויכע און ברייט־פּאָליציקע פּוילישע זשאַנדאַרן און שפּיקעס; קעגן יונגע זעלנער מיט קאַנטיקע היטלאַך, וואָס האָבן מיט רציחה געשלאָגן באָלשעוויקעס און אידן; קעגן אייזערנע טירן און גראַטעס פון פעסטונגען און טורמעס, וואָס זיינען איבערגעבליבן ווי אַן אָנדענק פונעם „באַטיושקאַ צאַר" פאַר דער באַפרייטער, הפקרדיקער פּוילן.

אַזוי גיך ווי דניאל שטאַפּלער — איצט דזשעק מון — האָט דערזען די הויכע אוניפאָרמירטע מענער, וואָס האָבן זיך געדרייט דורך די וואַגאָנען און יעדן פּאַסאַזשיר אַריינגעקוקט פרעך אין פּנים, און ער האָט דערשפּירט דעם ריח פון אַלקאָהאָל, וואָס האָט געשלאָגן פון די פּאַנסקע וואָנסעס, האָט יענער האָס, וואָס יעקב בליצשטיין האָט אים געלערנט אין בערלין, אַ שלאָג געטאָן צו זיינע שליפן און אַ צינד געטאָן זיין מוח. ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז ער אַנטלאָפן פון דעם דאָזיקן לאַנד מיט אַ קללה אויף די ליפּן און מיט אַן אומגעהויערן פאַרלאַנג צו זען די גרויסע וועלט און צו אַרבעטן פאַר איר באַפרייאונג — און שוין איז ער צוריק „אין דער היים", אין אָט דער „היים", וואו אין משך פון אַ לאַנגער צייט האָט אים פאַרפאָלגט דער טויט, פאַרקליידט אין מונדירן און אין ציוויל־קליידער, נאָר שטענדיק מיט אָט דער פרעכקייט אין בליק און מיט דעם אַלקאָהאָל־גע־

שטאַנק פון פּאַנסקע וואָגנס. דניאל איז איצט ווידער געווען אין זייערע הענט און ער האָט געמוזט אָנשפּיצן אַלע זיינע חושים, כדי נישט אַנט־דעקט צו ווערן. ווילי האָט אים געגעבן לעקציעס ווי זיך צו האַלטן מעשה־אַמעריקאַנער; אָבער יעדע מינוט האָט געקאָנט טרעפן אַן אומגליקלעכער צופאַל און „דזשעק מון" זאָל צוריק ווערן דניאל שטאָפּלער...

דניאל האָט זיך נישט געשראָקן. דער געדאַנק, אַז מ'האָט אים אָנ־פאַרטרויט אַזאַ וויכטיקע שליחות, איז געווען גענוג צו פאַרטרייבן יעדע שרעק. אָנשטאָט מורא, האָט ווי צעגאָסענער בליי פון שנאה און העלדנמוט געשטראָמט איבער זיינע אָדערן. פונדעסטוועגן האָט דער אומרו אים גע־האַלטן געשפּאַנט בעת דער גאַנצער רייזע.

ווילי איז געווען אַ מונטערער, אַ שטאַרקער, מיט גרויסע, אָדערדיקע הענט. זיין רויטלעך פּנים האָט געשמייכלט אונטער די אַמעריקאַנער טור־ריסטן־ברילן. זיינע באַוועגונגען זיינען געווען פריַיע, הערשערישע, ווי פון איינעם, וואָס קוקט מיט גרינגשאַצונג אויף דעם „צוריקגעשטאַנענעם און ווילדן לאַנד". זיין אַמעריקאַניש אויסזען איז נאָך געווען מער קענטיק דורך דעם גערוימען העלן אָנצוג און די געלע שיך. דניאל, וועלכער האָט נישט געקענט די קונסט פון אַמעריקאַניזירן זיך, האָט אין ריידן אָפּט באַנוצט דאָס ביסל ענגלישע ווערטער, וואָס ער האָט באַוויזן זיך אויסצולערנען. ער האָט געטראָגן אַ גרין און גרוי־געשטרייפטן רייזע־אָנצוג; אַ ברייטע טעקסע־מער הוט האָט פאַרדעקט זיין קאָפּ און ער האָט זיך אויף אַ מאָמענט נישט געשיידט מיטן פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, וואָס ער האָט מיט אַ געלן פּאַס געטראָגן אויף זיין אַקסל, ווי אַ נייגעריקער טוריסט. ביידנס מאַסקעס זיינען משמעות געווען גאַרנישט שלעכט, וואָרן אויף דער גרענעץ האָבן זיי נישט געהאַט די מינדסטע שוועריקייט. די אינספּעקטאָרן האָבן זיך כסדר אַנט־שולדיקט פאַר זיי צוליב דער רעוויזיע פון זייער באַגאַזש, וואָס איז געווען פאַרקלעפּט מיט אַמעריקאַנער עטיקעטן, און די „טוריסטן" האָבן נאָכאַנאַנד געהאַט אַ גרייטן ענטפער אויף די ליפּן:

— „פּראָשע"... „ווי אַר אַמעריקען"... „יו'ר אָללרייט"...

דניאלן איז אָנגעקומען שווער זיך אויסצולערנען דעם „פּראָשע" אויף „אַמעריקאַניש"; אָבער ענדלעך האָט ער עס „געכאַפּט", און דאָס וואָרט, ווי אַנדערע געקליבענע פּוילישע ווערטער, וועלכע ער האָט כלומרשט גע־זוכט אין ווערטערבוך, איז אַרויסגעקומען אַזוי קאָמיש, אַז די אינספּעקטאָרן האָבן געשמייכלט צווישן די וואָגנס פון דעם „אַמעריקאַנער פּויליש" און זיי האָבן דערלויבט די „טוריסטן" צוריקגיין אומגעשטערט אינם שלאָף־וואַגאָן.

נאכן אריבערפארן די גרענעץ־ליניע, איז דער צוג געווארן פול מיט פארדעכטיקע פאסאזשירן. האנט־לעמפלאך האבן זיך געצונדן און געלאשן, אפט זיך אפגעשטעלט מיט זייער שפיזיקן ליכט־פאס אויף די מכלומרשט רואיק־שלאפנדיקע „טוריסטן", געגנישטערט צווישן די בעטלאך און פארהענגלאך, בעת א שכורער פריץ האט געשאלטן מיט טויטע קללות די „זשידזשי", וואס ווילן נאך אלץ נישט גיין קיין פאלעסטינע, נאר זיי זיצן אין פוילן און בונטעווען די „כלאפעס"...

אהין און צוריק האבן זיך געטראגן שווערע שפארן־קלינגענדיקע טריט פון זשאנדארן מיט רויטע לאמפאסן אויף די הויזן, און אין האלב־טונקל האבן באגילדעטע קנעפ געבלישטשעט, ווי קעציש אויגן.

ווילי האט זיך געדרייט אויף זיין געלעגער און געברומט:

— שארראפ... גאד־דעמעט!

דניאל איז געלעגן מיטן פנים צו דער וואנט און זיך געמאכט כראפען אויפן קול. ווי גוט עס וואלט געווען, ווען די נאכט זאל זיך ציען ביזן סוף פון דער רייזע! אבער גיך האט די פרילינגדיקע זון אונטערגעצונדן די פענצטערלאך פון וואגאן און מ'האט געמוזט זיך אויפהויבן. דניאל האט זיך ווידער גענומען צו זיין פאטאגראפיש אפאראט, וואס ער האט אומגערן אנגעשטעלט אויף יעדן דערפל און וועלדל, וואס מ'איז פארבייגעפארן, בעת די מילדע פרילינג־זון איז געשטיגן אלץ העכער איבערן הימל, אנטפלעקנדיק גערוימע גרינע לאנקע־טעפיכער און בלוילעכע וועלדער. ווילי האט אויסגעשפרייט פאר זיך א גרויסע מאפע און שטודירט זיין טוריסטן־ביכל, שמייכלענדיק איבער די פארבייגייער און מיטזיצער פונם וואגאן און איבער די שפיקעס מיט די שטעכנדיקע אויגן, וועלכע האבן זיך אפגעשטעלט קוקן אויף די פלעצער, וואס דניאל האט פאטאגראפירט: טאמער זיינען עס „מיליטערישע סעקרעטן"...

וואס האט דאס ווילין געקאנט ארן? וויליאם היימאנס פאפירן זיינען געווען אין בעסטער ארדנונג. ער האט פריי געלאכט פון די מענטשן, וואס האבן געציטערט איבער זייערע „מיליטערישע סעקרעטן", און פון די פוילישע אידלליט, וואס האבן מיט גאווה זיך פארבייגעשלייכט לעם די אמעריקאנער „זשידעס". מיט דער הויך און ברייט פון זיין גוף האט ער דניאלן פארשטעלט פאר נייגעריקע אויגן, ווארן כאטש „דזשעק מון" האט אנגעטאן גרויסע טונקל־גרינע זון־גלעזער, האט ער זיך נאך אלץ נישט געפילט אזוי זיכער.

די נסיעה איז אריבער בשלום. פארנאכט זיינען זיי אנגעקומען צום ציל.

די זון האָט מיט שאַרלאַך און גינגאָלד געפאַרבט די דעכער פון דער שטאָט. קוימענס זיינען געשטאַנען אין פלאַמען פון בין־השמשות. אַרום און אַרום — רויטע דעכער, צעצונדענע בײמער־שפּיצן מיט ווייסע לאַטעס בעז, ווי אַ דערמאָנונג פונם פאַרגאַנגענעם ווינטער. אויף די גאַסן האָבן געווימלט מענטשן, ווי מוראַשקעס, אַהין און צוריק, אין אַלע ריכטונגען, יעדער מיט זיינע דאגות, יעדער מיט זיין אייגענער וועלט, געצויגן זיך, צו־נויפגעקנוילט און אויפגעלייזט זיך אינם בלוילעכן שאָטן, וואָס איז ווי אַרויסגעוואַקסן פונם איינגעווייד פון דער ערד און זיך געשפּרייט אַרויפצו, צום לויפנדיקן צוג, צו די ווענט, צו די דעכער, צו די קוימענס, צו די וואָל־קענס און צו די לעצטע אָפּשיינען פון דער פאַרגייענדיקער זון.

ווייט אַריבער די דעכער און סעדער האָט אַ זילבערנער פּאַס, ווי אַ ריזיקע שלאַנג, זיך געדרייט און געבויגן און געקנוילט איבער די פעלדער. ס'איז געווען דער טייך. מיט אָט דעם טייך איז געווען פאַרבונדן אַ וויכ־טיקער טייל פון דער שליחות פון די צוויי „אַמעריקאַנער". נאָך מער איז אָט די שליחות געווען פאַרבונדן מיט דער געבײדע קעגנאיבער דעם טייך, צו וועלכער דער צוג האָט זיך איצט געגליטשט. דאָס איז געווען אַ ברייטער בייכיקער בנין מיט איינציקע פייערלאַך און מיט אַ שמאָלן, אומענדלעכן ליכט־פּאַס, וואָס האָט פון צייט צו צייט אַ נישטער געטאָן אַרום און אַרום.

די „אַמעריקאַנער" זיינען פאַרפאָרן אינם בעסטן האָטעל — אַ דריי־שטאָקיקע מויער מיט אַ סך פענצטער און פענצטערלאַך, — אינמיטן דער שטאָט. דער ברייטער, בייכיקער בנין קעגן דעם טייך האָט זיך גוט געזען פונם דריטן שטאָק, וואו זיי האָבן זיך אַריינגעקליבן.

אין האָטעל־צימער

דניאל איז געבליבן אליין אין זיין צימער. דער מוח איז געווען פול מיט רעדער־גערויש פונם לויפנדיקן צוג. ער איז נאָך נישט געקומען צו זיך פון דער לאַנגער, אָנגעשטרענגטער נסיעה. אָבער פול מיט באַלזאַם און רו איז געווען די קילע אָוונטיקע לופט, וואָס האָט געשפּרייט דעם ריח פון דופטנדיקן בעז און דרימלענדיקע קנאָספּן־לאָנקעס. אויף דניאלן האָט אַ פאָך געטאָן מיט שטעטל און היימישקייט.

נישט ווייט ליגט אַ פאַרניורעטע אין שאָטנס דאָס שטעטל פון זיין געבוירן. די היים, טאַטע־מאַמע, באָוטשע, חברים, פרידעלע. ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען... און קיינער האָט דאָרט קיין אַנונג נישט פון זיין נאָענטקייט.

אין אַזאַ אָוונט גלוסט זיך חלומען מיט אָפענע אויגן. אָבער זיין בליק

האָט זיך איינגעגעסן אין די איינציקע פּייערלאַך פון אַריבערן טייך, וואָס האָבן זיך ווי געריצט מיט אים, געשפּעט פון זיין העלדישקייט און פון זיינע פּלענער. ער איז געוועזן מיד. אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט זיך געלייגט און אויסגעלאָשן דעם נאַפט־לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין טישל, זיינען אים, ווי היישעריקן, באַפאַלן מחשבות, ווערטער, קלאַנגען, פראַזן, און צווי־שען דעם אַלעם האָט זיך אויסגעשיילט בולט דער שטאַלטנער ווילי הייזמאַן.

אָט דער ווילי. אין זיינע הענט ליגן עס אַלע פּלענער, אפשר אפילו זיין, דניאלס, גורל, זיין לעבן און טויט. ווילי האָט אים אַ סך געלערנט און אַ סך דערציילט, אָבער אַלץ נישט דערלערנט און אַלץ נישט אויסגעזאָגט די פּלענער. פאַר אים, פאַר דניאלן, איז עס געווען אַ בלינדע שליחות אין אַ שטאָק־פינצטערער נאַכט. פאַרוואָס האָט מען אים נישט איבערגעגעבן בפּר־טיות וואָס ער גייט טאָן, פאַרוואָס האָט מען נישט קיין צוטרוי צו אים? וואָס איז ער דען — אַ פאַררעטער?

דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין צאָרן, אָבער באַלד האָט ער זיך באַרואיקט: קלאָר, ער, דניאל, איז נאָך יונג און אומדערפאַרן, און כמעט אומבאַקאַנט אין דער בערלינער באַוועגונג. האָט מען טאַקע נישט קיין צוטרוי. קיין צוטרוי...

פאַררעטער... וואָס אייגנטלעך איז אַזוינס אַ פאַררעטער? אָט אַזאַ ווי די פּוילישע שפּיקעס... אַזעלכן דאַרף מען דערשיסן און פּטור אַן עסק! דערשיסן... ער האָט דערשפּירט אַ שווידער איבער דער פּלייצע. יאָ, אין אַזאַ שליחות, ווי די איצטיקע, דאַרף מען קענען דערשיסן אויך. ער האָט נאָך קיינעם אין זיין לעבן נישט געשאָסן; אָבער אין בערלין האָט ווילי אים גע־וויזן ווי אַזוי אומצוגיין מיט אַ רעוואָלווער, און ער, דניאל, איז אַריין אין התפּעלות בעת ער האָט געהאַלטן אין זיין האַנט אָט די שטיק טונקל־בלויען, אייז־קאַלטן שטאָל.

אין זיין קופּערט מיטן טאַפּלטן דעק ליגט אָט דער כישופדיקער אינס־טרומענט, מיט וועלכן מ׳קאָן שיסן און אין איין סעקונדע אימיצן „אַראָפּ־ראַמען פון וועג״, ווי עס זאָגט ווילי.

דניאל איז פון בעט אַראָפּגעשפּרונגען. ער האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער, קוקנדיק אויפן קופּערט.

— וואָס אייגנטלעך האָט ער געוואָלט טאָן?

נאָך אין בערלין האָט ער שטאַרק חשק געהאַט צו שיסן אויף אימיצן, — האָט עס געמעגט זיין אפילו אויף זיך אליין. איין מאָל האָט ער געפּרוווט שפּירן די קאַלטקייט פון שטאָל אויף זיין שלייף. איצט האָט ער נאָכאַנאַנד געזען די איינציקע פינטעלאַך ליכט פון דעם בייכיקן בנין אויף יענער זייט

טייך; דער פּראָזשעקטאָר האָט זיך דאָרט געדרייט אין דער פינצטערניש פון דער פרילינג־נאַכט און אַ ליכטיקע שווערד האָט פון צייט צו צייט אַ שניט געטאָן אין דער נאַכט. אָך, ווי ער וואָלט געוואָלט אויספּרואוון דעם רעוואָלווער, שיסנדיק אין אָט דער שווערד, צי אין יענע פינטעלאַך אַריין! בהמה!...

ער איז שטיין געבליבן אינמיטן צימער. ער האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און אין זיינע אויערן האָט געשושקעט ווי אַ געהיימע שטים:

— פאַררעטער... פאַררעטער...

אוודאי וואָלט עס געווען אַלץ איינס ווי פאַרראַט. דאָס וואָלט אַלע פּלענער צעשטערט — איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן. און די געהיימע שטים:

— קינדער טאָרן זיך נישט שפּילן מיט פייער...

און הגם ער איז געווען מיד פון צוויי שלאָפלאָזע נעכט, איז ער איינגעשלאָפן ערשט באַגינען, ערב דעם אויפשטראַל פונם מאָרגנשטערן.

אַ באַזוך אין דער פעסטונג

— חבר, צו דער אַרבעט! וואָס פאַר אַ שלאָפן וואָס? דזשעק! דזשעק!

דניאל האָט זיך געריבן די רויט פאַרשוואָלענע אויגן. די זון איז נאָך געשטאַנען נידעריק אויפן האָריזאָנט.

— אַמעריקאַנער, חבר דניאל, דאַרפן אויפשטיין פרי — האָט ווילי היימאַן אייינגעקנעלט מיט אים נאָך אַ לעקציע פון אַמעריקאַנישער אויפפירונג. — אַמעריקאַנער הויבן זיך אויף מיט דער זון צוגלייך צו גיין צו דער אַרבעט, אָדער ווען זיי אַרבעטן נישט, איז צו נעמען אַ באָד און דערנאָך אַ שפּאַציר. פאַרגעס נישט: „ווי אַאַר אַמעריקענס, נאָט לייק יוראָפּיענס״... אייראָפּעער זיינען פוילאַקעס, שלאָפן ביז צען אינדערפרי, יאָגן זיך נישט ביי דער אַרבעט. ביי אונז איז אַלץ „האָרי־אַפּ״... נו, שטיי־אויף, דזשעק! האָרי־אַפּ! קאָם־אָן!

דניאל האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי גיין צוזאַמען מיט ווילין „כאַפּן אַ שפּריץ״. ווען זיי זיינען געגאַנגען איבער די קאָרידאָרן, אָנגעטאָן אין לאַנגע, געפּאַסעוועטע כאַלאַטן און שטעקשיך, האָבן די דינער אָראָפּגענומען די היטלען און זיך געבויגן פאַר די „אַמעריקאַנצעס״.

— יו סי — האָט ווילי געלאַכט מיט אַ פולער ברוסט. — דיס איז עי גוד דזשאָב...

אינם באָד־צימער האָט ער געשאָלטן די „גאָד־דעם־אָרדנונג״ פון פוילן, דעם שמוץ, דעם מאַנגל אין וואַסער, און לסוף געמאַכט אַ סקאַנדאַל, אַז די

דינערשאַפט איז געקומען צו לויפן און דערנאָך דער אַדמיניסטראַטאָר אַליין. „פּראָשע פּאַניעס" זיינען געוואָרפן געוואָרן פון אַלע זייטן. יעדער האָט געוואָלט עפּעס טאָן פאַר די „אַמעריקאַנצעס", נישט געוואוסט ווי זיך צו אַנטשולדיקן פאַר זיי. דער אַדמיניסטראַטאָר, א גוי מיט גרויסע רויטע וואָנסעס, איז געווען ווייס, ווי קאַלך, און געזוכט האַלב אויף פּויליש און האַלב אויף שטום־לשון זיי צו דערקלערן דעם „טעות": פאַרוואָס דער שפּריץ האָט נישט געשפּריצט און פאַרוואָס דער האַנטוך איז געווען אביסל ברודיק. ער האָט צוגעזאָגט, אַז אויפצומאָרגנס וועט אַלץ שוין זיין אין דער בעסטער אָרדנונג, „פּאַ אַמעריקאַנסקו"...

נאָך דער באָד האָט ווילי געקלאַפּט דעם אַדמיניסטראַטאָר פריינדלעך איבער דער פּלייצע.

— נעווער מיינד, סער, נעווער מיינד... ווי אַר אַקאָסטימט... אַמעריקענס, יו־נאָו... באַט איטס אָלרייט, אָאַלררייט...

— אָלרייט? — האָבן געלויכטן די אויגן פונם גוי מיט די רויטע וואָנסעס. ער איז געווען גליקלעך, וואָס די זאַך איז נישט אַוועק ווייטער.

ביים פרישטיק האָט מען זיי דערלאַנגט פונם בעסטן, וואָס מ'האָט געקאָנט קריגן, אָבער ווילי האָט זיך אַלץ געקרימט און א סך זאַכן צוריקגעשיקט. אין דרויסן האָט ער דערקלערט דניאלן זיין האַנדלונג:

— טאָמער איז ביי וועמען עס איז געווען דער מינדסטער חשד, אַז מיר זיינען נישט קיין אַמעריקאַנער, איז איצט אוים חשד, פאַרשטייסטו מיך. מ'דאַרף זיי נעמען אויפן זיכער, יו נאָו...

— אָאַל־ראַאיט... — האָט דניאל געענטפערט.

זייערע ליכטיקע אָנצוגן און שפּיציקע געלע שיך האָבן ביי אידן אין שטעטל אויפגעריסן מויל און אויגן. מ'האָט זיי לאַנג נאָכגעקוקט און זיך געבויגן פאַר זיי. דרייסטערע מענטשן האָבן זיך געפּרואווט דערנענטערן, פאַרציען א שמועס וועגן אַמעריקע; אידן מיט לאַנגע בערד און זשופּיצעס האָבן זיי אָפּגעגעבן שלום און ווילי האָט דערציילט וואונדער פון דעם „גאָלדענעם לאַנד", וועגן די באַנען אונטער דער ערד און אויף די דעכער, און וועגן מענטשן, וואָס שפּאַצירן זיך רואיק אונטערן ים און עס געשעט זיי קיין בייז נישט, וועגן „קעסלגאַרדען" און דער גרויסער פרייהייט־סטאַטוע און נאָך און נאָך אַזעלכע וואונדער. אידן האָבן געזיפצט:

— אוי, ווי קומט מען עס קיין אַמעריטשקע!

דניאל האָט איינגעזען, אַז זייער אַמעריקאַנישקייט איז נישט געווען קיין געראָטענע מאַסקע.

— פאַר די עטלעכע שעה, וואָס מיר זיינען דאָ, קען אונז שוין קינד

און קייט — האָט ער געטענהט. — יעדער קוקט אונז נאָך. פּאָליציי וואָלט אונז איצט דערקענט אין פייער. מיר געפּעלט עס גאָרנישט.

— דו זיי נאָר געדולדיק. ס'וועט זיין אָלרייט! פּאַרקערט, דאָס איז אַ גרויסע מעלה, וואָרן קיינעם וועט גאָרנישט איינפאַלן דער מינדסטער חשד — איז ווילי באַשטאַנען. — נאָר אַזוי צי אַזוי, אַ פאַרפאַלענע זאַך.

ווילי הײמאַן איז געווען פאַר אים די פאַרקערפּערונג פון דער פּאַרטיי און זיין וואָרט האָט געמוזט אויסגעהערט און אויסגעפּאָלגט ווערן, ווי אַ באַפעל. פונדעסטוועגן האָט דניאל ווייטער גערעדט, ווי אין דער וועלט אריין:

— בעסער האָבן צו טאָן מיט שפּיצלאָך, זיך באַהאַלטן פון פּאָליציי, קריכן, ווי אַ גנב, איבער דער טורמע־וואַנט, איידער... איידער... ווי מ'וואָלט מיר אָנגעטאָן פרעמדע שטיוול... טאַפּטשע, טאַפּטשע...

ווילי האָט נישט געענטפערט. מיט אַ בליק האָט ער אָפּגעשטעלט דניאלס פּלאַפּלעריי.

די שטאָט האָט געהאַט שמאָלע, געדרייטע געסלאָך און וועגן. גרויע, ווייסע און גרינע הייזער מיט רויטע דעכער האָבן זיך געטונקט און געפלאָכטען אין גרין־צעבליטע סעדער און גערטנער און אין ביימער מיט שמעקנדיקן בעז. פון אַ ברוקירטער גאַס, אויף וועלכער מ'האָט געדאַרפט ארויפשטייגן איבער שטיינערנע טרעפּ, האָט מען געזען דעם העל־זילבערנעם פּאַס פונם טייך און די גרויע מויער־וואַנט פון דער טורמע, און ווייט הינטער איר, אינם גאָלדיקן נעפּל פון זון און גרינס — אַ טיף־בלויען שאָטן פון אַ וואַלד.

זעלטן־ווען האָט מען געהערט דאָס קרעכצן פון אייזערנע רעדער איבער די ברוקן. קינדער מיט ברענענדיקע אויגעלאַך און גלאַנציקע היטעלאַך האָבן אינמיטן די גאַסן זיך געשפּילט אין זאַמד און שטיינדלאַך. מאַנסבילן אין לאַנגע, שוואַרצע קאַפּאָטעס, מיט גאַרטלען ארום דיך, האָבן זיך ארומגעדרייט מיט די הענט אויף הינטן. עלטערע אידן, מיט טלית־זעק אונטער די אָרעמס, זיינען געגאַנגען געמיטלעך, מיט די אויגן צו דער ערד. יונגע מיידלאַך, מיט קאָלירטע טיכלאַך אויף די קעפּ, האָבן שפּאַצירט געאָרעמט און זיך געגרויטלט, בעת זיי האָבן געוואָרפן באַהאַלטענע בליקן אויף די „אַמעריקאַנצעס", וועלכע זיינען געגאַנגען גיך, גרויסשטעטיש, מיט לאַנגע און פעסטע טריט.

— האָרי־אַפּ, האָרי־אַפּ! — האָט ווילי געמונטערט דניאלן. און דניאל האָט קוים געקאָנט אָניאָגן זיינע טריט.

זיי זיינען אוועק צום טייך, איבער דער בריק, וואָס האָט אים אָפּגע־

טיילט פון דער שטאָט און ביסלעכווייז האָבן זיי זיך דערנענטערט צו דער גרויער, בייכיקער און סודותדיקער געביידע אויף דער אַנדערער זייט.

מיניענדיק אונטערן זון־ליכט, האָט דער טייך אַריינגעשניטן אין פּילקאָלירנדיקע טאָלן.ביימער, הויך־צעוואַקסענע, האָבן מיט זייערע גרינגע קעפּ געשפּיזט צו די הימלען. ביים טייך־ברעג האָבן אַלטע ווערבעס געוויינט אין דער שטיל מיט זייערע אַראָפּהענגענדיקע צווייגן איבערן וואַסער. קליינע בערגלאַך האָבן זיך געכוואַליעט איבער דער געגנט און צווישן טאָל און באַרג האָבן אַרויסגעשטאַרט קרויזיקע קוסטעס. דאָ און דאָרט האָט גע־הויערט אַ טשערעדע שאָף, און צווישן זיי זייַנען פּאַסטוכער מיט ווייסע פּיס געזעסן און האָבן געטרעלט פּרילינג־לידער אויף הילצערנע פּייפלעך. פייגל צווישן די ביימער־קרויזן האָבן די לידער דערהערט און מונטערע אָוועקגעפּאָכעט אין דער דורכזיכטיקער לופט.

פּרילינג איז געווען אויף דער וועלט. אָבער אין דער פּרילינגדיקער וועלט האָט אַ פינצטערע, אַ דראָענדיקע, זיך געהויבן די תפיסה־וואַנט, פאַר־שוואַרצט פון יאָרן צי פון פּיין. וואָס איז געווען הינטער יענער וואַנט? וויפל מענטשלעכע לעבנס האָבן דאָרט געפּלאַטערט אונטערן בייזן בליק פונם היטער, געקראַמפּט זיך אין פּחד פאַר יעדן שפּאָרן־קלונג און פאַר יעדן טופּ פון אַ פערדישער פּאָדקאָווע? צי האָט מען דאָרט געקאָנט הערן די טרילערייען פון די פייגעלאַך, וואָס זייַנען אָקאָרשט געקומען פון ווייטע לענדער, צו אָטעמען די זיסקייט פונם בעז? צי האָט מען דאָרט געקאָנט קוקן אויפן בלוי דורכזיכטיקן הימל, וואָס האָט אַזוי אומענדלעך־מילד זיך געשפּרייט איבער גאָטס ערד?

דער אייזערנער טויער איז געווען פעסט פאַרמאַכט. ביי די טורעמס פון ביידע זייטן — רייטער אויף פלינקע פערד, גרייט אַ שפּרונג צו טאָן אויף דעם וואַנגדיקן אומבאַקאַנטן, וואָס וועט זיך דערנענטערן צו שטערן די פינצטערע רו. הינטערן טויער — ריטמישע טריט פון וועכטער. אויף די טורעמס — ווידער וועכטער, מיט ביקסן און בלאַנקענדיקע באַגנעטן. פון טונקעלע לעכער פון די ווענט — אָפענע מיילער פון האַרמאַטן צי קוילנ־וואַרפער, גרייט צו שפייען גיהנומדיקן פייער אויף באַרג און טאָל, פעלד און וואַלד, טייך און שטאָט. און צווישן דעם אַלעם — קנוילנדיקע מענטשן־לעבנס הינטער פאַרגראַטעוועטע פענצטערלאַך אויף דער אַנדערער זייט וואַנט; און דאָרט האָט איינער, אַן אומבאַקאַנטער, מסתמא געוואַרט אויף דער שעה פון זיין באַפרייאונג, וואָס האָט געדאַרפט געבראַכט ווערן פון צוויי בלומרשטע „אַמעריקאַנצעס", גאַפּנדיקע אויף טורמע־וואַנט און דראָ־ענדיקע וועכטער.

— באַפרייאונג?

זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און אויף גיך זיך צעשיידט, איינגעגראָבן געוואָרן אין דער ערד.

— באַפרייאונג? אינגלאַך, פאַנטאַזיאָרן!

זיי האָבן זיך איינגעהערט. די הויכע, גרויע וואַנט האָט נישט געקאָנט פאַרשטעלן פון זייער געהער די יאָמערלעכע ווידערקולן פון מענטשן געפייניקטע צווישן גראַטעס און קאַרצערס. צי האָבן זיי טאַקע די קולות געהערט? האָט זיך זיי אויסגעדאַכט? פאַר דניאלס אויגן האָט אַ שאָטן דורכגעשוועבט, אַ שאָטן פון אַן אומבאַקאַנטן, פון אַ פּנימלאָזן מענטשן, וואָס איז געפאַלן אין אָנמאַכט, מיט צונויפגעקוועטשטע פיס־פינגער צווישן אייזערנע טירן.

פרילינג איז געווען אַרום און אַרום. די זון האָט געוואָרפן זשמעניעס ליכט אויף די טורעמס און געגלאַנצט אויף דער ברוינגרויטלעכער פעל פון די הירזשענדיקע פערד, וואָס האָבן אומגעדולדיק געקלאַפּט מיט די פּאָדקאָוועס אין שטיין.

— אַמעריקענס, טוריסטן... — האָט ווילי דערקלערט דעם רייטערוועכטער ביים טויער. ער האָט געקוקט אין זייערע פּאַפּירן און דערנאָך מיט גרויע אויגן זיך איינגעגעסן אין די „אַמעריקאַנער" פּנימער.

— מיר זיינען טוריסטן און ווילן זען אינעווייניק — האָט דניאל גערעדט אין אַ שטאַרק געבראָכענעם פּויליש, אויפן אַמעריקאַנישן שטייגער, צום אָפיציר, וואָס האָט זיך באַוויזן פון הינטער דעם אייזערנעם טויער.

דער אָפיציר האָט זיך העפלעך פאַרנויגט, גערעדט שמייכלענדיק, איינגעהאַלטן:

— „פּאַנאָוויע" דאַרפן אַנטשולדיקן... „פּאַנאָוויע" ווייסן נישט אוודאי... מ'דאַרף אַ דערלויבעניש פון דער העכערער מאַכט צו באַזוכן די פעסטונג.

דורך דעם אָפענעם טויער האָט דניאל געזען די פאַרגראַטעוועטע פענצטערלאַך און צוויי אַרעסטאַנטן, וואָס מ'האָט געפירט אַהין און צוריק אויף שפּאַציר. ער האָט ווידער פאַרנומען שטימען, נאָר דאָסמאָל זיינען עס געווען שטימען פון באַפעל:

— רעכטס! איינס, צוויי, דריי, — מאַרש!

דער טויער האָט זיך פאַרהאַקט. ווידער שטילשווייגן, דראָענדיקע שאָטנס און הירזשען פון פערד.

— אַ „גוד דזשאָב", דזשעק — האָט ווילי געזאָגט, בעת זיי האָבן מיט געמאָסטענע טריט זיך דערווייטערט פון דער פעסטונג.

דניאל האָט נישט פאַרשטאַנען. אָבער ווילי היימאַן האָט זיך געהאַט זיינע דרכים, און ער איז געווען — די פּאַרטיי מיט אירע באַפעלן, וואָס מ'האָט געמוזט פאָלגן.

קאפיטל 2.

א נאַכט אין דאָרף

א נאַכט אַן אויסגעשטערנטע, אָן א לבנה, האָט ווי א טונקל־בלויער טוך מיט מיליאָסן בריליאַנטן, זיך געשפּרייט איבער די פעלדער.

די בריטשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעם א כאַטקע. פון הינטן האָט גערוישט דער וואַלד, א שוואַרצער, מיט הויך־צעוואַקסענע סאָסנעס, פול מיט שושקעריי און פליגל־געפּלאַטער.

הינט האָבן בייז געבילט. איינציקע פייערלאַך האָבן געשטאָכן אין די אויגן. דער קוטשער — לאַנג־אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס אונטער א רויטער נאָז פון א שיכור, א גלאַנציקער דאַשעק טיף איבערן שטערן — האָט א זאָג געטאָן:

— דאָ גייען מיר אַראָפּ, „פּאַנאָוויע".

ביים פינצטערן אַריינגאַנג פון דער כאַטע האָט זיך באַוויזן א יונג מיט צוויי הינט.

— די אַקס האָט זיך צעבראָכן, סטעפּאַן. מ'קאָן דאָ נעכטיקן, צי פאַר־ריכטן?...

— דער טאַטע איז היינט נישטאָ און מיין שוועסטער ליובקעט זיך ערגעץ אין דאָרף — האָט סטעפּאַן אָנגעשטעלט א פּאָר לאַכנדיקע אויגן אויפן קוטשער.

די הינט זיינען געשטאַנען שוויגנדיקע, קוקנדיק אויף זייער באַלע־באָס, גרייט צום באַפעל, בעת די פּאַסאַזשירן האָבן אויסגעשטיגן פון דער בריטשקע. דניאלן איז געווען אומבאַקוועם אין יענער „געזעלשאַפט".

זיי זיינען אַריין אין דער כאַטע. א פייערל פון אַן אויל־לעמפּל האָט גע־מיניעט אונטער אַן איקאָנע אויף דער וואַנט. פונם פּיעקעלאַק האָט זיך אַראָפּגעקאַטשעט א יונג מיט פלאַקסענע האָר און אומהיימלעך געפינקלט אויף די געסט.

— ווער איז געקומען? — האָט ארויסגעברומט דער יונג.

— די אַקס זיך צעבראָכן... ביים ארויספאָרן פון וואַלד... — האָט גע־זאָגט דער קוטשער.

דער יונג מיט די פלאַקסענע האָר האָט זיך אויסגעגליכט. די ווערטער האָבן אים, קענטיק, באַרואיקט, ווי זיי וואָלטן געווען אַ געהיימער סימן. פונדעסטוועגן האָט ער אַלץ געפינטלט אויף די אָנגעקומענע. ער איז געווען הויך און דין, ווי אַ יונגער צווייג פון אַ וואַלד־סאָסנע.

— טוריסטן פון אַמעריקע האָבן אהער פאַרבלאָנדזשעט — האָט ווילי אַ ברום געטאָן צום יונג. און דער יונג, ווי פאַרענטפערנדיק זיך פאַר דעם אומצוטרוי, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— וועגן די טוריסטן וויים איך. כ'האָב פאַר זיי אַ גרוס פון פעטער פון וואַרשע...

— נאָך דעם „גרוס" זיינען מיר געקומען — האָט ווילי געזאָגט טרוקן.

— וואָס הייסט טאָן דער פעטער פון וואַרשע?... מיר וועלן טאָן וואָס ער וועט זאָגן.

— דער פעטער הייסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר.

ווילי האָט אומצופרידן געוואָרטשעט:

— מיר דאַרפן באַלדיקע אינסטרוקציעס. מיר קאָנען לאַנג נישט בלייבן אין אייערע לעבער דאָ.

— איר וועט לאַנג נישט דאַרפן בלייבן, חברים. אַלץ איז צוגעגרייט. דאָ איז אונזער שטאַב. העי, סטעפּאַן! מאַך טיי און גיי אויפזוכן דעם שמיד, ער זאָל פאַרריכטן די אַקס...

פאַר דניאלן איז איצט געווען קלאָר ווער דער יונג איז: דער שליח, אויף וועלכן זיי האָבן געוואַרט. זאַלבעדריט האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּייכטער ערד. סטעפּאַן מיטן קוטשער זיינען ערגעץ פאַרשוואונדן און פון דער וויים האָט זיך ווידער דערטראָגן אַ בילעריי פון הינט. דאָס געלע פלעמל אונטער דער איקאָנע האָט געוואָרפן אָרימע פלעקן ליכט, און גרויסע, דראָענדיקע שאָטנס האָבן זיך געשפּרייט איבער דער כאַטע.

די צוויי „אַמעריקאַנער" האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום יונג. דער פּלאַן איז געווען זייער אַ געוואַגטער, אָבער מיט שאַנסן דורכצוגיין. אַלץ איז געווען געווענדט פון דער פּינקטלעכקייט, מיט וועלכער אַלץ וועט דורכגעפירט ווערן; מיט איין קליינעם טעות האָט אַלץ געקאָנט גיין פאַר־לוירן, אפילו דאָס לעבן. זיי, די „אַמעריקאַנצעס", דאַרפן קיין סך נישט ריזיקירן: מיט די פּאַפּירן, וואָס מ'וועט זיי פאַרשאַפן, דאַרפן זיי גיין אָפּ־שטאַטן אַ באַזוך אין פעסטונג; מ'וועט עס אויסרעכענען אַזוי, אַז ס'זאָל

אויסקומען אין דער שעה, ווען די אַרעסטאַנטן ווערן אַרויסגעפירט אויפן הויף. דער אַרעסטאַנט, חבר מנשה, וועט אויסנוצן דעם מאָמענט, ווען מען וועט קוקן אין זייערע פּאַפּירן, און פּשוט נעמען לויפן צום טייך. אַ גוטער שווימער איז ער. יעדער וועט זיין אויף זיין פּאָסטן. אַזוי גיך ווי ער וועט זיין אין זייערע הענט, וועט מען לויפן איבערן וואַלד און פון דאַנען ווידער איבערן טייך צום צווייטן וואַלד, דערנאָך אין אַ דערבייאיקן דאָרף, און פון דאָרט — היידא, גלייך צו דער גרענעץ. און זיי, די „אַמעריקאַנצעס"? זיי דאַרפן קומען אין דאָרף אַזוי גיך ווי מעגלעך. אין דעם מישמאַש, ביים אַנטלויפן, וועלן זיי עס קענען טאָן אָן שוועריקייטן. זיי וועט מען דאָך אין גאָרנישט חושד זיין איידער וואָס־ווען. שפּעטער קאָן ווערן געפערלעך: מען קאָן זיי נעמען אַלס עדות, אויספרעגן, אויספאָרשן. זיי דאַרפן פאַרשווינדן און פאַרטיק.

דער יונג האָט גערעדט מיט זיכערקייט, ווי אַלץ וואָלט שוין געווען דורכגעפירט. דער פּלאַן וועגן „אַמעריקאַנצעס" איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. פּאָליאַקן האָבן דרך־ארץ פאַר אַמעריקע און טוריסטן קאָנען קיין חשד נישט אַרויסרופן. ווינציק אַמעריקאַנער טוריסטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן באַלד נאָך דער מלחמה? און וואָס שייך די איבעריקע מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט העלפן אין דער זאַך, זיינען זיי אַלע פאַרטרויאונגס־לייט, איבערגעגעבענע „כלאָפּעס" פון דער באַוועגונג. פאַר זיי גאַראַנטירט ער, דער פאָרשטייער פון וואַרשע, דער שליח פון צענטראַלן פּאַרטיי־קאָמיטעט.

ענדלעך איז דער יונג אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט מער נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. מ'האָט געמיטלעך געזופּט די טעפּלאַך טיי. זווילי האָט זיך געגריבלט אין פּאַפּירן, וואָס דער שליח האָט אים דערלאַנגט. לסוף האָט ער איבערגעריסן דאָס שטילשווייגן:

— נישט שלעכט דער פּלאַן, הגם איך פאַרשטיי נישט... צו וואָס האָט מען געדאַרפט שיקן אונזביידן, אויסשטעלן צוויי אויף געפאַר... נישט נויטיק געווען... נאַר מילא, פאַרפאַלן. מ'דאַרף אָבער אויסרעכענען: טאָמער טרעפט אַ סיבה, טאָמער קאָן מען נישט, טאָמער כאַפּט זיך פּאָליציי און טאָמער ווערט באַלד אָפּגעצאַמט דער וועג. מ'דאַרף פאָרזען יעדע מעגלעכקייט, חבר.

— פאָרגעזען, פאָרגעזען, חברים — האָט דער יונג געענטפערט זייער שטיל און זיך צוגעהערט צום ווינט. — טאָמער קאָן מען נישט לויפן מיט דער בריטשקע, וועט סטעפּאַן וואַרטן מיט צוויי פערד אינמיטן וואַלד.

— און טאָמער...

די אויגן פונם יונג האָבן זיך ווידער אומהיימלעך צעפינטלט.

— און טאָמער... און טאָמער... — האָט ער נאָכגעקרימט. — פאַר־וואָס זאָלט איר, איזראַעליטן, שטענדיק זיין אַזוי איבערגעשפּיצט?

דער לעצטער זאַץ האָט דניאלן אַ שטאָך געטאָן אין ברוסט, ווי מיט אַ דינע נאָדל. די כאַטע, דער יונג מיט די פינטלענדיקע אויגן, די הינט איינ־דרויסן, — דאָס אַלץ האָט אַ פּאָך געטאָן אויף אים מיט קינדהייט, שטעטל, כלבים און שקצים, וואָס באַפאַלן אידישע קינדער.

ווילי, אַביסל פאַרשעמט פאַר זיין „איזראַעליטישער" איבערגעשפּיצט־קייט, האָט זיך אויפגעשטעלט און געביטן די טעמע פונם שמועס:

— און ווי גייט די אַרבעט אין די דערפער?

דער יונג איז געזעסן אויף די קני און צו אים אַרויפגעפינטלט:

— איר ווייסט דאָך מסתמא. אונזערע פּויערים... נאָך אַלץ שיכור פון פּאַטריאָטיזם... קאָנען נישט פאַרגעסן די באָלשעוויקעס און האַלטן זיך פאַר גרויסע כוואַטן... צוליב זיי, מיינען זיי, האָט מען די רויטע פאַרטריבן. שווער צוצוקומען צו אַזעלכע כוואַטן. זיי זיינען שטאַרק אין כעס אויף די אידן. דאָ נישט לאַנג האָט מען זיי אַזוי צערייצט, אַז מ'האָט זיי קוים געקאָנט איינ־האַלטן. מיט קאָסעס האָבן זיי זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן איבער די שטעטלאָך און אַלע אויסקוילענען.

— און וואו איז די פּאַרטיי? — האָט ווילי געפרעגט אַ פינצטערער.

— גאָרנישט געביטן זיך, האַ?

— די פּאַרטיי אַרבעט, חבר, אָבער אַ שווערע אַרבעט. און אידן אַליין זיינען נישט אַזוי אומשולדיק: צו שרעקעוודיק. און שפּעקולירן צופיל.

— לאָמיר גיין — האָט ווילי געזאָגט.

דניאלן איז געוואָרן נאָך אומהיימלעכער. ס'איז אים באַפאַלן אַן אומרו איבערן גורל פון זיין שטעטל. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס שטעטל איז ער־געץ נישט ווייט אין דער געגנט. אפשר האָט דאָרט עפּעס פּאַסירט? שוין לאַנג קיין צייטונג נישט געזען, קיין בריוו פון טאַטע־מאַמע.

דער קוטשער איז אַריינגעקומען מיט שווערע טריט, ברומענדיק אַ פריי־לעך לידל. פאַר דער האַלבער שעה איז זיין נאָז נאָך רויטער געוואָרן.

— מיר מוזן דאָ נעכטיקן — האָט ער הייטער אַ זאָג געטאָן און באַלד זיך גענומען אָנלייגן שטרוי אויף דער ערד.

אָבער ווילי האָט נישט מסכים געווען. ער האָט געזאָגט מיט אַ באַ־פעלערישן טאָן:

— מיר פאָרן באַלד צוריק!

— ניין, כלאָפּצי, אין שטאָט זייט איר גאַנצע אויפטוער, אָבער נישט

דאָ, אין דאָרף. מיר ווייסן מער פון אייך. ביינאַכט איז פול מיט זעלנער אַרום וואַלד. וואָס ווילט איר וואָס, אַריינפאַלן?

דער נאָרוואָס אַריינגעקומענער סטעפאַן האָט צוגעשטימט:

— די אַקס איז נאָך נישט פאַרריכט, פאַנאָוויע. זאָלן די „סטאַרי-זאַקאָננע" זיך צוליגן דאָ אויפן שטרוי און באַגינען פאָרן מיר ווייטער.

די נאַכט האָט זיך געצויגן אומגעהויער לאַנג. דניאל האָט קיין אויג נישט צוגעטאָן. דאָס לעמפל האָט כסדר אויפגעפלאַמט און באַלויכטן די איקאָנע מיטן צלם אין אירע הענט. פאַר זיין דמיון האָבן געיאָגט בלוטיקע בילדער. „מיט מיינע הענט וועל איך אים דערשטיקן — אָט אַזוי, אָט אַזוי", האָט ער זיך כסדר דערמאָנט אָן סימע דעם אוקראַינערס ווערטער אינם עמיגראַנטן-באַראַק. דאָס באַראַקישע לעבן איז ווידער געוואָרן רעאַל אין זיין געדעכעניש. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די יונגע מענטשן, וואָס האָבן געמוזט צוזען ווי זייערע מאַמעס ווערן געקוילעט און זייערע שוועסטער געשענדט. „יאָ, דניאל, מיר קאָכן דאָס געקעכץ פון דער רעוואָלוציע", איז אים געקומען אויפן זכרון יוסף מילערס אָן אויסדרוק.

ביי יעדן שאָרך איז ער אויפגעשפרונגען. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט אַ שיסעריי. מיט שווידער און ווילדער הנאה האָט ער געדריקט דעם שטאָל פונם רעוואָלווער צו זיין ברוסט. ער האָט געטראַכט וועגן זיין שטעטל, וועגן די פויערים, די כוואַטן, וואָס ווילן אויסשעכטן די אידן. ניין, ער וועט זיך נישט לאָזן שעכטן, טאַטע-מאַמען אויך נישט, קיינעם נישט. זיי וועלן טייער באַצאָלן, די באַנדיטן.

דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט וועגן דעם חבר מנשה, וואָס זיצט אין טורמע און וואַרט אויף דער שעה פון זיין באַפרייאונג. ווער קאָן עס זיין, אָט דער חבר מנשה? מסתמא זייער אַ וויכטיקער מענטש, אפשר דער קאָפּ פון דער באַוועגונג. אָבער פאַרוואָס צו דער גרענעץ? גרענעץ גאָר... פון טורמע אַרויס — גוט, אַרויסרייסן פון די חיהשע נעגל; אָבער אַנטלויפן? ניין, קיינער האָט נישט קיין רעכט צו אַנטלויפן; ער, דניאל, אויך נישט. אייגנטלעך איז ער דאָך שוין איין מאָל אַנטלאָפן; אָבער צוריקגעקומען; און מאָרגן, איבערמאָרגן — וועט ער קעמפן קעגן פוילישע כוואַטן, קעגן די יעניקע, וואָס קעגן זיי האָט ער שוין געטראָגן אַ ביקס אין דער האַנט. ער און ווילי — קעגן אַזויפיל! כאַ-כאַ-כאַ... „אַך, ווי איבערגעשפיצט עס זיינען די איז-ראַעליטן"... די „זשידעס" האָט ער געמעגט זאָגן... ער האָט עס דאָך געוואָלט זאָגן, — מאַ פאַרוואָס איבערגעדרייט? די דינע נאָדל האָט ווידער אַ שטאָך געטאָן אין ברוסט.

איבער דער כאַטע האָט זיך געטראָגן אַ כראָפּעריי און אַ שנאָרכעריי.

ווילי, לעם אים, אויף דער ערד, האָט געכראַפּעט מיט אַן אָפן מויל און אויס־געברייטע נאָזלעכער. ווילי היימאַן, גאָד־דעמעט... און דזשעק... דזשעק... ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען זיין אַמעריקאַנישן פאַמי־ליע־נאָמען. ער האָט זיך נאָך לאַנג געדרייט אויפן שטרויענעם געלעגער און לסוף געמוזט אַרויסנעמען דעם פּאַספּאָרט זיך צו איבערציינגן: „דזשעק מון!" אָך, גאָד־דעמעט... דזשעק מון!

ווען ער האָט גענומען איינשלאָפן, האָט אים אַ גערויש אויפגעוועקט. דער קוטשער האָט ווילין געריסן פון שלאָף. פון דער געעפנטער טיר האָט שוין אַריינגעגרויט דער באַגינען.

— דזשעק מון, דזשעק מון — האָט דניאל איינגעחזרט דעם נאָמען, פּרוואווענדיק ווידער איינשלאָפן. ס'איז געווען קאַלט און די אויגן — שווער, ווי בליי. נאָר ווילי האָט זיך האַסטיק אַ שטעל געטאָן:

— העי, דזשעק, שטיי־אויף, דזשעק!

— די אַקס האָט זיך צעבראָכן, ווען מיר זיינען אַוועק אויפן שפּאַציר — האָט ער דניאלן געלערנט דעם תירוץ, וואָס ער דאַרף זאָגן אין האָטעל.

— געדענק־זשע, חבר, די אַקס... און מיר האָבן געגעכטיקט אין אַ דאָרף... דער קוטשער האָט געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט ביי דער צעבראָכענער אַקס... אַ גאַנצע נאַכט... געדענק, דזשעק!

די בריטשקע האָט לייכט געשוועבט דורכן זאַמדיקן שליאַך אין וואַלד. ביימער האָבן געדרוישט און פון זייערע הויכע טונקל־גרינע קרוינען איז אַנטקעגנגעקומען אַ געפּלאַטער פון ערשט־אויפגעוואַכטע פייגל.

— די אַקס... דזשעק מון...

דניאל איז פאַרוויגט געוואָרן מיט די דאָזיקע ווערטער אויף זיינע ליפּן.

חיות רעות

וואָס איז געשען מיט ווילי היימאַנען? פאַרוואָס איז ער אַזוי סודות־דיק, אָט ווי ער, דניאל, וואָלט געווען אַ פרעמדער? פאַרוואָס היט ער זיך אַזוי מיט אַ וואָרט? פאַרוואָס דערקלערט ער אים נישט אָפן וואָס זיי גייען טאָן און ווי אַזוי?

דניאל איז געווען אין אַ מין הויז־אַרעסט יענעם טאָג; ווילי האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל נישט אַרויסגיין פון זיין צימער „ביז נייע אינסטרוק־ציעס". פאַר דער האָטעל־אַדמיניסטראַציע האָט עס געהייסן, אַז דזשעק מון פילט זיך נישט מיט אַלעמען נאָך אַ שלימזלדיקער עקסקורסיע, און ער בעט מ'זאָל אים נישט שטערן. ווילי האָט זיך געוויזן בלויז מיטאָגצייט און נישט צוריקגעקומען אַ גאַנצן טאָג. די ליפּן זיינע — פאַרשלאָסן, דאָס פּנים

— אַנגעכמורעט. דניאל האָט נישט געוואַגט עפעס צו פרעגן; אין דער לופט איז געווען אַן אַנגעלאָדנקייט, וואָס האָט געקאָנט יעדע מינוט אויסשיסן. מיטאָג האָבן זיי שווייגנדיקע געגעסן אין צימער און דערנאָך האָט ווילי זיך געזעגנט מיט אַ טרוקענעם „ווידערזען".

דניאל האָט זיך איינגעשלאָסן און עטלעכע מאָל געגאַנגען זען אויב די טיר איז טאַקע פארשלאָסן. אויפן שליסל־לאָך האָט ער אויפגעהאַנגען אַ האַנטוך, זיך אויסצוהיטן פון נייגעריקע אויגן. ער האָט געוואַרט און נישט געוואוסט אויף וואָס. ער איז אָפט צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער, געזוכט מיט די בליקן, אָנגעשטרענגט געקוקט אויף די ווייטע פעסטונג־טורעמס, ווי דאָרט וואָלט געווען דאָס דערוואַרטע. ער האָט שטודירט מיט אַלע פרטים די באַלקאָנען פונם האָטעל, די וואַנט, די גאַס אונטן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו אַנטלויפן פונם צימער דורכן פענצטער.

ער האָט געפרואווט שלאָפן, כדי וואָס גיכער דורכצושטופן די לאַנגווייליקע צייט, נאָר אומזיסט. אָנשטאָט שלאָף, זיינען געקומען בייזע פאָרגעפילן, מוראדיקע מחשבות. ער האָט געטראַכט וועגן די פאַרשטייענדיקע געשעענישן, און וועלכע ער וועט אפשר זיין דער הויפט־העלד, און דאָס האָט אים הנאה געטאָן. אָבער פאַרוואָס שווייגט ווילי אַזוי פאַרעקשנט? ווען וועט קומען יענער טאָג? ווי אַזוי וועט מען עס דורכפירן? פון וואַנען וועט חבר מנשה וויסן דעם מאָמענט, ווען אַלץ איז גרייט פאַר דעם געפערלעכן שפרונג? דניאל האָט פאַרשטאַנען, אַז טאַקע אויף די אַלע פרטים אַרבעט איצט ווילי און די גרויסע און געהיימע פאַרטיי מיט אַלע אירע פאַרצווייגונגען, דער „פעטער פון וואַרשע" און די „כלאָפּעס" פון דאָרף. אָבער ווער ווייסט פאַרוואָס ער האָט נישט געקוקט אויף זיי ווי אויף אייגענע מענטשען. ס'האָבן זיך אים כסדר דערמאָנט די קינדעריאָרן, ווען שקצים האָבן מיט ווילדע הינט און שטיינער זיך געיאָגט נאָך אידישע קינדער אינם שטעטל... „איזראַעליט", „סטאַריזאַקאָנגע"... הינטער אָט די ווערטער האָט, ווי אָנגעגליטער אייזן, געברענט דאָס וואָרט: „זשיד"... און חבר מנשה איז דאָך אויך אַ „זשיד"!

ער האָט זיך געמוסרט פאַר זיינע „רעאַקציאָנערע געדאַנקען", זיך באַמיט צו זיין רעוואָלוציאָנער, פריי, אָן פאָראורטיילן קעגן דעם, וואָס עס קומט אים אויס מיטצואַרבעטן אין אַזאַ געפערלעכער שליחות מיט יענע „כלאָפּעס". אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, האָבן געפלייצט ווידערקולות, און פינטלענדיקע אויגן האָבן אויפגעוועקט משונהדיקע זכרונות און זעאונגען. פאַר זיין דמיון איז איצט געשטאַנען יוסף מילער — נישט דער פון בערלין, וואָס אַרבעט ערגעץ אין אַ אידי־

שער געזעלשאַפט, נאָר יענער פון וואַרשע, מיט זיין כריפּענדיקער פידל און פאַרסמאַליעטן פּנים, וואָס דערציילט ווי אַזוי אידיש בלוט האָט געגליווערט אויף זיינע הענט און ווי אַזוי ער האָט געזאָגט ווידוי מיט אַ קדוש אין וואַלד. אויך דאָ, פונם האָטעל־פענצטער, האָט ער געזען אויפן האָריזאָנט די טונקל־בלויקייט פון אַ וואַלד, אפשר פונם זעלביקן וואַלד, וואָס ער איז ערשט נישט לאַנג דורכגעפאָרן. אינם רויש פון צווייגן און בלעטער, צווישן דעם געפלאַטער פון פייגל אויף ביימער־קרוינען, איז אים איינגעפאַלן, אַז טאַקע אין דעמזעלביקן וואַלד האָט עס געקאָנט געשען, אָט דאָס וואָס מילער האָט דערציילט.

די רויטע דעכער פונם שטעטל, די בייכיקע טורמע־פעסטונג, דער זיל־בערנער פאַס פונם טייך, — אַלץ אַרום איז אויף אַ מאָמענט געוואָרן פאַר־שלונגען דורך איין ריזיקן, טונקעלן וואַלד, פול מיט צווייגן־שאָרך און מיט בלוטנדיקע הרוגים צווישן די ביימער.

— חיות־רעות — האָט ער געטראַכט וועגן די אומבאַקאַנטע מערדער.
— אין אַלע וועלדער זיינען זיי דאָ, די חיות־רעות...

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ פּאַפּיר און גענומען צייכענען: צוערשט דאָס ווייטע, בלויע וועלדל אויפן האָריזאָנט, דערנאָך — דעם גרויסן, דעם אומ־ענדלעכן וואַלד, וואָס האָט זיך צעבליט אין זיין דמיון. צווישן די ביימער — סקעלעטנקעפּ מיט פינצטערע אויגן־לעכער און שטשירענדיקע ציינער; דער־נאָך — אַ מענטש; אימיצער מיט אַ מעסער הינטער זיין רוקן. נאָר ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דער מעסער־שטעכער איז ענלעך צו איינעם פון די „כלאָפּעס", מיט וועלכע ער האָט געשלאָסן חברשאַפט, האָט ער מיט פאַר־וואורף צו זיך אַליין פאַרשמירט זיינע פּנים־שטריכן און באַלד די גאַנצע פיגור, און אַזוי איז דערפון אַרויסגעקומען עפּעס אומפאַרשטענדלעכס: אַ חיה אפשר, אַ בוים אָדער אַ שאָטן...

— עך, נאַרישקייטן! — האָט ער אויסגערופן און צעפּיצלט די צייכע־נונג.

ער האָט זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן אויף זיין בעט און זיך באַמיט אַלץ צו פאַרגעסן, פאַרגעסן און שלאָפן.

קאפיטל 3.

געיעג

ווייס־ראָזע פאָנען האָבן יענעם טאָג געפלאַטערט אויף דעכער און באַלקאָנען.

דאָס שטעטל האָט זיך געבאָדן אין זונליכט פון אָנהויב מאַי און איבער די גאַסן האָט זיך געצויגן אַ פּראָצעסיע. יומטובדיקע רייטער, מיט אָנט־בלויזטע שווערדן, זיינען אומבאַוועגלעכע, ווי סטאַטועס, געזעסן אויף ווייס־באַצירטע פערד, וואָס זיינען געגאַנגען מיט לייכטן, איינגעהאַלטענעם טראָט. מעשענע טאַצן און טרובעס, זילבערדיקע טרומייטן און שוואַרצע פּלייטן האָבן שימערירט צווישן בלוי און גרינס, צווישן אַ רעגן פון בלומען, און זייערע פרייליך־אומעטיקע טענער זיינען געוואָרן באַגלייט פון פּויק און באַראַבאַן. הינטער דעם אָרקעסטער האָבן סאָלדאַטן מאַרשירט צום טאַקט פון דער מוזיק: איינס — צוויי, איינס — צוויי.

טראָטואַרן, טויערן, באַלקאָנען און דעכער אָנגעפּראָפּט מיט נייגעריקע מענטשן. רויטע, ראָזע, לויכטנדיקע פּנימער, פּאַטשנדיקע הענט, הוראַ־גע־שרייען צו דער פרייהייט פון פּוילן.

יום־טוב איז געווען אין שטעטל און יום־טוב אין דער טורמע־פּעסטונג. לכבוד יום־טוב האָט מען דערלויבט די אַרעסטאַנטן לענגער צו זיין אויף שפּאַציר. און אינמיטן דעם יום־טוב איז עס געשען:

מיטאָגצייט, בעת די מיליטערישע פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן איבער די גאַסן, זיינען די צוויי „אַמעריקאַנצעס" צוגעקומען צום פּעסטונג־טויער. דניאל האָט איבערגעגעבן דעם וועכטער אַ פּאַפּיר: אַ דערלויבעניש אריינ־צוגיין. ס'איז ארויסגעקומען אַן אָפיציר — דער איינציקער, וואָס איז אין דעם יום־טוב געבליבן אויף זיין פּאָסטן, — אַ יונגערמאַן, קענטיק נאַרוואָס פון שול ארויס, מיט קליינע, בלאָנדע וואָנסעלאַך און ביטרע, העל־בלויע, שטעכעדיקע אויגלאַך. דער וועכטער, מיט דער ביקס אויפן אַקסל, איז גע־

שטאַנען פאַר אים, ווי אַן אַנגעצויגענע סטרונע, בעת דער אָפיציר האָט אויפמערקזאַם געלייענט דאָס פּאַפּיר, דערנאָך באַטראַכט פון אויבן אַראָפּ די צוויי געסט, שטאַרק זיי אין די פּנימער אַריינגעקוקט, באַלד זיך לייכט פאַרנייגט און געעפנט דאָס טויער:

— פּראָשע, פּאַנאָוויע...

אין דעמזעלביקן מאָמענט האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ. פונם צעעפנטן טויער האָט אין פולן אימפּעט זיך אַרויסגעריסן אַ מענטש אין אַ גרויען כאַלאַט און, ווי אַ ווילבער, זיך אַ לאָז געטאָן גלייך צום טייך. הינטערן טויער — אַ געלאַף, געשרייען. סאָלדאַטן, מיט ביקסן אין די הענט, האָבן זיך אַ יאָג געטאָן נאָך דעם לויפנדיקן אַרעסטאַנט און שאָסן האָבן געהילכט אַרום און אַרום. דער יונגער אָפיציר, מיט אַן אַנטבלויזטן רעוואָלווער אין האַנט, האָט געטופּעט און געשאָלטן, לויפנדיק, ווי אַ ווילדער, אַהין און צוריק. פון אַ פעסטונג־טורעם האָט אַ קוילנוואַרפער גענומען פּויקן מיט אַן אומאויפהערלעכן טיקטאַק.

אין דעם טומל האָבן די „אַמעריקאַנצעם" אַוועקגעיאָגט אין דער ריכטונג צום וואַלד. זיי זיינען אַריין אין דעם נאָך גרינעם קאָרן און געלאָפן איינגעבויגענע, גליטשנדיק זיך כמעט אויפן בויך און צעבוואַליענדיק די אויפגייענדיקע פעלדער. קוילן האָבן געסווישטשעט איבער זייערע קעפּ. ווען זיי זיינען שוין געווען ווייט אינמיטן פעלד און מ'האָט מער נישט געהערט דעם טומל פון דער פעסטונג, האָבן זיי אויף די קני זיך אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. זיי האָבן געקוקט צום טייך, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי אַ ווייטער, דינער שנור. שטיל איז געווען אַרום. זונליכט האָט געפלייצט אַן אויפהער איבער די פעלדער און קעגנאיבער זיי האָט געטונקלט דער וואַלד.

— כ'מיין, אַז ס'איז געלונגען — האָט דניאל אַ זאָג געטאָן מיט פרייד.

— מ'טאָר נישט פאַרלירן קיין סעקונדע — האָט ווילי געשעפּטשעט.

— טאָמער טרעפן מיר זיך נישט אויפן אָפּגערעדטן אָרט, זיינען מיר אַלע פאַרלוירן.

זיי האָבן זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט צווישן דעם קאָרן און געלאָפן.

די בלויקייט פונם וואַלד איז צעגאַנגען פאַר זייערע אויגן און באַלד האָבן זיך באַוויזן איינציקע ביימער איבערן פעלד. ווילי האָט זיך געשאַרט פאָראויס, אָפט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בויך און געשפּרונגען, ווי אַ זשאַבע, פון בוים צו בוים. דניאל איז געלאָפן אין זיינע פוסטריט. צווישן אַ געדיכטער גרופּע ביימער האָבן זיי זיך ווידער אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף דעם דורכגעלאָפענעם שטח. זייערע בליקן האָבן זיך איינגעגעסן אין מענטש־

לעכע סילועטן, וואָס האָבן זיך פון דער ווייט באַוועגט איבער די פעלדער. זשמורענדיק די אויגן, האָט ווילי שטיל געזאָגט:

— מען פאַרפאָלגט אונז. לאָמיר לויפן גיכער.

ווידער זיינען זיי געשפּרונגען פון בוים צו בוים און באַלד זיינען זיי געווען אין וואַלד. קיין וועג און קיין שטעג. צווייגן האָבן געטרעשטשעט אונטער די פיס. אַרום איז אַלץ טיפער געוואָרן דער שאָטן און די טונקלקייט אַנטקעגן האָט געדראָט מיט טויזנטער נישט־געזעענע הענט און אויגן־בליצן.

— וואו איז ערגעץ דער וועג? — האָט ווילי זיך געוואונדערט. — לויט דער מאַפּע, האָט ער געדאַרפט זיין גלייך קעגנאיבער אונז.

— דאַכט זיך, אַז מיר האָבן זיך פאַרנומען צופיל רעכטס — האָט גע־ענטפערט דניאל.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אַרום זיך. ווילי האָט מיט די בליקן געבויערט די שאָטנס פון וואַלד.

— דער טרעף־פּונקט דאַרף זיין פינף מינוט גאַנג פון אָנהויב וואַלד אָן.

— פינף מינוט גאַנג... — האָט דניאל זיך געוואונדערט. — טאַקע, פינף מינוט!

— מיר גייען שוין אַ מינוט פופצן...

— אַ פערטל שעה! — האָט דניאל, נישט־ווילנדיק, אויסגערופן אויפן קול.

דער וואַלד האָט צוריקגעשליידערט זיינע ווערטער מיט אַ מוראדיקן ווידערקול:

— אַ פערטל שעה!!

ווילי האָט אַריינגעשטעקט צוויי פינגער אין מויל און אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן פייף. זיי האָבן פאַרהאַלטן דעם אָטעם און זיך צוגעהערט. צווישן די הויך־צעוואַקסענע שטאַמען און סכך, נאַכט־שוואַרצע שאָטנס און גרין־גרויע אָפּגלאַנצן האָט דער פייף זיך אין טויזנט דינע קולות צעשפּליטערט און זיי זיינען, ווי שטיקלאַך גלאָז, זיך צעפאַלן אַרום און אַרום. דער גאַנ־צער וואַלד האָט אויפגעשטורעמט. צוזאַמענגעפלאָכטענע צווייגן און בלע־טער האָבן אומהיימלעך גערוישט און איבער די קעפּ האָט זיך צעטראָגן אַ פליגל־געפלאַטער; פייגל האָבן אין שרעק פאַרלאָזן זייערע נעסטן און מיט געסווישטש און קראַקערײַ זיך אַוועקגעטראָגן צווישן אומזעבאַרע הימלען. אינמיטן דעם אַלעם זיינען צעמישטע און הילפלאָזע געשטאַנען די צוויי מענטשן, — איינער אַ שטאַלטנער, ברייטפּלייצעדיקער, מיט שאַרפע קינ־

באַקן און סטאַרטשענדיקע אויגן, און דער צווייטער אַן אויסגעצערטער, אַ צונויפגעקאַרטשעטער, ווי אַ קינד לעם זיין טאַטן.

עטלעכע מינוט שפּעטער האָבן זיך גענומען דערטראָגן דינע, ווייטיק־לעכע קלאַנגען, ווי פון אַ פּאַסטוכישן פּייפל. די קלאַנגען האָבן זיך געהויבן צו די טונקעלע ביימער־קרוינען און זיך אַראָפּגעגליטשט לייכטע, לאַשטשענ־דיקע, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט אויף דער ערד, צווישן די שטאַמען־וואָרצ־לען און שטיקלאַך צווייגן, פּלאָנטערנדיק זיך צווישן די פיס.

— דאָס זיינען זיי — איז ווילים פּנים ליכטיקער געוואָרן.

— דאָס זיינען זיי...

— גייען מיר!...

— גייען מיר!...

אונטער די טריט האָבן געטרעשטשעט טרוקענע צווייגן־שטיקלאַך און בלעטער. פּלוצים זיינען זיי שטיין געבליבן.

— ס'איז „משה זוך מיך"... וואוהין גייען מיר?!

די ווערטער האָבן מיט אַ נערוועזן ציטער זיך אַראָפּגעקייקלט פון ווי־לים פאַרטריקנטע ליפּן און דער וואַלד האָט, ווי מיט חוזק, אויפגעכאַפּט דעם סוף פון דעם זאַץ:

— גייען מיר?!

די קלאַנגען פונם פּייפל האָבן זיך דערוווייטערט, דערנענטערט, געקו־מען פון לינקס, פון רעכטס, פון אַלע זייטן מיטאַמאָל. ווילי און דניאל האָבן זיך צוגעהערט און פאַרצווייפלטע געבויערט מיט די בליקן די אַלץ טיפער ווערנדיקע פינצטערניש פונם וואַלד.

— זיכער, אַז דאָס זיינען זיי? — האָבן דניאלס ליפּן זיך קוים באַ־וועגט. — אפשר גאָר...

מיט צוויי פינגער אין מויל, האָט ווילי ווידער אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן, פאַרצווייפלטן פייף, וואָס האָט זיך אין פיצלאַך קלאַנגען און ווידערקלאַנגען צעשאָטן און צעבראָכן אַרום און אַרום.

דאָס פּאַסטוכישע פּייפל האָט זיך ווייטער געהערט ווי פריער, אָן ענ־דערונג.

— אפשר איז דאָס גאָר אַ פויגל...?

— כ'האָב מורא, אַז מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט — האָט ווילי געזאָגט מיט אַ פינצטערער מינע אויפן פּנים. אָבער דניאלס פּלייצע איז אַדורך אַ שוידער. ער האָט זיך דערמאָנט: יוסף מילער, הרוגים אין וואַלד, חיות־רעות, סקעלעטן־קעפּ... אַלץ האָט מיטאַמאָל אַ זעץ געטאָן אין זיין זכרון.

פּלוצים האָט ער דערשפּירט אַ קאַלטקייט אויף זיין ברוסט — קאַלטער

שטאָל. די האַנט האָט זיך אַריינגעגליטשט אין בוזים־קעשענע און ס׳האָט זיך באַוויזן אַ רעוואָלווער. ווילי האָט דערשטוינט געפרעגט:

— האָסט עס מיטגעבראַכט, דניאל? כ׳האָב דאָך אָנגעזאָגט...

— פאַרגעסן... גאָר פאַרגעסן!

— מיר האָבן געהאַט מזל, חבר — האָט ווילי בייז געברומט. — ווען מ׳באַזוכט אונז, וואָלטן מיר...

— אָבער איצט קאָן עס צוניץ קומען, חבר ווילי!

צום ערשטן מאָל האָט דניאל זיך דערוועגט איבערצושפּאַרן „די שטים פון דער פּאַרטיי" און ער איז געווען שטאָלץ פאַר זיין באַגאַנגענעם פעלער.

— גיב עס אַהער! — האָט ווילי באַפוילן.

דניאל האָט מיט אָנגעשפּיצטע פינגער געדריקט דאָס שטאָל אין זיין האַנט.

— כ׳האָב געזאָגט: גיב עס אַהער!

— אָבער וואָס ווילט איר טאָן, חבר ווילי?!

— ציטער נישט. אין אַזעלכע זאַכן האָב איך אַביסל מער פּראַקטיק ווי דו.

ווילים קול האָט איצט געקלונגען ווייכער, חברישער. ווילי האָט אַרויס־געצויגן דעם רעוואָלווער פון דניאלס האַנט, וועלכע איז געבליבן הענגען אָן אָנמאַכטיקע.

— כ׳האָב געמיינט, אַז אָן דעם איז זיכערער — האָט ווילי נאָך אַלץ גע־רעדט ווייך. — אָבער ווער ווייסט וואָס ס׳קאָן זיך מאַכן... טאָמער עפּעס, וועלן מיר טייער דאָס לעבן פאַרקויפן...

ער האָט איצט געשפּאַנט זיכערער און ס׳האָט אים נישט געאַרט וואָס די טרוקענע צווייגן האָבן שטאַרקער געטרעשטשעט אונטער זיינע פיס. כדי זיך צו דערמונטערן, האָט ער גענומען אויספייפן אַ פריילעך דאָרף־לידל.

אומגעריכט האָט דניאל זיך אָפּגעשטעלט. ער איז געווען טויט־בלאַס און זיין צונג האָט אַ שווערע געקלעפּט צום גומען.

— וואָס איז געשען, דניאל?

דניאלס שטערן איז געווען באַגאָסן מיט קאַלטן שווייס. ענדלעך האָט די צונג זיך אָפּגעקלעפּט פון גומען:

— גאָרנישט, חבר, זיך אומזיסט איבערגעשראָקן... געמיינט, מיר ווערן פאַרפאָלגט.

— נאַרישקייטן.

ווילי האָט ווידער גענומען שפּאַנען, אָבער דניאלס פיס האָבן זיך נישט געהויבן. ער האָט זיך געזעצט אויף אַן איבערגעזעגטן שטאַם פון אַ בוים.

— כ׳בין זייער מיד — האָט ער קוים גערעדט, זוכנדיק אַן אויסרייד פאַר דעם זינלאָזן פּחד, וואָס איז אים באַפאַלן.

— ניין, חבר, איצט איז נישטאָ קיין צייט פאַר מידקייט — האָט ווילי געזאָגט שטרענג. — מיר גייען ווייטער!

דניאל האָט איבערגעוואַלט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. זיי זיינען געגאַנגען האַסטיק, געפּלאָנטערט זיך צווישן שטאַמען און צווייגן. פּלוצים האָט דניאל אַ שפּרונג געגעבן אַן אַ זייט, ווי געטראָפן פון אַן אומגעזעענער בייטש. ווילי האָט אַ שפּרונג געגעבן הינטער אים. אַ סעקונדע האָבן זיי זיך אָנגע־קוקט און דניאלס האַנט האָט ערגעץ געוויזן אין די שאָטנס. זיי האָבן זיך צוגעהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. דער ווינט האָט געראַשט צווישן די צווייגן. דערנאָך האָט זיך געהערט אַ שאָרך און אַ שאָטן האָט זיך אַ וויג געטאָן.

— עך, נאַרישקייטן! — האָט אויסגערופן ווילי. ער האָט געוואָלט זיך אוועקלאָזן ווייטער, נאָר דניאל האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט.

איצט האָט זיך קלאָר געהערט ווי צווייגן האָבן זיך געבראָכן. ביידע האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד און געוואַרט.

ווידער האָט אַ שאָטן פאַרבייגעשוועבט צווישן דיביימער. ס׳האָט אַ בליץ געטאָן אַ מעטאַלענער שאַרף. אינסטינקטיוו האָבן ביידע זיך צו־זאַמענגעקאָרטשעט און זיך צוגעקלעפּט צו אַ בוים. אַ פּאָר סעקונדעס זיינען פאַרביי. דערנאָך האָט ווילי, מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט, זיך גענומען שאַרן אויפן בויך און זיינע אויגן האָבן געגליט, ווי צוויי ברענענדיקע קוילן. דניאל האָט זיך נאָך מער צום בוים צוגעקלעפּט.

ס׳זיינען אַריבער עטלעכע מינוטן, לאַנגע ווי אייביקייטן. מיטאַמאָל האָט דער וואַלד אַ טראַך געטאָן. דניאל האָט גענומען לויפן מיטן גאַנצן אימפּעט. ער איז געשפּרונגען צווישן שטאַמען און צווייגן, געקראָכן אויף אַלע פיר. פון אַלע זייטן האָט געקראַכט, געקנאַלט, געדונערט מיט מוראַדיקע ווידערקולן. ראַפּטום האָט דניאל זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט אין דער פינצטערניש זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ וואַנט. זיינע אויגן האָבן זיך אויס־געברייט פון פּחד, ווי פון די לעכער אַרויסצושפּרינגען. צווישן די שטיקער פינצטערניש און גרין־גרויע ליכט־פלעקן, אויף אַ ליידיקן שטח צווישן די ביימער, האָט אַ מענטש זיך געוואָרפן אין זיין אייגן בלוט און שווער גע־קרעכצט, געבאָרבלט, מאַכנדיק מיט די הענט אין דער לופט, ווי ער וואָלט וועלן אָנכאַפּן די ביקס, וואָס איז געלעגן נישט ווייט פון אים אויף דער ערד. פון דער אַנדערער זייט האָט אין בלוט זיך געוואַלגערט זיין סאָלדאַ־טישע היטל מיט דער גלאַנציקער קאָקאַרדע. אָט האָט אויסגעוויזן, אַז ער

געמט אויפשטיין, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די עלנבויגנס און די קני; נאָר באַלד האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אַוועקגעקוילערט, מיטשלעפּנדיק די קאַלוזשע רויט־שוואַרצלעכן בלוט פון אונטער אים, און ער איז געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך, שטאַר אויסגעצויגן מיט דער גאַנצער לענג פון זיין מגושמדיקן גוף.

— טויט?!

דניאל איז ווייטער געלאָפן. זיינע אויגן האָבן ווי געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון זייערע לעכער.

— טויט... טויט... — האָט ער געמורמלט אָן אָטעם צווישן די צונויפגעשטשעמעטע ציין. — ווילי... מיט מיין רעוואָלווער!...

— לאָמיר אַנטלויפן — האָט ער דערהערט ווילים קול הינטער זיך. — גיכער, גיכער!

אַרום האָט געקראַכט, געפּראַלט, געבליצט פון דער שיסעריי, וואָס איז געעפנט געוואָרן איבערן וואַלד. דניאל איז געלאָפן אָן אָטעם, אָן ציל, ווי שדים וואָלטן אים געטראָגן. נאָר מיטאַמאָל איז ער ווי צוגעקלעפּט געוואָרן צו איין אָרט און ער האָט דערשפּירט, אַז ער זינקט אין אַ תהום פון פינצטערניש.

ממעמקים קראָתיך ה׳...

ווער ווייסט ווי לאַנג ער איז אַזוי געלעגן — מינוטן אָדער שעהען.

אַז ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן, האָט אַ גרויקייט זיך געזיפּט דורך די ביימער און אַרום איז געווען שטיל. זעלטן האָבן די בלעטער־קרוינען זיך גענומען וויגן און שאָרשקען אונטערן צערטל פון ווינט. דניאל האָט נישט באַנומען וואו ער איז, און געמיינט, אַז דאָס האָט ער זיך נאָרוואָס אויפגעכאַפּט פון אַ לאַנגן, מטושטשן חלום. ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן און געוואָלט זיך אויפשטעלן, אָבער נישט געקאָנט. פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער ווערט פאַרפאָלגט און אַ קעלט האָט זיך איינגעגעסן אין זיין גאַנצן קערפּער.

— ווילי! — האָט ער שטיל געכריפּעט.

קיין ענטפער.

— וואו איז ערגעץ ווילי? — האָט ער גענומען ריידן קלאָרער, ווי ער וואָלט געהאַט אַ טענה צו אַן אומגעזעענעם מענטש קעגנאיבער אים.

ער האָט ווידער געפּרוואווט זיך אויפהויבן, אָבער דערשפּירט, אַז אַרום אים איז נאַס און קאַלט. ערשט דעמאָלט האָט אים גענומען קלאָר ווערן, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ זומפּיקער ראָוו. צווישן דער גרויקייט פון וואַלד־

שאָטנס האָט עפּעס מאָט געגלאַנצט און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ פּאָס פונם טייך, וואָס שניידט זיך אַריין אינם וואַלד.

ער האָט גענומען גראָבן מיט די נעגל אין דער נאַסער, שוואַרצער ערד, דראַפּען, רייסן די בלאַטע אַרום זיך, און וואָס ווייטער — אַלץ האַסטיקער, פאַרצווייפלטער, ווי אַ מענטש, וואָס וויל מיט אַלע כוחות זיך אָפּרייסן פונם אָפּגרונט, וואָס מ'האָט אים צוגעבונדן צו זיין ברעג. ס'איז אין אים געבוירן געוואָרן אַ מוראַדיקער געדאַנק: אַז ער זינקט אין דעם זומפּ און ער וועט שוין פון אים קיינמאָל, קיינמאָל זיך נישט אַרויסדראַפּען.

— ווילי! — האָט ער מיט אַ פאַרשטיקט קול גערופן. — נעם מיך אַרויס פון דאַנען, ווילי!

בלויז אַ ווייטער ווידערקול האָט געענטפערט:

— ווי־לי!

ער האָט גענומען וויינען, שרייען, רייסן זיך די האָר פון קאָפּ און די קליידער אויף זיין לייב.

— ווילי, איך זינק! איך זינק, ווילי!

ער איז מיד געוואָרן פון דער אומזיסטער אָנשטרענגונג און ער איז ווידער געבליבן אָפּהענטיק. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, מורא האָבנדיק צו קוקן אויף דער זומפּיקער ווירקלעכקייט, וואָס אַרום אים. ער האָט זיך איינגעקאַרטשעט, ווי אַ פליג אין שפּינוועבס, איידער זי נעמט־אונטער איר לעצטן קאַמף אויף לעבן און טויט. פון צייט צו צייט האָבן זיינע הענט זיך אַ וואָרף געטאָן פאָראויס, ווי זיי וואָלטן וועלן זיך אָנכאַפּן אָן דער האַרטער ערד קעגנאיבער, נאָר אָנגעכאַפּט האָבן זיי לופט. ער האָט שוואַך געאָטעמט. זיין מוח איז געווען פּוסט. ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אים אַ שווערע פינצטערניש. ער האָט אויסגעזען זיך איבערצוגעבן אָן ווידערשטאַנד דער ווייכער ערד, וואָס האָט אים ביסלעכווייז אַרומגענומען מיט אירע נאַסע, שוואַרצע אָרעמס. נאָר באַלד האָט ער זיך ווידער אַ ריס געטאָן, גראַבלענדיק מיט די פינגער אין דער לופט. אַזוי דאַרף זיך פילן אַ פליג, וואָס טרינקט זיך אין אַ פלאַש וואַסער.

מיטאַמאָל האָט דניאל דערשפּירט אַהאַרטע זאַך אונטער זיך. דער רעכטער פוס האָט אָנגעטראָטן אויף עפּעס, וואָס איז געווען סאָליד, און האָט זיך דאָרט פאַרהאַלטן, בעת דער לינקער פוס האָט אין בלאָטע אומזיסט זיך אָנגעשטרענגט צוצוקומען צו אָט דער סאָלידער זאַך. כהרף־עין האָט דניאל באַנומען, אַז דאָס סאָלידע אונטער זיין רעכטן פוס איז זיין איינציקער אָנהאַלט, וואָס קאָן אים נאָך אפשר ראַטעווען, און אַז דורך אַן אומפאָרזיכטיקן באַוועג קאָן ער פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט און זיך איב־

גאַנצן אריינגגליטשן אינם זומפּ. אָבער ווי אַזוי וועט ער קאָנען זיך ארויס־ראַטעווען אַן באַוועגונג, אָן אַ שפּרונג צו טאָן פאַראויס? פון אַט דעם שפּרונג איז אַלץ געווען געווענדט. דורך דעם האָט ער געקאָנט ארויסשפּרינגען פון דעם זומפּ אָדער זיך אראָפּקייקלען אין אים אויף אייביק. מיט אַ שוואַך קול האָט ער ווידער געפּרואווט רופן זיין חבר, אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט, און אַ סודותדיקע שטים האָט ווי אין אויער אים אריינגעשעפּטשעט:

— נישטאָ ווילי... אַ קויל האָט אים געטראָפן...

ס'האָט אים באַגאַסן אַ קאַלטער שוויים. און די סודותדיקע שטים האָט ווידער ווי אין אויער אים אריינגעשעפּטשעט:

— אַ רעוואָלוציאָנער ווי דו דאַרף ברענגען אַ קרבן... אַ קרבן... אַ קרבן...

דאָס האָט אים אויף אַ מאָמענט בארואיקט. נאָר באַלד האָט ער גענומען קרעכצן, פּיעשטשען זיך, ווי אַ געשלאָגן קינד:

— מאַמע... מאַמעניו...

ער האָט מורא געהאַט אפילו צו באַוועגן די ליפּן, — טאָמער גליטשט ער זיך אראָפּ פון דער סאָלידער זאַך, אויף וועלכער ער האָט זיך געהאַלטן מיט איין פוס. אין דער גרויקייט קעגן אים האָט ער געזען האַרטע, מאָך־באַוואַקסענע ערד, צו וועלכער ער האָט געלעכצט, ווי אַ טויט־הונגעריקער לעכצט נאָך אַ שטיקל ברויט, וואָס ער זעט און ער קאָן אָבער נישט דערגרייכן. די מאָביקע ערד האָט זיך ווי געדרייצט מיט אים, אָנגעצונדן דעם מוח. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און דערנאָך זיי ווידער געעפנט, זוכנדיק דעם הימל, אָבער נישט דערוועגנדיק אויפצוהייבן דעם קאָפּ. און ווען ער האָט באַמערקט שטיקער גרויע פלאַכטעס פון הימל צווישן די בלעטער־געפלעכטן, האָט ער דערפילט ווי אויך אָט די שטיקער הימל לאָכן אים אויס.

דעמאָלט האָט זיך אין אים אַן עפן געגעבן אַ קוואַל טרערן און זיי האָבן אַ שטראָם געטאָן איבער זיין פנים, אַראָפּרינענדיק דורך זיינע באַקן אינם שווארצן זומפּ.

— רבונו־של־עולם — האָט ער גענומען בעטן צו גאָט, צו אָט דעם גאָט, וואָס ער האָט שוין יאָרנלאַנג געהאַט פאַרלאָזן. — דניאל, דיין קנעכט, רופט צו דיר פון גרוב... ראַטעווע מיך פון מלאך־המות! העלף מיר, גאָט! ממעמקים קראָתיך ה'... אדוני שמעה בקולי... העלף מיר, גאָט! דערבאַרעם זיך איבער דיין קנעכט!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. די ווערטער האָבן פרעמדע געקלונגען אין זיין געהער, ווי קולות פון אַלטע, פאַרגאַנגענע צייטן, און זיי האָבן דער־

מאַנט אָן טאַטע־מאַמע און אָן ווידוי. ער האָט געוואָרט, געוואַרט ווי אויף אַן ענטפער פונם גאָט, צו וועלכן ער האָט געבעטן.

מיטאַמאָל האָט ער צונויפגענומען אַלע כוחות, וואָס זיינען אים פאַר־בליבן נאָך די לאַנגע מינוטן מאַטערניש, און ער האָט זיך א וואָרף געטאָן פאָראויס.

ער איז געפאַלן אויף הארטער ערד. ער איז געווען געפּלעפט פונם וואונדער און ער איז געלעגן צעטומלט. דערנאָך האָט ער גענומען טאַפּן די האַרטקייט אונטער אים, זיך צו איבערצייגן, אויב דאָס איז נישט קיין חלום.

ניין, ס'איז נישט געווען קיין חלום. משמעות, דער זומפּ איז נישט גע־ווען ברייט און נישט טיף גענוג. דניאל איז געלעגן בלויז א פּאָר מעטער וויַיטער אין דער זעלביקער ראָוו, וואו ער איז פריער געזונקען. ער האָט זיך אָנגעקנזעצט און אויפגעהויבן די אויגן צום הימל:

— א דאַנק דיר, גאָט! — האָט ער שטיל אויסגערופן אין עקסטאַז. — האָסט דערהערט די תפילה פון א זינקענדיקן.

שטימען אין וואַלד

דניאל האָט זיך ארומגעקוקט. איצט האָט ער קוים פאַרשטאַנען וואָס מיט אים איז געשען. איבער זיין קאָפּ האָבן שטיקער הימל־פּלאַכטע זיך געפּאַרבט אין רויטן און די שאָטנס זיינען געוואָרן טיפער אין וואַלד. ער איז אַרויס פון דער ראָוו און האָט גיריק זיך געלייגט אויפן מאָך, ווי נאָכאַ־מאָל זיך צו איבערצייגן, אויב ער זינקט טאַקע נישט מער. ער איז געווען אומגעוויינלעך מיד און די אברים האָבן אים ווייי געטאָן. צום ערשטן מאָל האָט ער דערזען, אַז זיין העלער אָנצוג איז פול מיט גרויסע שוואַרצע שטי־קער בלאָטע און אַז דאָס רעקל איז כמעט אינגאַנצן צעריסן פון אויבן אַראָפּ. די געלע אַמעריקאַנער שיך זיינען שווער געהאַנגען אויף זיינע פיס; פון אַלע זייטן האָבן אויף זיי געשטאַרצט שטיקער בלאָטיקע ערד. צווישן די ביימער האָט מיט מיניענדיקע וועלן זיך געשלענגלט דער טייך, אָט זיך פאַר־לוירן, אָט ווידער אויפגעהעלט, ביז ער איז אינגאַנצן פאַרשלונגען געוואָרן דורכן וואַלד.

ער האָט געפּרוּווט צונויפנעמען זיינע געדאַנקען: ווי לאַנג איז ער געווען אין זומפּ? ווי קומט ער אהין? ווי אַזוי איז ער אייגנטלעך אַרויס פון אים? ווען איז עס געשען? — ביסלעכווייז האָט ער גענומען זיך דער־מאָנען: ס'איז געווען אינמיטן טאָג; אין שטאָט איז געווען א יום־טוב און איבער דער טורמע־פעסטונג איז העל געשטאַנען די זון. אויף די טורעמס האָבן פאָנען זיך געוויגט און די זעלנער זיינען אַוועק אין שטאָט צו א

טריומף־מאַרש. דער טייך האָט געבליאַסקעט, ווי אַ לאַנגע, ברילִיאַנטן־באַ־זעצטע שווערד. און ער איז געגאַנגען מיט ווילין. און דערנאָך? דערנאָך איז עפּעס געשען... ער און ווילי זיינען געווען אין וואַלד. זיי זיינען געלאָפן... מ'האָט זיי נאָכגעיאָגט... מ'האָט געשאָסן... וואו האָט מען געשאָסן? וואו האָט מען געשאָסן? וואו איז ווילי? וואַרט, און חבר מנשה? וואו איז אייגנט־לעך חבר מנשה, וואָס איז אַנטלאָפן פון טורמע?

מיט אַ סך שוועריקייט האָט דניאל זיך דערמאָנט וואָס ס'איז געשען, אָבער דאָס איינציקע, וואָס ער האָט קלאָר געדענקט פון וואַלד, איז געווען דער הרוג, בלוט. יאָ, ער האָט געזען בלוט. אַ מענטש האָט זיך געוואַלגערט אין בלוט. זיינע אויגן האָבן זיך געלאָשן. זיינע הענט האָבן זיך געקראַמפּט. מיט די קני האָט ער אין לעצטע קאָנוואולסיעס זיך געשאַרט אויף דער ערד און ער האָט אַ פאַל געגעבן אין זיין בלוט. טויט! ער איז געווען טויט! אַ מענטש איז געפאַלן טויט!

ווער איז ער, דער מענטש? און וואו איז ערגעץ ווילי אַהינגעקומען?

דער מוח האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן ווייטער. ער איז געווען מיד, אַזוי מיד.

זיינע אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט. ס'איז אים געווען שווער. ביסלעכ־ווייז האָט ער זיך גענומען צוהערן צו זיך אַליין, צו זיין אייגן האַרץ. און ער האָט זיך ווידער דערמאָנט: אָט ערשט האָט ער גערופן גאָט, ער זאָל אים העלפן... און גאָט האָט אים געהערט... און גאָט האָט אים געהאָלפן... אַרויסגעשלעפּט פון זומפּ, אין וועלכן ער איז געזונקען!

אַ פּחד איז אים באַפאַלן, אַן אימה פאַר אָט דער אומגעזעענער קראַפט, וואָס האָט אים אַרויסגעשלעפּט אַזוי קונציק פונם זומפּ.

— גאָט, כאַ־כאַ... — האָט ער געלאַכט אין זיך. — אַך, גאָט, כאַ־כאַ...

טאַטע־מאַמע גלויבן אין גאָט. אויך דער טאַטע זאָגט אָפּט תהילים, ווי ער פריער, נאַרוואָס: „ממעמקים קראתיך ה'...” און אָט הערט ער דאָך, ווי גאָט רוישט דורך די צווייגן, רוישט, קלאַפּט דורך זיין האַרץ, זינגט דורך די פייגל... גאָט... גאָט...

ער איז געלעגן און האָט זיך צוגעהערט צום אַרום און צו זיך אַליין. דער ווינט האָט ווי געפייפט אויף אַ פאַסטוכישן פייפל. אַ פויגל האָט אַ טריליע געטאָן און דערנאָך געפאָכעט מיט די פליגל. אַ צווייג האָט זיך אָפּ־געבראָכן פון אַ בוים. זשושזש — האָט גערוישט דער וואַלד.

אין דעם זשוזשען פון וואַלד האָבן זיך דערטראָגן ווי מענטשלעכע שטי־מען, אָפּגעהאַקטע קלאַנגען. דניאל האָט זיך צוגעהערט. פּאַמעלעך האָט ער

זיך אויפגעזעצט און מיטאַמאָל איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער ווערט נאָך אַלץ פאַרפאָלגט.

ער איז געוואָרן אומרואיק. זיין מוח האָט גענומען אַרבעטן אין פיי־בערדיקער אָנשטרענגונג. די שטימען זיינען געקומען נענטער און ער האָט שוין געקאָנט באַגרייפן, אַז דאָס זיינען שטימען פון באַפעל, פון צאָרן, פון נקמה.

קיין ספק נישט: דאָס זוכט מען אים, דעם „אַמעריקאַנער" דזשעק מון. און דזשעק מון מוז אַנטלויפן, אַנטלויפן!

ווי אַזוי אַנטלויפט מען? וואוהין לויפן? אפשר איז דער וואַלד אַרומ־גערינגלט? ער האָט באַשלאָסן זיך צו באַהאַלטן. איבערוואַרטן דעם שטורעם.

ווי גוט, וואָס דער זומפּ איז נאָענט. ווי גוט, וואָס ער איז אין זומפּ אַריינגעפאַלן און ווידער פון אים אַרויס. „גם זו לטובה", האָט ער אַ טראַכט געטאָן און גענומען צונויפשאַרן צווייגן און בלעטער און וואַרפן זיי אין דער זומפּיקער ראָוו.

די שטימען האָבן זיך שוין געהערט קלאָר און שאַרף. דניאל האָט פאַרנומען ווי צווייגן ברעכן זיך אונטער סאָלדאַטישע טריט. און ער איז געוואָרן צופרידן, וואָס די פינצטערניש ווערט אַלץ טיפער אין וואַלד. ער איז אַריינגעקראָכן אין דער זומפּיקער ראָוו און זיך אַוועקגעלייגט אויף אַן אָרט, וואו די ערד איז געווען האַרט אונטער אים, און אַרויפגעשאַרט אויף זיך דעם הויפן צווייגן און בלעטער. ער האָט געוואַרט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם.

אַ געמיש פון מענטשלעכע קולות, שווערע טריט און שפּאָרן־קלאַנג האָט זיך דערנענטערט.

פּלוצים איז אַלץ פאַרשטומט געוואָרן און פון עטלעכע העלדזער מיט־אַמאָל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי:

— סטאַשעק!!!

ווידער שטיל.

— ווער האָט אים דערשאָסן? — איז געקומען אַ מעכטיקער קול, וואָס האָט, ווי אַ דונער, אָפּגעעכאָט איבערן וואַלד.

— ווער האָט אים דערשאָסן?! — איז דאָס קול נאָך מעכטיקער געוואָרן.

דניאל האָט פאַרנומען אַ שווער קרעכצן, ווי פון אַ טויט־פאַרוואונדעטן.

— וואַרט, אין קאַרצער וועסטו שוין אַלץ דערציילן, פאַרשאָלטענער זשיד! — האָט ווידער געדונערט דאָס קול איבערן וואַלד. — העי, כלאָפּצי,

זוכט אַרום און אַרום! צו צוויי אין יעדער זייט! ביקסן געלאָדן און שיסן אין יעדער פאַרדעכטיקער זאַך!

גיכע, שווערע טריט האָבן זיך צעטראָגן אַרום און אַרום; זיי זיינען פאַרביי לעם זומפּ, זיך דערווייטערט און דערנענטערט. דניאל איז געלעגן איינגעקאָרטשעט און האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם. דורך דער צווייגן און בלעטער־דעק האָט ער געזען פאַסן ליכט, וואָס האָבן געבלישטערט אין די שאָטנס. דערנאָך האָט עפּעס אַ טראַך געטאָן און אַ פייער־בליץ האָט אַ ברען געגעבן אין זיינע אויגן. אַרום און אַרום האָט געדונערט און געטראַס־קעט און קוילן האָבן געסווישטשעט איבערן זומפּ. דניאל האָט געפילט, ווי די וועלט וואָלט אונטערגיין אין דער מינוט.

— הו־האַ! הו־האַ! — האָט אַ מונטער קול געורופן איבערן וואַלד. — כלאָפּצי, קומט נאָר אַהער, כלאָפּצי! אַ רעוואָלווער אַ געלאָדענער! הו־האַ! הו־האַ!

איילנדיקע טריט. גיכער שפּאָרן־קלאַנג, וואָס האָט זיך דערווייטערט. דער־נאָך די שטים פון באַפעל:

— וואו האָסטו עס געפונען, יאַנעק?

— אָט דאָרט, פּאַניע סערזשאַנט, אָט דאָרט.

— לאָמיר מאַכן אַ רעוויזיע. נעמט דעם זשידעק!

ווידער טריט, געקלאַנג, ווייטיקלעכע קרעכצן, ווי פון אַ טויט־פאַר־וואונדעטן. דערנאָך שטיל. פון צייט צו צייט האָט אַ שאָס זיך צעשאָטן, ווי אַ דונער, איבערן וואַלד.

— זאָג מיר, זשיד, דו האָסט עס געטאָן?! — איז געקומען אַ ווייטער ווידערקול.

— אָט אַזוי וועט מען דיך הענגען, דו זשיד פאַרכאַטער. דיינע פינ־גער וועט מען אָבער פריער צווישן די אייזערנע טירן צעברעכן, דיין פאַר־שאָלטענע צונג דיר אַרויסרייסן, אויב דו וועסט נישט מודה זיין!

אַ פּאַטש האָט אַ הילך געטאָן.

— פּאַניע סערזשאַנט, דער זשיד בלוטיקט זייער שטאַרק. אפשר דער־שיסן אים?

— איך וואָלט אים דעם גאַרגל אַרויסגעריסן, דעם אַנטיקריסט!

— טפו, זשיד פּאַסקודנער!

— ניין, כלאָפּצי, באַנדאַזשירט אים גוט. ביז ער וועט נישט אויסזאָגן דעם אמת, טאָר ער זיין טריפענע נשמה דעם טייוול נישט אוועקגעבן. פאַר־שטאַנען, כלאָפּצי?

שטיל.

— נעמט אים, כלאַפּצי. יאַנעק און מיעטשיסלאַוו בלייבן אויף דער וואַך לעם דעם געפאַלענעם.

טריט און שפּאָרן־קלאַנג האָבן זיך דערווייטערט. דניאל איז נאָך אַלץ געלעגן צונויפגעקאָרטשעט אין דער זומפּיקער ראָוו און האָט זיך ניִשט דער־וועגט דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן. ער איז אַלץ זיכערער געוואָרן, אַז ער וועט זיך נישט אַרויסקריגן קיין לעבעדיקער פון דער פינצטערער נעץ, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַרום אים.

פאַר דניאלן איז איצט אַלץ קלאָר געוואָרן: ווילי האָט געקעמפט פאַר זיין לעבן און אין דעם קאַמף האָט ער דערהרגעט אַ סאָלדאַט, זיין פאַרפאָל־גער; איצט איז ווילי שווער פאַרוואונדעט און אין די הענט פונם שונא! און ער אַליין, דניאל, איז אין אַ נעץ, פון וועלכער ס'איז אפשר אוממעגלעך זיך אַרויסצופּלאָנטערן. ווי אַ פליג אין שפּינוועבס...

און חבר מנשה, וואָס איז אַנטלאָפן פון טורמע? און דער שליח פון וואַרשע? און אַלע חברים? שוין־זשע איז אַלץ דורכגעפאַלן?!

איין זאַך איז קלאָר: אַז ער, דניאל, דאַרף זיך ראַטעווען, אויב ער קאָן. אויסנוצן יעדע מעגלעכקייט. גיין קעגן יעדער געפאַר.

אַ מינוט האָט ער זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אָבער באַלד האָט ער ווידער זיך געכאַפּט, אַז פאַר אים איז נישטאָ קיין אַרויסגאַנג; פּונקט ווי פריער, אין זומפּ, ווען ער האָט מיט ציין און נעגל זיך געוואָלט אַרויס־דראַפּען פון דער בלאָטע. אָ, דער זומפּ איז אַ סך גרעסער ווי ער האָט גע־מיינט; ער שפּרייט זיך אוודאי דורך אַלע שטעגלאַך פון וואַלד, דורך אַלע פעלדער אַרום, דורך די דערפער און שטעט פון דער געגנט... נישטאָ קיין אַרויסגאַנג!

ער האָט אַריינגענומען דאָס פּנים צווישן די הענט און געשיפּעט:

— גאָט, גאָט אין הימל, למה עזבתני?!...

צי האָט ער נישט געלעסטערט גאָט ערשט מיט אַ האַלבע שעה צוריק? אפשר איז עס די שטראָף, וואָס ער דאַרף אָפּקומען?...

ווידער האָט דניאל זיך איינגעקלאַמערט אין זיך אַליין. ער האָט גע־וואַרט אויפן סוף. שוואַרץ איז געווען אַרום אים און אין אים. שוואַרץ און שטום.

נאָר אין אָט דער שוואַרצקייט און שטומקייט האָט אויפגעלויכטן אַ ליכטיק פינטעלע פון בטחון. ער האָט דערפילט, אַז אָט דאָס ליכטיקע פינ־טעלע קאָן זיך אַנטפּלעקן נאָר אין אָט דער פינצטערניש, וואָס אין אים און אַרום אים, און אַז דאָס וועט אים פירן מיט אַ זיכערער האַנט. ער האָט פּלוצים געאַנט, אַז ס'איז דאָ אַן אומגעזעענער כוח אַזאַ, וואָס קאָן אַלע

נעצן צעבלאָזן, ווי שפּינוועבס, אַלע חושכנישן באַלייכטן און אַלע וואַלד־ווילדענישן פאַרוואַנדלען אין אַ גלייכן און קלאָרן וועג, וואָס וועט אים, דניאלן, פירן צו זיין ציל — אַ ציל אַן אומבאַקאַנטער, אַן אומגעאַנטער, אָבער זיין ציל, דער ציל פון זיין לעבן אויף דער וועלט... פּונקט ווי אַמאָל אויפן ים, האָט ער אויך איצט געפילט ווי ער אַליין לייזט זיך אויף אין אָט דעם אַלץ־אַרומנעמענדיקן כוח און ווערט אַ טייל פון אים, אַן אָטעם פון זיין מויל, אַ הויך פון דער שטאָק־פינצטערער נאַכט, וואָס זשוזשעט די צווייגן.

קעציש־שטיל איז ער פון דער ראָוו אַרויסגעקראָכן און זיך געזעצט אויפן ברעג. ער האָט זיך צוגעהערט. פון ווייטן האָבן דערגרייכט שוואַכע אָפּקלאַנגען פון ווערטער און צייטנווייז געקלאַנג פון געווער. דניאל האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אין דער ראָוו און די מלבושים אויסגעשמירט מיט בלאָטע פונם זומפּ. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט פּאַזע דער ראָוו, געפירט דורך איר שוואַרצן שאָטן און דורכן שוואַכן אָפּשיין פונם טייך־פּאַס קעגנ־איבער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַר דניאלס פאַרוואונדערטע אויגן האָט אויפגעשיינט דאָס טונקל־בלויע געוועב פון הימל. דער טייך האָט געגלאַנצט אונטערן שטערן־שיין. דניאל האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף דעם וואונדער פון פרייער און אָפענער נאַכט און אויף דעם וואַלד, וואָס ער האָט געלאָזט הינטער זיך. ער איז אַוועקגעפאַלן אויף דער שוואַרצער און קילער ערד און זי געקושט מיט ערפורכט. באַלד איז ער אויפגעשטאַנען און האָט זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער, צו די אומענדלעכע, נאַכט־איינגעהילטע פעלדער. ראַפּטום האָט ער זיך אָפּגעשטעלט:

— וואוהין?

הינטער אים האָט זיך שוואַרץ געצייכנט דער נאָרוואָס־דורכגעגאַנ־גענער וואַלד און פאַר אים האָבן זיך געצויגן ימען פינצטערניש. די ליניע פון דער זומפּיקער ראָוו איז געווען אָפּגעמעקט און בלויז דער טייך האָט נאָך געמיניעט אין שטערן־שיין.

— וואוהין ווייטער?

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אינם קילן גראָז. דער נעפּל אין זיין מוח איז געוואָרן אָט שווערער און געדיכטער, אָט לייכטער, לופטיקער; מחשבות האָבן פאַרבייגעבליצט און זיך פאַרלאָשן; ביז וואַנען די פינצטערניש אין אים האָט גענומען גרויען — און ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז ער שטייט

צווישן צוויי גרויסע נסיונות: אַ נסיון פון רעוואָלוציאָנערן העראָאיזם און אַ נסיון פון — הימל...

אין דעם מאָמענט האָט ער געגלויבט איןביידע.

— מוט, דניאל — האָט ער זיך געטרייסט, ווי ער וואָלט גערעדט צו אַן אַנדערן, נישט צו זיך אַליין. — וועסט זיך אַרויסדרייען. וועסט ביישטיין די נסיונות. איך שווער דיר, אַז דו וועסט ביישטיין...

ער האָט זיך באַטראַכט ווי פון אינעווייניק אַרויס און ווי ער וואָלט אַריינגעקוקט אין אַ שפּיגל: אַ געשפּענסט אין בלאָטע איינגעשמירט, אַ שוואַרצער שאָטן אין אַ שוואַרצער נאַכט, זיצט אויף שוואַרצע פעלדער פון דער וועלט און ווייסט נישט וואוהין...

— גוט אַזוי, דניאל — האָט ער ווייטער גערעדט צום „אַנדערן". — אַנו, זאָג מיר, אַז ס'איז נישט גוט אַזוי...

ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס קומט ער אָפּ פאַר שווערע זינד, פאַר אייגענע צי פאַר פרעמדע, פאַר דעם זינדיקן דניאל צי פאַר דער זינדיקער וועלט; יאָ, פאַר דער גאַנצער זינדיקער וועלט, וואָס טונקט זיך אין זומפּ און קאָן זיך נישט אַרויסדראַפּען.

ער האָט רחמנות געקראָגן אויף אָט דער זינדיקער וועלט און אויף דעם זינדיקן דניאל, וואָס אינמיטן דער וועלט. צוזאַמען מיטן רחמנות איז געוואַקסן אין אים אַ צופרידנקייט דערמיט, וואָס ער, דניאל, קומט־אָפּ פאַר אייגענע און פרעמדע זינד, וואָס ער איז פון דער השגחה אויסגעקליבן גע־וואָרן פאַר אַזעלכע נסיונות. נאָר באַלד האָט ער גענומען צערעגן קעגן זיך אַליין:

יי איז ער נישט אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האַלט אינמיטן אויספירן אַ שליחות פון אַ מעכטיקער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי? צי האָט ער זיין שליחות נישט דורכגעפירט אַזוי נאַריש און שלימזלדיק, אַז אַלץ איז צע־שטערט געוואָרן? צי איז ער אַליין, מיט זיין פּחדנות, מיט זיין אומגעלומ־פּערטקייט, נישט שולדיק אין דעם, וואָס זיין חבר און אינסטרוקטאָר, ווילי היימאַן, ראַנגלט זיך איצט מיט זיינע מערדער און מיטן טויט? און וואו האָסטו אַהינגעטאָן דעם חבר מנשה, גרויסער רעוואָלוציאָנער? ביסט דאָך געקומען אים באַפרייען, — וואו איז ער? וואו איז ער! וואו איז ער?!

אַזוי האָט דאָס געוויסן גענומען רייסן שטיקער פון אים. ער האָט גע־

וואוסט, אַז ער דאַרף גיין, לויפֿן, עפּעס טאָן, אָבער ער האָט נישט געוואוסט וואוהין און ווי אַזוי.

ער האָט זיך געלאָזט גיין, גיין מיט אַלע כוחות פֿאָראויס, אין דער טונקעלער נאַכט אַריין, צווישן שטעגלאָזע פֿעלדער, קעגן ווינט, קעגן פֿינצטערניש, קעגן געפֿאַר.

קאַפּיטל 4.

פּאַגראָמשטשיקעס

קירכן־גלאָקן האָבן האַסטיק געקלונגען.

אויפן ווייטן האָריזאָנט איז אויפגעגאַנגען אַ גרויסע, געלע לבנה.

צווישן נידעריקן, דופּטנדיקן קאָרן, האַרט ביים אַריינפאָר פון דאָרף, איז געלעגן דניאל, ווי אַ שוואַרצער שאָטן פון דער נאַכט.

נישט ווייט פון אים איז געפלאָסן דער טייך און האָט זיך אונטער שטערן־שיין און לבנה־גרויעניש געקאַרבט, געהאָרבט און געכוואַליעט.

צווישן געהויקערטע שטרויענע כאַטעס און שלאָפנדיקע שייערן האָבן זיך געצונדן שטורקאַצן. אַרום זיי האָבן פּנימער אויפגעלויכטן און שאָטנס האָבן געשוועבט. שטימען און שכורע געזאַנגען האָבן געפלייצט איבער די פעלדער, יובל־געשרייען צוזאַמען מיט בילעריי פון הינט און קוואַקעריי פון איבערגעשראָקענע עופות און פייגל.

שאַרנדיק זיך צווישן קאָרן, האָט דניאל זיך אַלץ מער דערנענטערט צום דאָרף.

— גלין־גלאָן — האָבן גערופן די גלאָקן, — גלין־גלין־גלאָן. — צווישן די רויטע שטורקאַצן האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער, שוואַרצער צלם. אויף אַ מינוט איז אַלץ אַרום געוואָרן איינגעהילט אין שטילקייט. באַלד האָט אַ געברום אַרויסגעזעצט פון מענערשע ברוסט:

— אַ טויט די זשידעס!!!

דניאל האָט זיך צוגעשאַרט נאָענט צו די פינצטערע כאַטעס און ער איז דאָרט ליגן געבליבן, ווי צוגעקלעפּט צו דער ערד, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, אָנגעשפּיצטן געהער און שאַרפן בליק.

פּויערים־יונגען, מיט בלוי־גלאַנציקע קאָסעס און העק, האָבן אויפגע־טויבט צווישן די פייערן און זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ קוויטשעריי און אַ

ברומעריי אַרום דעם שוואַרצן צלם. פון דעם האַרמידער האָבן זיך געטראָגן שטימען:

— די זשידעס האָבן אַ קריסט דערהרגעט!
— אַ פּוילישן סאָלדאַט געקוילעט!
— שטייט־אויף, כלאָפּצי! נקמה אָן די זשידעס!
— שטייט־אויף, כלאָפּצי, טרינקט און פרייט זיך, ווייל אונזער שעה איז געקומען!
— כלאָפּצי, מאָרגן גייען מיר אויף זאַמעטשאָוו!
— מאַכט זיך לוסטיק, כלאָפּצי! אַ טויט די זשידעס!
— אַ טויט די זשידעס!!

ס׳האָבן אַ קלונג געגעבן די טענער פון אַ האַרמאָשקע. טענער גראָטעסקע, הפקרדיקע, דורשטיקע נאָך שכרות און נאָך בלוט. און צענטליקער קולות האָבן מיטגעזונגען:

„איי־וויי־וויי! איי־וויי־וויי!
„אַלע זשידעס שרייען, שרייען:
„איי־וויי־וויי!"

צווישן די רויט־צעצונדענע, רויכערנדיקע שטורקאַצן, האָט געוואַנדערט דער צלם איבערן דאָרף, און די בלוטדורשטיקע שכרות־געזאַנגען האָבן פאַרהילכט די גאַנצע געגנט און די כאַטעס פון שלאָף געוועקט. אין אַלע טירן־לעכער האָבן זיך פייערלאַך צעפינטלט און פויערים און פויערטעס האָבן אָנגעפילט דעם לאַנגן, זאַמדיקן שטעג, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם דאָרף. צווישן די געשרייען, געזאַנגען און גלעקער־געקלאַנג, האָבן דורכגעקלונגען געלעכטערס פון צערייצטע, ברייט־היפטיקע מיידן, און צווישען די שטורקאַצן איז אַוועק אַ הייסער טאַנץ, אַ געטופּ פון פיס און אַ פליעסקעריי פון הענט, און צווישן דעם אַלעם האָבן משוגענע קולות געריסן די לופט:

— זאַמעטשאָוו! זאַמעטשאָוו!
— אַ טויט די זשידעס! איי־וויי! איי־וויי־וויי!

אונטער דעם רויטלעכן אָפּשיין פון שטורקאַצן און געלבלעך־קרענקלעכן לבנה־ליכט, האָט דניאל געקוקט אַ צעמישטער אויף די סילועטן פון די כאַטעס, וואָס מ׳האָט איבערגעוועקט אינמיטן שלאָף. איינע פון די כאַטעס, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום ברייטן שליאַך, אויפן וועג צום וואַלד, האָט אים אויסגעזען מאָדנע־באַקאַנט: די פינצטערע לאָך פון דער אויפגעפראַלטער טיר, דאָס פענצטערל אונטערן שטרויענעם דאַך, דער פויער, וואָס איז דאָרט געשטאַנען ווי פאַרגליווערט, מיט אַן אויפגעריסן מויל אונטער

לאַנגע וואָנסעס, און האָט געגלאָצט צום דאָרף צו, און נאָך מער די ברימש־קע מיט דער אַרויסגעריסענער ראָד, וואָס הינטער דער כאַטע. וואו האָט ער דאָס אַלץ געזען? צי איז ער אין דערזעלביקער ברימשקע נישט געפאָרן ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק, ער און ווילי? —

הינטער דער כאַטע האָט געטונקלט אַן אָפענער שייער, ווי אַן אָפן מויל פון דער נאַכט. דניאל האָט זיך גענומען שאַרן אויפן בויך צו יענעם שייער הינטער דער כאַטע. אונטער אַ בוים איז ער ליגן געבליבן. ער איז געווען אויסגעשמירט אין בלאָטע, און ווי אַ שוואַרצער שאָטן פון דער נאַכט, האָט ער געקלעפּט צום בוים און צו דער ערד. ער האָט געזען ווי אַנדערע צוויי שאָטנס האָבן זיך באַוועגט נישט ווייט פון אים. מיט רידעלס האָבן זיי געוואָרפן הויפנס היי אין אַ געשפּאַנטן וואָגן אַריין. די פערד, גרויסע, מעכטיקע, האָבן געטופּעט מיט די פּאָדקאָוועס אין דער שוואַר־צער ערד און געהירזשעט פאַרוואונדערטע, קוקנדיק גלייך קעגן דניאלן מיט אַן אויסטערלישן גלאַנץ אין זייערע קײלעכדיקע אויגן.

— גיכער, סטאַשעק, גיכער — האָט געברומט אַ יונג מיט פלאַקסענע האָר. — מער היי, נאָך היי — אַ גאַנצן סטויג. אפשר וועט מען דאַרפן אַריינקריכן.

— וואו איז סטעפאַן אַהינגעקומען?

— סטעפאַן וויל ראַטעווען די אייגענע פעל, — איז ער אַוועק אַהין, צו זיי...

— וואוהין, יאַנעק?

— צו דער באַנדע דאָרט — האָט געברומט דער יונג מיט די פלאַק־סענע האָר. — זאָגט, ער גייט אויך שלאָגן זשידעס, זאָגט ער... פּשאַ־קרעוו...

— גיך, די רידלעס אַהער, אַהער, אין וואָגן אַריין!

דער וואָגן, מיט אַ הויכן סטויג היי, האָט זיך גענומען רירן. דער יונג מיט די פלאַקסענע האָר איז געזעסן אינמיטן דעם הויפן, ווי אַ קופּאָל אויף אַ קלויסטער, און דער אַנדערער, מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק איבערן שטערן אַראָפּגערוקט, האָט געהאַלטן די לייצעס און מיט אַ לאַנגן בייטש געפאָכעט אויף די פערד.

— וואַרט, האַלט־איין!

די פערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ שפּרונג און יאַנעק האָט זיך גיך אַרונטערגעגליטשט פון וואָגן. ער איז אַריין אין שייער און באַלד האָט אין דעם פינצטערן מויל פון דער נאַכט ווי אַ בליץ זיך דורכגעריסן. ביס־לעכווייז איז דאָרט געוואָרן ליכטיק, ליכטיקער — און דער יונג איז שוין ווידער געזעסן אויפן היי.

— זאָל ער וויסן, דער פאַררעטער, פשא־קרעוו — האָט ער געשטשי־רעט זיינע ווייסע ציין און געקוקט ווי פון שייער נעמען ארויסזעצן העלי־שע פלאַמען. דער וואָגן האָט אַ צי געטאָן פון אָרט.

דניאל האָט זיך אַ ריס געגעבן פון דער ערד און מיט שווינדלענדיקן אימפעט זיך אַ וואָרף געטאָן אין וואָגן אריין, וועלכער האָט מיט טייוולאָ־נישער גיכקייט זיך אַוועקגעלאָזט איבערן וועג. אַן אומבאַוועגלעכער איז ער געבליבן ליגן לעם דעם יונג אויפן היי, אין וועלכן ס׳האָט, ווי אַ פּיאַוו־קע, זיך איינגעזויגן זיין בליק.

אַ פּאָר סעקונדעס האָבןביידע זיך אָנגעקוקט פאַרשטאַרטע. ביסלעכ־ווייז האָט דעם יונגס פּנים זיך אויסגעקרימט אין אַ מוראדיקער גרימאַסע און זיינע פינגער האָבן קאָרטשענדיקע גענומען זוכן דניאלס האַלדז.

— טשעפּע נישט, חבר — האָט דניאל אַרויסגעשעפּטשעט טרוקענע, אָפּגעהאַקטע קלאַנגען.

נאָר דער יונג, מיט גרויס־געוואָרענע, משוגענע, בלוי־בלישטשענדיקע אויגן, האָט נישט פאַרשטאַנען. זיינע קראַמפּנדיקע פינגער האָבן זיך גע־גראָבן אין דניאלס פּנים, אין דניאלס האָר, און דאָרט געקראַצט, געריסן די הויט, געגראַבלט און גענומען שטיקן.

— חבר... חבר... — האָט דניאלס האַלדז געכאָרכלט. — איך... וואַר־שע... דער פּעטער...

פון זיינע פּנים־וואונדן האָבן זיך געצויגן ריטשקעלאַך בלוט. ער האָט געוואָרפן מיט די פּיס אין דער לופט. זיין קאָפּ האָט זיך געדרייט, זוכנדיק זיך צו באַפרייען פון די שאַרפע, שפּיציקע פינגער, וואָס האָבן געפּרואווט צונויפשנורן זיין האַלדז. מיט די לעצטע כוחות האָט ער באַוויזן אריינ־צוכאַפּן דעם יונגס גרויסע, שטייף־צעאָדערטע הענט, און מיט ציין און נעגל, ווי מיט שטאָלענע מעסערס, האָט ער זיך אין זיי אריינגעביסן און געשיפּעט:

— וואַרשע... וואַרשע... פּעטער...

מיטאַמאָל האָבן ביידנס הענט נאָכגעלאָזט. די צוויי חיות־געוואָרענע מענטשן האָבן איינגעאָטעמט אַ שטראָם קאַלטע, נאַכטיקע לופט און זיך אָנגעקוקט. פון ביידן האָט גערונען בלוט. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אַ לאַנגן, זויגנדיקן, מיד־ברענענדיקן בליק, גרייט זיך ווידער איינער אויפן אַנדערן צו וואַרפן אין אַ לעצטן טויט־געראַנגל.

שטאַרק סאָפּענדיק און צווישן פאַרשטשעמעטע ציין, האָט דניאל גע־העשעט:

— אינסטרוקטאָר... פון וואַרשע... וואַרשע... טיוול דו!... ווילי... ווילי וואו איז?!

דער אַנטרייבער — אַ גוי מיט לאַנגע, אויף ארונטער פּאַרדרייטע וואָנ־סעס, וואָס האָט ביז איצט געקוקט אומבאַוועגלעך פאַר זיך, האָט אין דעם מאָמענט זיך אויסגעדרייט:

— וואָסי, שלאָפסט, יאַנעק? יאַנעק! — האָט ער גערופן פאַרוואונ־דערט און גענומען איינהאַלטן די פערד. — ווער איז דאָ, יאַנעק?

דניאל איז צו זיך געקומען:

— ס'איז איך, דניאל... דזשעק מון... ווילים...

די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ שטאַרקן טרייסל. די לבנה, שווי־מענדיק צווישן מילכיקע שטיקער וואָלקן, האָט געטריפט ווייסלעכן ליכט אויף די דריי מענער מיט די בלאַסע, אויסגעקרימטע פּנימער און וואונדער צעעפנטע אויגן, וואָס האָבן זיך אַנגעקוקט מיט אומפאַרשטענדעניש.

— מון... ווילי... די אַמעריקאַנצעס?

דניאל האָט געווישט דעם שווייס און דאָס בלוט, וואָס האָבן אין מגושמדיקע זיגזאַגן זיך אויסגעמישט מיטן שוואַרצן בלאָטע אויף זיין פּנים. ער האָט ווידער גענומען שיפּען און איצט האָט דאָס בלוט און דער שוויס זיך צונויפגעמישט מיט ריטשקעלאַך טרערן.

— יאָ, חבר, די אַמעריקאַנצעס. אַט בין איך! הרגעט מיך, פאַררעטער, שעכט מיך. נאָט, שעכט. וואָס ווילט איר וואָס?

ער האָט געווישט דאָס בלאָטע פון זיין פּנים, וואָס איז געוואָרן אַלץ העלער און קענטלעכער אין לבנה־ליכט.

דער יונג, יאַנעק, האָט אומהיימלעך געפינטלט אויף זיין קרבן און דער אָטעם איז אים ווי איבערגעהאַקט געוואָרן. זיינע פינגער זיינען גע־בליבן צונויפגעקראַמפּטע, און דאָס גרויסע, אַנגעשוואָלענע מויל אונטער זיין קליין, פאַרשפּיצט נעזל, איז געבליבן אויסגעקרימט אין אַ מוראַדיקער גרימאַסע. מ'האָט נישט געקאָנט וויסן, צי ער איז אַזוי פאַרשטיינערט גע־וואָרן אָדער ער גרייט זיך ווידער צו וואַרפן זיך אויף דעם בלאָטיקן שאָטן אין היי.

בלויז דער אַנטרייבער איז געקומען צו זיך. מיטן גאַנצן כוח האָט ער אַ שמיץ געגעבן די פערד און זיי האָבן מיטן טרייסלענדיקן וואָגן היי זיך אַוועקגעלאָזט אין האַסטיקן גאַלאָפּ, ווי אַ ווינט אין פעלד.

— וואו איז דער צווייטער אַמעריקאַניעץ? — האָט, האַלב אויסדרייענ־דיק זיך, געשריען סטאַשעק דער אַנטרייבער. — העי, מון!

דניאל איז געלעגן אָן כוחות אין דעם באַרג היי און ער האָט געקוקט

ווי די שטומפּיקייט פֿאַרשווינדט ביסלעכווייז פֿון יאַנעקס פּנים, ווי עס טוט זיך אָפּ פֿון אים די צעקרימטע גרימאַסע און ווי זיינע געקאָרטשעטע פֿינגער נעמען זיך באַוועגן. אויך דער יונג האָט גענומען ווישן די ריטשקעלאַך שוויים און בלוט אונטער זיינע פֿלאַקסענע האָר, און זיינע ליפּן האָבן מיט אומגלויבן געשעפּטשעט:

— דו... אַמעריקאַניעץ? דזשעק מון? דו?... פּשאַ קרעוו, דו זשידעק נאַרישער!... פֿאַרוואָס... פֿאַרוואָס פֿריער נישט געזאָגט? און ווי קומסטו אַהער, אַמעריקאַניעץ? דערציי̈ל, אָדער...

אין זיינע ווערטער איז געווען דראָאונג, שנאה, שרעק, פֿאַרלעגנהייט. ער האָט געפֿינטלט אויף דעם שוואַר־אָטעמענדיקן דניאל, געדרייט זיך, געוואָלט זיך אויפֿהויבן און ווידער אין היי אַריינגעפֿאַלן, נישט וויסנדיק וואָס ווייטער צו טאָן. ענדלעך האָט ער, קריכנדיק און פֿאַלנדיק, זיך דערנענטערט צום אָנטרייבער און אים אַריינגעשריִען אין אויער, זוכנדיק איבערצושרייען דעם רויש פֿון די רעדער און שניידנדיקן ווינט:

— העי, סטאַש, דער זשידעק איז פֿון די אונדזעריקע איז ער!

סטאַשעק האָט עפּעס געפּאָנפּעט צווישן די וואָנסעס, שטאַרקער גע־שמיסן די פֿערד און געהאַלטן אין איין רעדן אונטער דער נאָז, מיט אַ קול, וואָס האָט געכריפּעט אין דער נאַכט אַריין. בלויז ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט צום יונג הינטער אים, האָבן אָפּגעבראָכענע ווערטער דערגרייכט צו דניאלס געהער.

דניאלן האָט שטאַרק ווי געטאָן דער קאָפּ און האַלדז און נאַקן. פֿון שטערן האָט נישט אויפֿגעהערט צו רינען דאָס ריטשקעלע בלוט. ער האָט זיך אויפֿגעזעצט און דער ווינט האָט אים אַ שניט געטאָן אין פּנים, קילנדיק די ברענונג פֿון זיינע וואונדן. ווייט אויפֿן האָריזאָנט האָבן רויטע רויך־וואָלקנס געזעצט ווי פֿון דער ערד אַרויס און פֿלאַמען האָבן זיך געוויקלט איבערן שוואַרצן סילועט פֿון וואַלד, וואָס האָט זיך שאַרף געשניטן איבערן לבנהדיקן הימל.

די פֿור איז שוין לאַנג פֿון וועג אַראָפּ און געשפּרונגען איבער גריבער און שטיינער פֿון אַ שמאָלער סטעזשקע צווישן די פֿעלדער. אינם רויך־וואָלקן איבערן סילועט פֿון וואַלד און אין די פֿייער־צונגען, וואָס האָבן זיך געהויבן פֿון דער ווייטער, שוואַרצער ערד, האָט דניאל ווי געזען און געהערט וואָס עס טוט זיך אינם ברענענדיקן דאָרף: שכורע פּויערים־יונגען מיט קאָסעס, וואָס טאַנצן טיוולאָנישע טענץ פֿון בלוטדורשט אַרום אַ גרויסן, שוואַרצן צלם און שרייען מיט באַנומענע קולות:

— אַ טויט די זשידעס! אויף זאַמעטשאָוו! איי־וויי־ווי, איי־וויי־ווי!

פונם בלוילעך־ווייסן הימל־געוועב איבער אים און פון דער גרויט־טונ־קעלער ערד אונטן און פון אַלץ אַרום איז געוואָרן איין פייערדיקער, בלוט־פאַרלאָפּענער קנויל. ס'האָט אים אויסגעוויזן, ווי דאָס אַלץ קנוילט זיך מיט שווינדלענדיקער גיכקייט אַהינצו, צו יענעם אומבאַקאַנטן שטעטל, וואָס הייסט זאַמעטשאָוו און וואו אידן שטייען אין טליתים פאַרוויקלטע און וואַרטן אויפן טויט, וואָס דערנענטערט זיך.

— דזשעק מון, דזשעק! — האָט יאַנעק אים געטרייסלט. — שטיי־אויף, אַמעריקאַניעץ!

דניאל האָט אַ דערשראָקענער אויפגעמאַכט די אויגן. — צי איז ער געשלאָפן? צי האָט ער געחלומט אויף דער וואָר? ער איז געלעגן מיט צו־נויפגעקריצטע ציין און געביילטע פויסטן. זיינע ליפּן האָבן זיך שוואַך באַוועגט:

— זאַמעטשאָוו... איך וויל קיין זאַמעטשאָוו!

— אָט דאָרט איז זאַמעטשאָוו — האָט יאַנעק געוויזן אויף איינציקע פייערלאַך אין דער ווייט. — אָבער מיר פאָרן נישט אַהין, נאָר גלייך קיין וואַרשע. דאָרט וועלן מיר שוין זען. צושטעלן זיך צום פּאַרטיי־קאָמיטעט, אָפּגעבן אַ ראַפּאָרט, אויספאָרשן...

ראַפּטום האָט דניאל זיך אויפגעזעצט און געזאָגט אַנטשלאָסן:

— איך וויל קיין זאַמעטשאָוו!

— אין זאַמעטשאָוו וועט מען דיך פּאַקן, אַמעריקאַניעץ. בעסער קריך אין היי אַריין. ביידע אין היי אַריין, וואָס טיפער, טיפער.

איבערגעוואַלט האָט ער דניאלן אַריינגעשטופּט אינם ווייכן, שמעק־קעדיקן היי און ער האָט געמורמלט צווישן די ציין:

— פּאָליציי אויפן וועג, פּשאַ־קרעוו! אומעטום זיינען זיי דאָ. אומעטום פאַררעטער, שפּיאָנען טייוולאָנישע.

אָבער דניאל האָט געפּרואווט זיך אויפהויבן:

— איך וויל קיין זאַמעטשאָוו. דו מעגסט פאָרן וואוהין דו ווילסט, אָבער איך וויל קיין זאַמעטשאָוו וויל איך!

— דאָ ליג, זשידאָווסקע מאָרדע! — האָט דער יונג, שוין ווידער אַ דערצאָרנטער, מיט זיינע גרויסע לאַפּעס איינגעגראָבן דניאלס קאָפּ אין היי.

— צו וואָס דאַרפסטו קיין זאַמעטשאָוו? ביסטו אויך אַ שפּיאָן, האַ? זאָג, דו...

דניאל האָט געקרעכצט. און דער יונג, ליגנדיק טיף אין היי באַהאַלטן, האָט נישט אויפגעהערט צו ברומען:

— אומעטום שפּיאָנען! דאָרטן — סטעפאַן, טאַדעוש, אַפילו עפּיפאַן

איז אַ שפּיאָן. און דאָ — נאָ־דיר גאָר אַ זשידעק אַ שפּיאָן. עך, פאַרוואָס האָב איך דיין ממזרשן גאָרגל נישט אַרויסגעריסן!

— איך בין נישט קיין שפּיאָן, חבר יאַן — האָט דניאל געקרעכצט אונטער די שווערע לאַפּעס פונם יונג. — איך שווער דיר, אַז איך בין נישט קיין שפּיאָן.

— טאָ פאַרוואָס ווילסטו קיין זאַמעטשאַוו?

— אַ פּאָגראָם גייט דאָרט זיין. כוליגאַנעס גייען די אידן באַפאַלן. כ׳האָב אַליין געזען די כלאַפּעס מיט קאָסעס, מיט העק.

— שווייג, דו פערד, און דעם פּיסק זאָלסטו פאַרמאַכן. דער דאָרף וועט אַוועק מיטן פייער, און סטעפאַן, דער הינטישער זון, וועט שוין פאַרגעסן אָן פּאָגראָמען.

אַ מינוט זיינען זיי געלעגן שטיל. די פור האָט שטאַרק געטרייסלט.

— סטעפאַן האָט געמסרט, חבר יאַן? — האָט דניאל געפרעגט.

— אוודאי געמסרט, דער פאַררעטער. און די בריטשקע האָט ער צעבראָכן, מ׳זאָל נישט קאָנען אַנטלויפן. נאָר איך האָב אים שוין אָפּגעצאָלט, דעם הינטישן זון. געוואָלט מיך אין פּאָסטקע אַריינכאַפּן — מיך, יאַן־יוזעף קאָסטשינסקין! וואַרט, יאַנעק וועט אים נאָך ווייזן. ער איז מיינע נאָך נישט פּטור. איינמאָל האָב איך אַזעלכן מיט אַ קאָפּ קירצער געמאַכט און קיין פויגל האָט נישט אַ פּיפּס געטאָן. אויך געמסרט. געזאָגט, אַז איך בין אַ רויטער, דער ממזר. געזאָגט, כ׳האָב אויף דער הייליקער מאַמען אַ שפּיי געגעבן. מיין באַלעבאָס געווען, יענער פּאַדליעץ, און ווייל ער האָט מיך איינמאָל געכאַפּט מיט זיין שיקסע, האָט ער אַ כעס געטראָגן — אין אַ לעפל וואַסער צו דערטרינקען. שוין איינמאָל געווען אַ כלב! אַ סך פון אייעריקע אויסגעקוילעט און אונדזעריקע האָט ער געשמיסן מיט נאַסע ריטער. טאַקע די זשידקעס האָבן מיך געראַטעוועט, אויסבאַהאַלטן און מיטגענומען קיין וואַרשע. דאָרט מיך פאַר אַ מענטש געמאַכט. אַ פאַרטרויאונגס־מענטש!...

יאַנעק האָט פאַרזיכטיק אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, איינגעאָטעמט מיט ברייטע נאָזלעכער און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט זיך צוגערוקט צום אָנטרייבער און אים אַ שטורכע געטאָן:

— רייַן אַרום, סטאַשעק?

— ריין, יאַנעק. מעגסט אַרויסקריכן. זאַמעטשאַוו איז שוין הינטער אונז.

דניאל איז געבליבן זיצן פאַרגליווערט. פאַר זיינע שטאַר־גלאָצנדיקע אויגן האָבן ווידער אויפגעבליצט די בלויע שאַרפן פון קאָסעס, ווי גרויסע

לבנה־סערפּן. די קאָסעם האָבן געלעכצט נאָך אידישע העלדזער, נאָך אי־דישע קעפּ, נאָך אידיש בלוט.

אונטערן היי איז ער פאַרקראָכן ביז צום עק וואָגן. ער האָט זיך אַרומ־געקוקט און זיך אויפגעשטעלט. אויף דער צווייטער זייט וואָגן זיינען נאָך אַלץ געזעסן יאַן און סטאַש און האָבן גערעדט אויפן קול, גערעדט מיט אָפּ־געהאַקטע קלאַנגען, וואָס זיינען זיך צעפלויגן אין ווינט. הינטער דעם לויפנ־דיקן וואָגן איז געלעגן אַ גערוימער, שוואַרצער טאָל מיט איינציקע פינטלען ליכט, ווי שטערן אין אַ שטאָק־פינצטערן הימל, מיט סילועטן פון צלמים און קוימענס, וואָס האָבן געזילבערט צווישן לבנהדיקע טיולן. דאָס איז געווען זאַמעטשאָוו, די רואיק־שלאָפנדיקע שטאָט, פון וועלכער דער וואָגן האָט זיך גיך דערווייטערט, שפּרינגענדיק איבער גריבער און שטיינער.

דניאל האָט מער נישט געטראַכט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אַ לאָז געטאָן אין דער לופט.

ער איז געפאַלן אויף די הענט, פאַרשטעלנדיק דעם קאָפּ. עטלעכע מי־נוט איז ער געלעגן צעמישט פון דעם שטאַרקן קלאַפּ און דערנאָך האָט ער, אינגאַנצן אַ צעווייטיקטער, זיך אויפגעזעצט. דער וואָגן איז שוין געווען ווייט און איז געלאָפן און געקאַטשעט זיך אין דער בלוילעכקייט פון דער נאַכט.

קאפיטל 5.

זאמעטשאָוו

זאמעטשאָוו איז געלעגן אַ שלאָפנדיקע אונטערן בלויען לבנה־שיין, מיט איינציקע פינטלענדיקע פייערלאַך פון פאָנארן, ווען דניאל שטאָפלער איז אָנגעקומען, שארנדיק זיך ביי די ווענט און פארנעמענדיק דעם דזין־דזין פון אַ שטאָט־זייגער.

ס'איז געווען איינס ביינאַכט. פוסטע געסלאַך. נידעריקע הילצערנע הייזער האָבן געוואָרפן לאַנגע, שווארצע שאָטנס אויף די ברוקן, און דניאל האָט צווישן די שאָטנס געשלייכט אין זיינע צעריסענע און בלאָטע־אויס־געשמירטע בגדים און מיט אַ פארבלוטיקט פנים, ווי ער וואָלט זיך ארויס־געריסן פון אַ שלאַכטפעלד.

צום ערשטן מאָל נאָך אומענדלעכע שעהען, האָט ער דערשפירט, אַז ער איז הונגעריק. די צונג האָט אַ טרוקענע געקלעפּט צו זיין גומען. די פיס זיינען געווען בלייאיק־שווער און אַלע אברים האָבן אים ווי געטאָן.

וואָס טיפער ער איז אריין אינם שטעטל, איז אַלץ פּאמעלעכער געוואָרן זיין גאַנג. די שמאָלע געסלאַך, מיט איינגעהויקערטע און פעסט־פארמאַכטע הייזער, זיינען געווען אומהיימלעכע, פרעמדע; פונדעסטוועגן האָט ער גע־אַנט, אַז אינעווייניק, הינטער פארהאַקטע טירן און לאָדנס, איז ווארים און היימיש, און מענטשן טוליען זיך דאָרט אונטער ווייכע פערענעס און ווייסע ליילעכער. ער האָט מקנא געווען אָט די אומבאַקאַנטע מענטשן און גלייכ־צייטיק האָט ער אויף זיי רחמנות געהאַט, וואָס קיינער פון זיי ווייסט נישט, אַז ער — אַ פרעמדער, אַ פארפאָלגטער און אַ הונגעריקער — ברענגט זיי פינצטערע בשורות. ער האָט געוואָלט אָנקלאַפּן אינם ערשטן הויז, אָבער זיך נישט דערוועגט איבערצואוועקן מענטשן פון שלאָף.

ער האָט פארביינגעשלייכט סעדער מיט בעז־שמעקנדיקעביימער און בילנדיקע הינט. דער זיסער ריח האָט אים פארשכורט און די בילעריי האָט

אים געמאַכט שווידערן. ער איז פאַרביי לעם קלויסטער — אַ גרויסער, גרויסער בנין, מיט אַן אומהיימלעך־בלינצלענדיקן צלם אויפן שפּיץ פון זיין קופּאָל. אויך דאָ איז דער אייזערנער טויער געווען פאַרמאַכט און פון צווישן די שטאַכעטן האָט אַרויסגעאָטעמט עפּעס שנאַהדיקס און דראָענדיקס. עס האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער, עלנטער פייף פון אַ נאַכט־וועכטער. דניאל האָט זיך אַריינגעקלעפּט צווישן די אייז־קאַלטע, פיינטלעכע שטאַכעטן פון קלויסטער. ער האָט זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט און געוואַרט. באַלד האָט ער זיך ווידער גענומען שאַרן פאַראויס, ווי ער וואָלט וועלן וואָס גיכער אַנטלויפן פון דער טומאה, וואָס האָט אַ ברי געטאָן זיינע הענט און זיין פנים, פונקט ווי אַמאָל, ווען ער איז אַ קינד געווען און פלעגט פאַרביי גיין לעם אַ קלויסטער.

אויף אַ פּירעקיקן פּלאַץ קעגנאיבער איז געשטאַנען אַ פּלומפּ. דניאלן האָט געצויגן צום פרישן וואַסער־שטראָם, וואָס וואָלט דאָרט אַ זעץ געגעבן איבער זיין קאָפּ. ער האָט שטאַרקער דערשפּירט דעם ווייטיק פון זיין שטערן און די טרוקנקייט פון זיין גומען; אָבער ווידער איז די לופט דורכגעשפּיזט געוואָרן פון אַ דינעם, לאַנג־צעצויגענעם פייף, — קענטיק, דער וועכטער האָט זיך דערנענטערט, — און דניאל איז מיט גיכע, גרינגע טריט, ווי אַ קאַץ, אַוועק אין אַ זייטיקן געסל אַריין.

ווידער הייזער שטומע, צו דער ערד געבויגענע, ווי אבלים, מיט פאַרהאַקטע טויערן און לאָדנס. ס'איז געווען אַ לאַנגע, זאַמדיקע גאַס, מיט איינציקעביימלאַך ביי די זייטן. זייערע נידעריקע בלעטער־קרוינען האָבן שטיל געזשושעט אונטערן קילן נאַכט־ווינטל, וואָס איז פון די ווייטע, פינצטערע פעלדער געקומען, געטוליעט זיך, געבויגן זיך. לעם איינעם פון די ביימער האָט דניאל זיך אַראָפּגעזעצט. די מידקייט האָט אַ שווערע זיך אויסגעשפּרייט איבער זיינע אברים. ער האָט זיך ווידער צוגעהערט צו דער שטילקייט, וואָס האָט אים געוויגט, פאַרוויגט זיינע חושים און געשלאָסן זיינע אויגן־דעקלאַך.

מיטאַמאָל האָבן צו זיין געהער זיך דערטראָגן אַלט־באַקאַנטע קלאַנגען, — צוערשט שוואַכע, אָפּגעריסענע, און באַלד שטאַרקערע, — אַזעלכע זינגענדיקע, אַזעלכע ווייטיקלעכע, — אָט ווי דאָרט וואָלט געשטאַנען זיין טאַטע, דער אַלטער שמעון־מאַליאַר, און געזאָגט תהילים מיט גרויס כוונה. די קלאַנגען האָבן אים די אויגן אויפגעריסן און באַלד זיינען אַלע זיינע חושים געוואָרן וואַך. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אַוועקגעלאָזט נאָך די קלאַנגען. פון אַ שפּאַרונע אין די לאָדנס פון אַ נידעריק, געהויקערט הייזל האָט דורכגעזעצט אַ מאַטער ליכט־שטראַל. דניאל האָט זיך אָפּגעשטעלט און

געהערט. אַ טיף, זינגענדיק געקלאָג האָט זיך געריסן פונם שטיבל, — אַ איד האָט דאָרט צו חצות געוויינט אויף גלות־השכינה. דאָס קול האָט זיך געהויבן, געפאַלן, געציקלט און געפּאַלבּט זיך, געברומט ווי אַ טויב און געקרעכצט, ווי עס וואָלט וועלן דורכרייסן די אומענדלעכע שטחים פינצ־טערניש פון ערד און הימל און ביז צום כסא־הכבוד דערגרייכן:

— אלי, אלי, למה עזבתנו!

אויך אין דניאלס האַרץ איז אויפגעגאַנגען דאָס געקלאָג און דאָס געזאַנג און דאָס געברום. מינוטנלאַנג איז ער געשטאַנען אין אַ הייליקן שווידער. אין אים האָט געריסן אַ בענקעניש. ער האָט מיטן פּנים זיך איינגעגראָבן אינעם פאַרמאַכטן לאָדן און זיך געטוליעט צו דער איינציקער ליכטיקער שפּאַרונע, און זיינע פינגער, ציטערדיקע, האָבן אין דער שפּאַרונע געגראַבלט און געריסן דעם לאָדן.

איבערגעהאַקט האָבן זיך די קלאַנגען. און דניאלן האָט זיך געדאַכט, ווי ער וואָלט הערן דאָס האַסטיקע קלאַפּן פונם איבערגעשראָקענעם אידנס האַרץ, דאָס וואָרט, וואָס איז שטום געבליבן הענגען איבער בלייכע ליפּן. ער האָט געוואָרט אַביסל און אָנגעקלאַפּט, צוערשט מיט די פינגער־קנאָכנס, דערנאָך שוין מיט דער גאַנצער פויסט.

— עפנט, רבי... עפנט... — האָט געכריפּעט זיין טרוקן האַלדז.

ס'האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער האָט אַזוי איבערגעהאַקט די תפילה פון חצות. אַ גרויס רחמנות האָט אים אַרומגעכאַפּט אויף דעם נידעריקן, טויט־בלאַסן איד מיט דער ציטערנדיקער באָרד, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער שמאָל־געעפנטער טיר. דניאל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און ער איז אַריינגעפאַלן אַן אָנמאַכטיקער אין דער טיר, בלייבנדיק ליגן אויפן שוועל, מיט בעטלענדיקע אויגן, ווי אַ געשלאָגענער הונט. אויף זיינע ליפּן איז געבליבן הענגען דאָס קוים אַרויסגעשעפּטשעטע וואָרט:

— רבי...

— —

דאָס שטעטל איז געגאַנגען אויף רעדלאַך. ר' שמואל דער מלמד, אין וועמעס שטוב דניאל איז געלעגן, איז געוואָרן די אַקס, אַרום וועלכער אַלץ האָט זיך געדרייט. אין בית־מדרש איז ער געקומען צום ותיקין און באַלד האָבן אידן, אין טלית און תפילין, זיך געשושקעט אַרום אים. ר' שמואל האָט געוואוסט דערוויל נאָר איין זאַך: אַז גויים האָבן צעממיתט אַ אידישן יונגנמאַן, נעבעך.

— גויים? ווי קומט אַ אידישער יונגערמאַן צו גויים גאָר?

— אוי־וואַ, אוי־וואַ! אינמיטן דער נאַכט זאָגט איר, ר' שמואל?

— צו חצות איז ער ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

— אַזוי! — האָבן אידן זיך געוואונדערט. — צו חצות? אינמיטן נאַכט?

— אפשר איז דאָס גאָר אליהו הנביא?...

— אפשר אליהו הנביא?...

מענטשן זיינען געלאָפן אים אָנקוקן, נאָר אינם הינטערשטן. אַלקער האָט ר׳ שמואלס זון, חנא אפּיקורס, שוין געהאַלטן וואַך:

— נישט קיינעמס באָבעס דאגות... קיינער איז דאָ נישטאָ...

חנא אַפּיקורס, פון וועמען ר׳ שמואל האָט געהאַט אויסצושטיין לייטישע געלעכטערס און וואָס האָט אַליין געלאַכט פון אַלעמען, האָט מיט זיין שפּיציקער, האָרבאַטער נאָז עפּעס דערשנאַפּט נאָך אינמיטן נאַכט, ווען די גאַנצע משפחה האָט זיך פון שלאָף איבערגעוועקט. דער יונגערמאַן — איינגאַנצן אַן אויסגעשמירטער אין בלאָטע, מיט צעריסענע בגדים פון אויבן אַראָפּ און מיט געלע אַמעריקאַנער שיך — האָט גערעדט מאָדנע, אומפאַרשטענדלעכע רייד, וואָס נאָר חנא איז אויף זיי געווען אַ מבין. מיט זיין גרויסן, שוואַרצהאָריקן קאָפּ, האָט חנא, משמעות, פאַרשטאַנען און — געמאַכט אַ שוויַג. ער האָט אָבער קיינעם נישט אַריינגעלאָזט אין שטוב, אויסער אַ פּאָר יונגעליט, וואָס זיינען מיט חנאן געווען גאָר נאָענטע מחותנים. אויפן אַנדערן טאָג האָבן אויך די יונגעליט אויפגעהערט צו קומען; נאָר ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגענעם אַרבעטער־לאָקאַל האָט מען אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען און זיך צו עפּעס געגרייט.

שיינדעלע — ר׳ שמואלס ווייב — איז כמעט פון בעט נישט אָפּגעטראָטן. זי האָט דניאלן געוואַשן און באַנדאַזשירט די וואונדן און אָפּט געקרעכצט:

— נעבעך אַ יונג אידיש קינד — בלוט און מילך.

און כאָטש אין שטוב האָט געפּייפט דער דלות, האָט שיינדעלע געבראַכט דעם חולה מכל־טוב, אים געקאָרמעט מיט מילך און האָניק, ווי אַן אייגן קינד. חנא האָט זי אַרויסגעטריבן? פונם אַלקער איטלעך מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט אַריינגיין עפּעס ריידן מיט דניאלן. און גערעדט האָבן זיי צווישן זיך זייער שטיל. מורמלענדיק אַ תפילה מיט אירע דינע, בלייכע ליפּן, האָט שיינדעלע צוגעלייגט אַן אויער צו דער טיר, אָבער זי האָט קוים געקאָנט כאַפּן עטלעכע ווערטער. נאָר איינס פון אָט די ווערטער האָט זי פאַרנומען זייער קלאָר. זי האָט פאַרבראָכן די הענט און אַוועקגעאיילט צו איר מאַן אין חדר, וואָס אין דער אַנדערער טיר.

— שמואל! קום נאָר אַ רגע, שמואל. גיכער, שמואל!

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן דעם חדר, מיט פאַרבראָכענע הענט און פאַרביסענע ליפּן, ווי זיי וואָלטן איינגעשלאָסן אַ מוראדיקן סוד, וועלכער איז געוואָרן נאָך סודותדיקער אונטער די פאַרוואונדערטע בליקן פון די תּלמידים און אויפן וועג צום אַלקער האָט זי פון גרויס נערוועזי־טעט אַ קנייפּ געטאָן איר מאַן אין האַנט:

— שמואל! דער יונגערמאַן געפעלט מיר נישט, שמואל. זאָלסט וויסן, אַז ער איז פון חנאס חברה. עס יאָגט אים נאָך פּאָליציע.

נאָר חנא אפּיקורס איז שוין אַ פינצטערער געשטאַנען אין דער טיר פונם אַלקער, בויערנדיק מיט דער שפּיציקער נאָז די אָנגעלאָדענע לופט. ער האָט אַריינגעלאָזט דעם טאַטן און די טיר איז פאַרקלאַפּט געוואָרן.

שיינדעלע האָט געברענט פון נייגעריקייט, אָבער זי האָט ווידער גע־מוזט בלייבן אינדרויסן. אינעווייניק, אין חנאס בעט, איז מיט אַ פאַר־באַנדאַזשירטן קאָפּ געלעגן דניאל און זיינע פאַרבלוטיקטע ליפּן האָבן זיך שוואַך באַוועגט:

— יאָ, רבי, אמת. אַליין געזען די באַנדיטן. קאָסעס, העק. מיט אַ צלם גייען זיי אויף זאַמעטשאַוו. ראַטעוועט זיך, רבי. ראַטעוועט אַלע אידן. איך וועל אייך העלפן.

ער האָט זיך אַ זעץ געטאָן אין בעט, נאָר חנא האָט אים צוריק־געהאַלטן:

— דו ליג, חבר, דאָס אַנדערע לאָז צו אונז. די קישקעס וועלן מיר זיי אַרויסרייסן, די באַנדיטן!

דניאל איז צוריקגעפאַלן אָן כוחות.

קיין פּאָגראָם איז אינם שטעטל דאָך נישט פאָרגעקומען. די יוגנט האָט געוואַרט אַ טאָג, צוויי, דריי. די אויף גיך אָרגאַניזירטע זעלבסטשוץ האָט באַוואַכט די גאַסן בייטאָג און ביינאַכט, מיט באַהאַלטענע מעסערס אונטער די העמדער, און מיט רעוואָלווערן, וואָס מ'האָט ערגעץ געהאַלטן באַגראָבן און גרייט צו יעדער מינוט. הגם מ'האָט די ידיעה געהאַלטן בסוד, סיי צווישן דער יוגנט, סיי צווישן די ראשי־העיר, וואָס האָבן זיך געאַמפּערט אויף אַ לאַנגער אסיפה, האָט זי גיך זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער געגנט. אידן האָבן מיט אומצוטרוי געקוקט אויף די פּויערים, וואָס זיינען געקומען פון די דערפער, געזוכט ביי זיי עפּעס אויסצוגעפינען און מיט פאַרחלשטע אויגן געבויערט זייערע פאַרגרעבטע פּנימער. ווייבער האָבן גע־בראָכן די הענט און געוואַרט אין טויט־אַנגסטן אויפן טאָג, ווען גויים וועלן זיך אַ לאָז טאָן מיט קאָסעס און העק אויף זאַמעטשאַוו, און זיי האָבן פאַר־

גאַסן טרערן איבער די קינדער אין די וויגן. ביי יעדן אומגעריכטן טומל, ביי יעדער אויסדרוכטעניש, האָבן האַסטיק זיך גענומען פאַרהאַקן טירן און לאָדנס און ס׳איז געוואָרן אַ געלאַף איבערן שטעטל.

נאָר מ׳איז אָפּגעקומען מיט שרעק. פון דער אסיפה, אויף וועלכער ר׳ שמואל דער מלמד איז געווען דער הויפּט־העלד, האָבן די ראשי־העיר אוועק־געשיקט שליחים אין דער נאָענטער קרייז־שטאָט מיט שתדלנות און פּעטי־ציעס. אין אַ שיינעם טאָג איז זאַמעטשאָוו געוואָרן אָנגעפּילט מיט רייטער־זשאַנדאַרמעריע און דערנאָך זיינען אָנגעקומען עטלעכע ראָטעס סאָלדאַטן מיט קאַנטיקע היטלאָך — און נאָך דעמזעלביקן טאָג האָט מען זיך דער־וואוסט, אַז אידישע יונגעלייט ווערן אַרעסטירט און אַז אין עטלעכע אידי־שע הייזער זיינען פאָרגעקומען רעוויזיעס.

— מ׳זוכט באָלשעוויקעס — האָט מען זיך געסודעט.

בעת די רעוויזיעס זיינען עטלעכע אידן צעשלאָגן געוואָרן און מיט אָפּגעגאָלטע בערד און צעבלוטיקטע פּנימער זיינען זיי געקומען צו לויפן אין בית־המדרש.

— אידן, אַן אומגליק! פּאָגראָמשטשיקעס געקומען אין זאַמעטשאָוו!

— אמתע האַלערטשיקעס, די וואָס שנײַדן בערד.

אידן האָבן זייערע בערד מיט טיכער און פאַטשיילעס אַרומגעבונדן, ווען נאָר זיי האָבן זיך געמוזט ווייזן אין גאַס. פאַרנאַכט זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן די קראָמען, און מיט שרעק האָט מען זיך צוגעהערט ווי שכורע זעלנער דרייען זיך אַרום און זוכן אידישע קרבנות.

דאָס שטעטל איז אָפּגעקומען מיט שרעק און טרוקענע קלעפּ. נאָר דניאל האָט מער אינם שטעטל נישט געטאָרט פאַרבלייבן.

ווי מיט יאָרן צוריק, איז ער ווידער געלעגן אויף אַ בוידעם און אַ פּי־בערדיקער האָט ער זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען פון דרויסן:

„איי־וויי־וויי! איי־וויי־וויי!

„אַלע זשידעס שרייען, שרייען:

„איי־וויי־וויי!״ — —

זיינען עס געווען שכורע געזאַנגען פון די בלוטדורשטיקע כלאָפּעס, וואָס האָבן ביי רויבערנדיקע שטורקאַצן געטאַנצט אַרום אַ גרויסן, שוואַרצן צלם? אָדער פון די פּוילישע „באַפרייער״ וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אי־בער די זאַמעטשאָווער גאַסן און געזוכט אַ קרבן? — אַלץ איינס. דאָס פּאָג־ראָם־ליד איז געווען גלייך אין שטאָט און אין דאָרף, אין חלום און אויף דער וואָר.

הינט האָבן שטארק געבילט ארום און ארום. ערגעץ האָט געשריען א מענטש מיט באַנומענע קולות, ווי א בהמה אין א שעכטהויז. פון ווייט, אויפן האָריזאָנט, זיינען אויפגעשטיגן רויטע וואָלקנס רויך און פלאַמען. דניאל האָט געפיבערט: ער האָט דאָס אַלץ געזען און געהערט מיט צוגע־מאכטע אויגן און טרייסלענדיק זיך פון קעלט. אין דערוועלביקער צייט האָט ער געמאַנט, אז ער איז אין געפאַר און אז חברים באַמיען זיך אים צו ראַטעווען פון דער פאַסטקע, וואָס שפרייט זיך אויס ארום אים. אָבער דאָס אַלץ האָט אים נישט געאַרט.

בעת ער איז געלעגן אַ באוואוסטלאָזער אויף דעם שטרויענעם געלע־גער, האָט ער געביסן זיינע ליפּן ביז בלוט און אָפט געהערט אויסטערלישע רייד, צו וועלכע אימיצער האָט זיך אָבער אויפמערקזאַם צוגעהערט. פאַר זיין דמיון איז געשטאַנען ווילי היימאַן, וואָס פון זיין האַלדז האָבן זיך ארויסגעריסן גסיסה־כאָרכלען און שווערע קרעכצן. לעם ווילין האָט א הינקענדיקער זיך געשלעפּט חבר מנשה — א מאָדנע, אויסגעדאַרטע באַ־שעפעניש, מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, פון וועלכן ס׳האָט געשטראָמט בלוט. און סאָלדאַטן און פויערים מיט אויסטערלישע פּנימער האָבן זיי געשלעפּט און געדרייט זיך מיט זיי אין א קאַראַהאָד:

„איי־ווײ־ווײ! איי־ווײ־ווײ!
„אַלע זשידעס שרייען, שרייען:
„איי־ווײ־ווײ!" — —

דניאל האָט זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ און געריטשעט:
— איך... איך בין שולדיק... מערדער! רוצח! פאַררעטער!
— באַרואיק זיך, חבר — האָט אימיצער זיך אָנגעבויגן איבער אים.
— אויב דו וועסט דאָ נישט ליגן רואיק, וועט מען דיך מוזן בינדן, פאַר־שטייסט?

דניאל האָט פאַרוואונדערט אויפגעמאַכט די אויגן. זיין קערפּער האָט זיך שטארק געטרייסלט, פּונקט ווי מיט עטלעכע נעכט פריער אינם פויערשן וואָגן. איבער אים האָט זיך אַנטפּלעקט א גערוימער, בלוי־צעשטערנטער הימל.

— וואו בין איך? — האָט ער שוואַך געפרעגט. א מינוט האָט ער גע־מיינט, אז די גאַנצע מעשה־זאַמעטשאָוו איז געווען א בייזער חלום.

צוויי בלאַסע פּנימער האָבן זיך אָנגעבויגן איבער אים. אויף זיין שטע־רען איז געלעגן א צאַרטע און וואַרימע פרויען־האַנט — און ס׳איז אים געווען אַזוי גוט. ער האָט אָנגעכאַפּט די האַנט און זי צוגעפירט צו די ליפּן.

— דער פיבער איז אַוועק! — האָט אויסגערופן אַ הייטערע שטים פון אַ יונג מיידל. און אַ מענער־קול האָט צוגעגעבן:

— די וואונד איז נישט קיין געפערלעכע. זי וועט זיך גיך פאַרהיילן. לאָמיר נאָר איבערקומען דעם וועג.

דניאל האָט פאַרמאַכט די אויגן, און בעת ער האָט געדריקט די וואַרימע און צאַרטע פרויען־האַנט אויף זיינע ליפּן, האָט ער געהערט:

— ווי הייסטו, חבר?

דאָס קול איז געווען אַזוי ווייך, אַזוי זיס, אַז ס'האָט אים פאַרשלעפערט. ער האָט אים געוואָלט הערן און הערן.

— חבר, חבר! ווי הייסטו? פון וואַנען קומסטו?

— טשעפּע נישט, מאַניעלע, לאָז אים רוען.

די צאַרטע האַנט האָט זיך אָפּגעטאָן. אויף זיינע ליפּן האָט דורכגעשוועבט אַ קאַלטער ווינט און ער האָט געקרעכצט.

— אָבער איצט ווייסט מען שוין די גאַנצע זאַך? — האָט ווידער אַ קלונג געטאָן מאַניעס קול.

— אַוודאי ווייסט מען. חבר זאַגורסקי האָט דערציילט, און ס'איז גאָר קיין ספק נישט, אַז ער איז איינער פון די צוויי.

— מיינסטו, אַז ער איז פון די בערלינער חברים?

— שלימזלען! — האָט דער מענער־קול געברומט.

— אָרימער חבר מנשה! — האָט מאַניעס קול געציטערט אין טרערן.

— נעבעך ביים ברעג טייך דערשאָסן געוואָרן, ווען ער האָט שוין געהאַלטן אָט־אָט ביים ציל.

— פונקט איידער ער איז אין לאָדקע אריינגעשפרונגען.

פּאַמעלעך, שטייף, מיט נערוון אָנגעצויגן ווי דראָטן, האָט דניאל זיך אויפגעזעצט. ער האָט געקוקט שטאַר און ווילד אויף די צוויי מענטשן קעגנאיבער אים. דער וואָגן האָט שטאַרק געטרייסלט.

די צוויי מענטשן האָבן זיך אויפגעשטעלט, געטראָפּענע פון זיין בליק.

— חבר! איר האָט גאָרנישט געוואוסט?

דניאל איז צוריקגעפאַלן. אַ קנופּ טרערן האָט אים געשטיקט אין האַלדז. איצט האָט ער קלאָר געשפּירט, אַז ער ליגט אויף אַן אויסגעבעטן וואָגן, אַז אַרום איז שטאָק־פינצטערע נאַכט און אַז ער איז אומענדלעך עלנט. ער האָט זיך ווידער אויפגעזעצט:

— און וואו איז חבר ווילי?

— חבר ווילי?

ביידע אומבאַקאַנטע האָבן מיטאַמאָל אַרויסגעזאָגט די צוויי ווערטער און דערשטוינטע זיך איבערגעקוקט.

— וועלכער חבר ווילי? — האָט מאַניע געפרעגט.

— חבר ווילי היימאַן!

ס׳איז געוועזן אַ שווערע שטילקייט.

— בעסער שלאָפט, חבר. רעגט אייך נישט אויף — האָט דער מאַן, וואָס אויפן וואָגן, אים געבעטן.

— יאָ, חבר, שלאָפט. איר דאַרפט זיך אויסרוען — האָט מאַניע אויסגעזונגען מיט איר זיס קולעכל. מיט אירע צאַרטע הענט האָט זי אָנגענומען דניאלס קאָפּ, אים אַוועקגעלייגט און דערנאָך האָט זי איין האַנט לייכט געלאָזט רוען אויף זיינע ליפּן.

דניאל האָט נאָך אַלץ געטראַכט וועגן דעם חבר מנשה, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן ביים ברעג טייך, פּונקט איידער ער איז אַריינגעשפּרונגען אין לאָדקע, און וועגן דעם חבר ווילי היימאַן. אָבער די האַנט אויף זיינע ליפּן איז געווען אַזוי וואַרים, אַזוי צאַרט, אַז ער האָט פאַרמאַכט די אויגן פון תענוג און ער איז מיטן רעדער־געדרויש פאַרוויגט געוואָרן אין אַ לייכטן, אַנחלומדיקן שלאָף.

קאפיטל 6.

„פאַרעטער"!

און ווידער האָט דניאל געוואַנדערט, ווי אַמאָל, ווען ער האָט נאָרוואָס גענומען זיך אַרויסרייסן „אין דער גרויסער וועלט". ער האָט געוואָגלט פון שטעטל צו שטעטל, פון ישוב צו ישוב. צוויי פונקטן פון דער מאַפּע, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיין דמיון, האָבן אים געלויכטן און געצויגן: פון איין זייט — דאָס שטעטל, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג אַזוי געגאַרט צו פאַרלאָזן; פון דער אַנדערער זייט — די גרענעץ־ליניע, יענער סודותדיקער פּאָס, וועלכן ער האָט אַמאָל געוואַגט אַריבערצושפּרייזן און וועלכן ער האָט איצט ווידער געדאַרפט אַריבערשפּרייזן, קעגן אַלע פאַרבאָטן און געפאַרן.

און הגם ער האָט געגאַרט צו אָט די צוויי פונקטן פון זיין דמיון־מאַפּע, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צו אַ דריטן פונקט: קיין וואַרשע.

דאָרט, אין דער הויפּטשטאָט, האָט אויף אים אויסגעקוקט אַ טויזנט־קעפּיקע, פאַרבאָרגענע באַשעפעניש, וואָס האָט, ווי מיט טונקעלע פליגלען, געפאָכעט איבער שטעט און שטעטלאַך, ישובים און לענדער. דאָס איז געווען די פּאַרטיי, וועלכער ער איז שולדיק געווען אַ דין־וחשבון. אין וואַרשע איז געווען דער קאָפּ פון אָט דער קאָנספּיראַטיווער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט טויזנט אויגן און פון וועלכע ער האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיך אויסבאַהאַלטן. ס'איז גענוג געווען, אַז אינם שטעטל, וואוהין מ'האָט אים אַוועקגעפירט פון זאַמעטשאָוו, האָט אימיצער אים איבערגעגעבן דעם באַפעל, וואָס איז דורך שליחים געגאַנגען פון מויל צו מויל:

— דניאל שטאַפּלער זאָל זיך באַלד צושטעלן צום פּאַרטייאישן צ. ק.

און דניאל שטאַפּלער האָט בלינד געפאָלגט.

ער איז געפאָרן קיין וואַרשע אויף אַ נייעם פּאַס, אונטער אַ נייעם נאָמען: דניאל שערער. ס'איז גוט געווען דאָס, וואָס מ'האָט אים כאָטש דעם ערשטן נאָמען איבערגעלאָזט; דאָס האָט געטרייסט; ער האָט נישט גע־

דאַרפט איינחזרן אַזאַ ווילד־פרעמדן נאָמען ווי דזשעק מון, נאָר ווי פריער, זיך רופן אומגעשטערט: דניאל. פשוט: דניאל.

פונדעסטוועגן האָט דניאל נישט געקאָנט, ווי יעדער מענטש, סתם זיך אויפזעצן אויף דער באַן און פאָרן קיין וואַרשע. פון דעם אַליץ־זעעוודיקן און אַליץ־הערעוודיקן קאָפּ איז געקומען דער פּאַראָל: פאָרזיכטיק, געפאַר! — און דניאל האָט נישט געגעכטיקט וואו געטאָגט און נישט גע־טאָגט וואו גענעכטיקט. ער איז געפאָרן, געגאַנגען, געלאָפן, אַפילו אויפן בויך זיך געשאַרט, אָבער כסדר זיך דערנענטערט צו זיין ציל.

אין איין שטעטל האָבן צו אים גענענט צוויי אומבאַקאַנטע יונגעלייט און אין פנים אַריינגעשושקעט:

— קום מיט אונז, חבר.

ס'איז געווען נאַכט. ביים שוואַכן שיין פון דער איינציקער לאַמטערנע אין אַ ראָג, האָט ער געזען צוויי פאָר ברענענדיקע אויגן אין מאָגערע פּני־מער. זיי זיינען געגאַנגען וואַוויליונגעריש, מיט די הענט אין די קעשענעס פאַררוקט, און איינער האָט צוגעפייפט אַ לידל.

— וואוהין פירט מען מיך?

זיי האָבן נישט געענטפערט. איינער האָט ווייטער געפייפט דאָס לידל, בעת דער צווייטער האָט געהאַט אַ פעסט־צונויפגעשנורט מויל, ווי די ציין וואָלטן אים געווען צונויפגעקריצט.

— חברים? — האָט דניאל געפרעגט.

— חברים — איז געווען דער ענטפער פון אַ פרעמד־קלינגענדיק קול. איינער האָט זיך מאָדנע צעלאַכט.

מ'איז געגאַנגען דורך שמאָלע, בלאָטיקע געסלאַך, דערנאָך דורך אַ ברייטן הויף און פינצטערע טרעפּ. זיי זיינען אַריין אין אַ קליין אויבער־שטיבל, מיט אַ פענצטערל צום דרויסנדיקן חושך. אַ נאַפטלעמפּל מיט אַן אָראָפּגעצויגענעם קנויט איז געהאַנגען אויף אַ נידעריק ווענטל, איבער אַ צעקרימט בעטל.

— דניאל שערער? — האָט אים אָנגעקוקט דער, וואָס האָט פריער דאָס לידל געפייפט.

— דניאל שערער — האָט ער געענטפערט.

— פּאָליציי זוכט דזשעק מון און די פּאַרטיי זוכט דניאל שערער — האָט ווידער גערעדט דער אומבאַקאַנטער יונגערמאַן, בעת זיין באַגלייטער האָט געקוקט אַ פינצטערער און דורכגעבויערט דניאלן מיט די בליקן. דניאלן

איז דערפון געוואָרן מאָדנע אומבאַקוועם. עפּעס האָט ער נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די צוויי מענער. ער האָט געמורמלט:

— צו דער פּאַרטיי גיי איך דאָך, חברים...

— מיר האָבן געהערט עפּעס אַנדערש: אַז דניאל שערער וויל זיך אַרויסדרייען.

דניאל האָט זיי אָנגעקוקט דערשטוינט. דער מענטש מיטן פּעסט־פּאַר־שלאָסענעם מויל האָט אין האַנט געהאַלטן אַ רעוואָלווער.

דער אָנבליק פונם טונקל־בלויען שטאָל האָט דניאלן אַ שטאָך געגעבן טיף אין האַרצן. זיינע ליפּן האָבן זיך קוים באַוועגט:

— וואָס... וואָס מיינט איר...?

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן בעטל. די צוויי מענטשן האָבן זיך צוגערוקט. אַ לאַנגער שטילשווייגן.

— איך גיי קיין וואַרשע! — האָט דניאל ענדלעך אויסגערופן מיט אַ פאַרשטיקטער שטים.

— דאָס איז אונזער פּאָדערונג — האָבן זיך געעפנט די פאַרשלאָסע־נע ליפּן. — גלייך קיין וואַרשע! מיין נישט, חבר, אַז דו וועסט זיך אַרויס־דרייען פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

דאָס רעוואָלווערל איז פאַרשוואונדן.

דניאל האָט יענע נאַכט געקראָגן אַ חסידישע קאַפּאָטע, אַ פּאָר אָפּגע־טראָגענע שטיוול און אַ שוואַרץ־סאַמעטן היטעלע. ער האָט זיך אָנגעטאָן. דער יונגערמאַן, וואָס האָט שוין ווידער געפייפט אַ לידל, האָט זיך צעלאַכט:

— איצט, חבר, זעסטו אויס אַזוי ווי דו ביסט: אָן אַ מאַסקע...

מ'האָט אים געגעבן אַ באַן־בילעט און אַוועקגעפירט צו דער סטאַציע.

— דאָ איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, חבר — האָט מען אים גע־זאָגט. — נישטאָ קיין שפּיצל אויף אַ רפואה.

דניאל האָט אַלץ געפאָלגט, ווי אַן אויטאָמאַט. ווי אין חלום, האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף דער באַן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס עס קומט אים אַזאַ באַהאַנדלונג. דאָס טונקעלע רעוואָלווערל, וואָס אַ חבר האָט געהאַלטן אָנגעשטעלט קעגן אים, האָט מיט דער קאַלטקייט פון שטאָל דורכגעבריט זיין נשמה. ער האָט עס לאַנג געזען פאַר די אויגן און געפּרואווט זיך דערקלערן דעם זין דערפון; אָבער אין אים האָט זיך געשפּרייט אַ שווע־רער נאַכטיקער נעפּל, אָן איין פונק, וואָס זאָל אים פירן. לסוף האָט אין זיין מוח זיך אַריינגעגנבעט אַ שמיץ פון אַ מחשבה, וואָס האָט זיך דאָרט

ביסלעכווייז אויסגעברייט און באַזעצט זיך אין אַלע ווינקעלאַך, אַרומ־שמייכלענדיק מיט אַ בייז קוקעלע:

„פאַררעטער"...

ער האָט זיך פאַרגיורעט אין דער חסידישער קאַפּאָטע און דערשפּירט די אומגעלומפּערטקייט פון די גרויסע, אָפּגעטראָגענע שטיוול.

— אַ פאַררעטער, דניאל...

די באַן האָט מיט לאַנגע, יאָמערלעכע פּייפּעררייען זיך געשניטן אין דער פינצטערניש. דאָס רעדער־גערויש האָט אים געוויגט מיט דערזעלביקער, בייז־קוקנדיקער און ביטער־שמייכלענדיקער מחשבה:

— אַ פאַררעטער, דער דניאל... דניאל שטאַפּלער... דניאל שערער אַ פאַררעטער...

פאַרטאָג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט נאָך אַ מאַטערנדיקן שלאָף און יענע מחשבה האָט זיך אַליין געפּלאָנטערט אין זיין מוח צוזאַמען מיטן טונקעלן אויפבליץ פון קאַלטן שטאָל. ער האָט זיך טיפער איינגעגניורעט אין דער חסידישער קאַפּאָטע און דערמאָנט זיך:

— „איצט, חבר, זעסטו אויס אַזוי ווי דו ביסט. אָן אַ מאַסקע"...

— וואָס האָט ער געמיינט דערמיט? — אָן אַ מאַסקע...

אין זיין צונויפגעשנורטער קעל האָט זיך געריסן אַ שטיקנדיק געברום:

— פאַרוואָס קומט עס מיר פאַרוואָס?!

און דאָס בייזע מחשבהלע האָט געכיכעט:

— פאַררעטער... דניאל אַ פאַררעטער...

קאפיטל ד.

א פּאַרטיי־משפּט

א גרויסער, רווישיקער הויף. טירן און פענצטער ארום און ארום. אינ־מיטן — א בלינדער קאטערינטשיק, וואס „קוקט" מיט אויסגערונענע אויגן צו די פענצטער, ציקלענדיק מיט זיין ארויסגעסטארטשעטן גארגל חזנישע טענער פון פאָלקס־לידער און ווארט אויף א נדבה.

שמאָלע טרעפּ. א טיר מיט א נומער. דניאל האָט שטיל אָנגעקלאפּט און ס'איז ארויסגעקומען א באיאָרטע, רויטהאָריקע אידענע מיט א באַוואקסענער בראָדעווקע אויף דער רעכטער באק.

— דאָ וואוינט עלקע דער שוסטער?

— דאָ איז עס, דאָ איז עס, יונגערמאן. קומט אריין. עלקע איז ארויס־געגאנגען, אָבער באלד וועט ער צוריקקומען. קומט אריין. זעצט זיך.

א צימערל אָן אָרימס. א קרום דאך־ פענצטערל. א בעטל, א שוסטער־טישל, עטלעכע אַלטע בענקלאך.

„אָט דאָס איז דער צ. ק.?" — האָט דניאל געשטוינט. ער האָט פאר־גליכן דאָס צימערל צו די גערוימע לאָקאלן און קאנצעלאריעס פון דער פּאר־טיי אין בערלין. אָבער באלד איז ער געקומען צו דער מסקנא: קאָנספּי־ראציע.

די רויטהאָריקע אידענע האָט אים איבערגעלאָזט אליין און ער איז געוועזן צופרידן דערפון. זי האָט אין אים נישט געוועקט די מינדסטע סימ־פּאטיע. איידער זי איז ארויס, האָט זי מיט קליינע, גרויל־גרינע און געל־באברעמטע אויגן אים באטראכט פון אויבן אראפּ און געשמייכלט, ווי זי וואָלט אים שוין לאנג געקענט. איצט האָט ער געהערט ווי זי גייט מיט איילנדיקע טריט און ווי טירן עפענען זיך און פארמאכן.

ער האָט געווארט לאנג, אפשר א שעה. דאָס ווארטן איז אים גיך נמאס געוואָרן און ער האָט אין אומגעדולד געשפּאנט איבערן קליינעם צי־

מער. אין אים איז געװאַקסן דער צאָרן און די באַלײדיקונג. ער האָט זיך געפילט װי אַן אַרעסטאַנט, און װי אַן אַרעסטאַנט האָט ער געלעכצט נאָך פרײַהײט.

ענדלעך האָט זיך באַװיזן עלקע דער שוסטער. אויך ער איז געװען אַ רויטהאָריקער, מיט גרוי־גרינע קעצישע אויגן. הויך, ברייטפּלייציק; שי־טערע, געקרײַזלטע האָר איבער אַ הויכן שטערן, אַ ביינערדיק, אָבער פאַר־צונדן פּנים. זײַנע שאַרפע קאַץ־אויגן האָבן אַ סעקונדע זיך אָפּגעשטעלט אויף דניאלן, אַ ברי געטאָן דורך און דורך, און מער האָבן זײ אויף אים נישט געקוקט.

— חבר דניאל שטאַפּלער, איאָ?

דניאל האָט זיך אַ שטעל געטאָן האַסטיק, װי געטראָפן פון אַן עלעק־טרישן שטראָם. ער האָט שוין לאַנג נישט געהערט דעם נאָמען. און ער האָט אויך נישט דערוואַרט, אַז דאָ, אינם פּאַרטײיאישן צ. ק., זאָל מען אים רופן „חבר”, נאָכדעם װי מ'האָט קעגן אים אָנגעשטעלט אַ רעװאָלװער, װי קעגן אַ פאַררעטער.

— יאָ, חבר, איך בין עס! — האָט ער אויסגערופן מיט פרייד.

— אַן אָנגעלייגטער גאַסט — האָט עלקע געשמייכלט און ווידער אָנגעשטעלט אויף אַ סעקונדע זײַנע קאַץ־אויגן. — איר װעט עסן מיט אונז מיטאָג, חבר שטאַפּלער. גוט?

ער האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, װי מ'נעמט טאַקע אַן אָנגע־לייגטן גאַסט, און אים אַװעקגעפירט איבער טונקעלע קאָרידאָרן און צי־מערן. אינם עס־צימער זײַנען געזעסן אַ סך מענטשן אַרום אַ גרויסן, װײס־געדעקטן טיש, און די רויט־האָריקע אידענע האָט זיך דאָרט געפּאָרעט, געקלונגען מיט טעלער און לעפל. אַ סך אויגן מיטאַמאָל האָבן זיך אָנ־געשטעלט אויף דניאלן. די אידענע איז פאַרשװאונדן און ס'איז געװאָרן שטיל. דניאל איז געװען צעמישט. ער האָט קוים געשפּירט, װי אימיצער האָט אים אַװעקגעזעצט בײַם טיש, קעגנאיבער אַ מאַן מיט אַ קורץ־געשוירן, אַריסטאָקראַטיש בערדל. ער איז געװאָרן אויפגעװעקט דורך אַ באַסאָװער שטים. דער װאָס האָט גערעדט, איז געװען אַ מענטש אין די פערציקער, מיט אַ קאַנטיק־ביינערדיקן פּנים און אַ ראַזירטן קאָפּ, װי פון אײנעם, װאָס איז נאָרװאָס אַרויס פון טורמע. זײַנע אויגן זײַנען געװען טיף־שװאַרץ, און די בליקן שאַרף, װי שפּיזן. ער האָט גערעדט אין דער דריטער פּערזאָן, און װי ער װאָלט געציילט די װערטער:

— חבר דניאל שטאַפּלער װעט אונז קודם־כל אָפּגעבן אַ באַריכט װעגן די געשעענישן, — אַ באַריכט אַ פולן, מיט אַלע פּרטים, נישט דורכלאָזנדיק

גאָרנישט. חבר דניאל שטאָפּלער דאַרף וויסן, אַז ער טראָגט אויף זיך אַ גרויסע און שווערע אחריות צו דער פּאַרטיי, אחריות פאַרן לעבן פון צוויי פון אונזערע בעסטע חברים, פאַר דער פרייהייט פון אַ סך אַנדערע און פאַר אונזער ווייטערדיקער טעטיקייט. חבר דניאל שטאָפּלער דאַרף אויך וויסן, אַז אונזער אַרבעט איז איצט זייער אַ שווערע, אַ געפערלעכע, אַ שטרענג־קאָנספּיראַטיווע און אַז מיר אַלע זיינען אויסגעשטעלט אויף געפאַר יעדן טאָג, יעדע מינוט, — און מיר קאָנען זיך דערפאַר נישט רעכענען מיט סענטימענטן. מיר דאַרפן אַ קלאָרע און אַ קאָנקרעטע תשובה אויף יעדער פראַגע, און ער, חבר דניאל שטאָפּלער, וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן וואָרט. זייט אַזוי גוט, חבר סעקרעטאַר, פאַרשרייבט. לאָזט גאָרנישט דורך פון די פראַגן און ענטפערס.

איטלעך וואָרט איז געפאַלן אויף דניאלן, ווי אַ שווערער שטיין. ער האָט זיך געפילט שולדיק, הגם נישט געוואוסט אין וואָס עס באַשטייט זיין שולד, אָט ווי אַ חדר־אינגל, וואָס ווייסט נישט פאַרוואָס מען שמייסט אים און וואָס מען וויל פון אים.

— חבר דניאל שטאָפּלער! — האָט, נאָך אַ מאָמענט אָנגעלאָדן שטיל־שווייגן, זיך דערהערט אַן אַנדער שטים. דניאל האָט אומזיכער אַ קוק געטאָן. די שטים איז געקומען כמעט פון קעגנאיבער, פון אַ יונגנמאַן מיט אַן אָדלערדיקן נאָז, וואָס איז געזעסן לעם דעם מיטן קורץ־געשוירענעם בערדל. — חבר דניאל שטאָפּלער! וואָס האָט איר געטאָן אין דעם מאָמענט, ווען חבר מנשה איז אַרויסגעלאָפן פון טורמע? ווי אַזוי האָט איר דעמאָלט גע־האַנדלט?

דניאל האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען, נאָר אין זיין מוח איז געווען אַ נעפּלדיקער מישמאש.

— איך... — האָט ער גענומען שטאַמלען און איז רויט געוואָרן. — כ'געדענק נישט... כ'האָב פאַרגעסן...

— איר מוזט ענטפערן קלאָר, צו דער זאַך, חבר! אייער פלאָנטערן זיך וועט אייך אויף אַ האָר נישט העלפן — האָט די באַסאָווע שטים באַמ־באַרדירט, ווי מיט שווערע שטיינער.

שטילשווייגן. מ'האָט געהערט דעם אָטעם פון די פאַרזאַמלטע מענטשן. באַלד־האָט דער פרעגער איבערגעחזרט וואָרט ביי וואָרט:

— וואָס האָט איר געטאָן, ווען חבר מנשה איז אַרויסגעלאָפן פון טורמע? ווי אַזוי האָט איר דעמאָלט געהאַנדלט?

דניאל האָט ווידער געשטאַמלט.

ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ בלאָנדער, בלוי־אויגיקער יונגערמאַן, מיטן אויסזען פון אַ גוטמוטיקן סטודענט.

— חבר פּאָרזיצער! — האָט ער אויסגערופן. — די חברים דאַרפן נעמען אין אַכט די סיטואַציע און דעם פּסיכאָלאָגישן מצב, אין וועלכן חבר דניאל שטאָפּלער געפינט זיך. ער איז מיד פון וועג, פון איבערלעבונג. גיט אים צייט צו ענטפערן אויף די פראַגעס. איך בעט, מ׳זאָל אים דער־לויבן צו ענטפערן שריפטלעך.

— קיין שריפטלעכער ענטפער קאָן דאָ נישט גילטן — האָט פעסט געזאָגט דער מיט דער באַסאָוועד שטים. — די זאַך איז צו ערנסט און צו טראַגיש און זי מוז באַלד אויפגעקלערט ווערן.

דניאל האָט געקוקט מיט דאַנקבאַרקייט אויף זיין פאַרטיידיקער. יענע מענטשלעכע ווערטער האָבן געווירקט ווי באַלזאַם אויף די וואונדן פון זיין נשמה און ווי אַ כשוף־שפּרוך אויף זיין זכרון. מיטאַמאָל איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען ריידן:

— חברים, איך ווייס זייער גוט די אחריות, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען און וואָס ליגט אויף אונז אַלעמען גלייך. חברים, איך האָב מפקיר געווען מיין לעבן פאַר דער פּאַרטיי און בין גרייט עס מפקיר צו זיין ווייטער און זיך אונטערוואַרפן אַלע אייערע באַשלוסן. איך בין נישט שול־דיק, חברים, איך האָב געהאַנדלט אַזוי ווי איך האָב געמוזט האַנדלען. איך האָב בלויז געטאָן דאָס, וואָס חבר ווילי האָט געהייסן.

זיינע ווערטער האָבן, קענטיק, געמאַכט אַן איינדרוק, און ער האָט נאָך געוואָלט ריידן און ריידן, אָבער די באַסאָווע שטים פונם פאָרזיצער האָט ווידער אַ שטיין אַריינגעוואָרפן:

— צו דער זאַך, חבר. ענטפערט אויף די פראַגן. קורץ און קלאָר.

צום דריטן מאָל איז די ערשטע פראַגע איבערגעחזרט געוואָרן:

— כ׳בין אַנטלאָפן צוזאַמען מיט חבר ווילי היימאַן — האָט דניאל געענטפערט קורץ און טרוקן, ווי מ׳האָט ביי אים געפאָדערט.

— וואוהין זייט איר געלאָפן?

— צום וואַלד, אַזוי ווי מ׳האָט געהאַט אָפּגערעדט.

— אָפּגערעדט מיט וועמען?

— מיטן שליח פון וואַרשע.

— און וואָס האָט דעמאָלט געטאָן חבר מנשה?

— געגוי קאָן איך נישט זאָגן. כ׳האָב אים נישט געקענט און ס׳איז געוואָרן אַ מישמאַש. דאַכט זיך, ער איז געלאָפן צום וואַסער. שפּעטער האָט

מען מיר דערציילט, אַז דאָרט איז געווען אָנגעגרייט אַ לאַדקע.

— האָט מען אייך נאָכגעשאָסן?

— יאָ, חבר, מ'האָט געשאָסן אַרום און אַרום. איך גלויב, חברים, אַז דער גאַנצער פּלאַן איז געווען אַ שלעכטער — האָט ער צוגעגעבן, אַראָפּלאָזנ־דיק די אויגן. — מ'האָט עס געדאַרפט מאַכן ביינאַכט, נישט אינמיטן העלן טאָג.

— איז געווען אַ שטאַרקע וואַך אין טורמע בעתן אַנטלויפן פון חבר מנשה?

— איך ווייס נישט. ווילי האָט מיר געזאָגט, אַז כמעט אַלע סאָלדאַטן זיינען אַוועק אויף אַ פּראָצעסיע. ס'איז געווען דער יום־טוב פון 3־טן מאַי, אַ מיליטערישער פּאַראַד. אָבער מיטאַמאָל האָט מען גענומען שיסן פון אַלע זייטן.

— צי האָט איר געזען אַ פּאָן איבערן וואַסער אײדער איר זייט צוגע־קומען צו דער טורמע?

— אַ פּאָן? ניין, כ'האָב גאָרנישט געזען.

— האָט איר נישט געקוקט צום וואַסער? האָט איר נישט געזוכט די פּאָן איבערן וואַסער?

— ניין, ס'איז מיר נישט איינגעפאַלן. קיינער האָט מיר גאָרנישט גע־זאָגט וועגן קיין פּאָן. ווילי האָט עס קיינמאָל נישט דערמאָנט.

— הייסט עס, אַז ווילי האָט אויך נישט געוואוסט פון דער פּאָן? — איז געקומען אַ פראַגע פול מיט פאַרוואונדערונג.

— מסתמא נישט. אַזאַ זאַך וואָלט ווילי מיר געזאָגט פריער.

צווישן די פאַרזאַמלטע איז געוואָרן אַ טומל. מ'האָט גערעדט צווישן זיך, דיסקוטירט, געהיצט זיך. באַזונדערס האָט זיך געקאָכט דער מאַן מיטן קורץ־געשווירענעם בערדל:

— קלאָר, אַז ס'איז געווען פאַרראַט. קלאָר, אַז ס'איז געווען פאַרראַט.

— רואיק, חברים! — האָט די באַסאָווע שטים אַ דונער געטאָן. — חבר, זעצט־פאָר.

— איר זאָגט, אַז איר און חבר ווילי היימאַן זייט געלאָפן צום וואַלד. האָט מען געהאַט אָפּגערעדט וואו זיך צו טרעפן אין וואַלד?

— זיכער אָפּגערעדט! איך געדענק עס זייער גענוי. מיר זיינען געלאָפן מיט אַ סטעזשקע צווישן קאָרן און דער טרעף־פונקט האָט געדאַרפט זיין נאָך פינף מינוט גאַנג אין וואַלד, גלייך קעגנאיבער דער סטעזשקע.

— און וואָס איז געשען ווייטער?

— מיר זיינען געגאַנגען פינף מינוט, צען מינוט, אפשר א האַלבע שעה, און קיינעם נישט געטראָפן.

— קלאָר, אַז ס'איז געווען פאַרראַט! — האָט זיך ווידער געקאָכט דער מיטן קורץ־געשוירענעם בערדל. דאָס וואָרט „פאַרראַט" האָט געגומען הילכן אַרום און אַרום דעם טיש. די באַסאָווע שטים פונם פּאָרזיצער האָט גערופן צו אָרדנונג, זיך געבייזערט, אַלעמען אַריבערגעשריען, און ווען מ'האָט זיך ענדלעך אביסל בארואיקט, האָט ער געזאָגט מיט אַ פינצטערער מינע:

— חברים, איך פאַרגעסט אוודאי, אַז מיר זיינען אומלעגאַל. מיט אַזאַ טומל קאָנען מיר אַריינפאַלן אין אַן אומגליק. איך בעט נישט צו מאַכן מער קיין קאָמענטאַרן און נישט צו שטערן די אויספאָרשונג. אויב נישט, וועל איך זיין געצוואונגען צו שליסן די זיצונג.

ס'איז געוואָרן שטיל. אויף די וויטערדיקע ענטפערס פון דניאלן, האָט זיך ווידער געפּרוואווט אָנהויבן דער טומל, אָבער דעם פּאָרזיצערס קול האָט גיך בארואיקט די פאַרזאַמלטע, און דערנאָך האָט ער אַ סך גערעדט וועגן דעם חבר לייבל חיימאָוויטש אָדער ווילי היימאַן, וועלכער געפינט זיך אין דעם מאָמענט אין אַ מאַרטירער־קאַמער, וואו מ'זוכט אומזיסט אויסצו־פּרעסן ביי אים דעם אמת.

— אַזעלכע חברים ווי לייבל חיימאָוויטש — האָט ער געזאָגט שטיל און פינצטער — גיבן אונז מוט און אויסדויער. קיין ווילי היימאַנס פאַרראַטן נישט, מעג מען זיי אפילו דרייען אויף די רעדער פון דער אינקוויזיציע. צו אונזער אומגליק, מוזן מיר אָבער צוגעבן, ליבע חברים, אַז די טעג פון לייבל חיימאָוויטש זיינען געציילטע. זיין צושטאַנד איז אַ האָפנונגלאָזער. ער האָט געלעבט ווי אַ העלד און ער שטאַרבט ווי אַ מאַרטירער. ער איז געווען אייזנפעסט אין די טעג פון שווערסטן קאַמף; אייזנפעסט איז ער אויך איצט, אין די נעגל פון דער ווילדער סאָלדאַטשינע און פון דער פּאָליציייאַי־שער בעסטיע פונם רעאַקציאָנערן פּוילן; און פּונקט אַזוי אייזנפעסט וועט בלייבן דער קעמפערישער גייסט, וואָס ער לאָזט איבער אין אונזער פּאַרטיי, סיי ביי אונז דאָ, סיי ביי די חברים אין דייטשלאַנד.

דניאל איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פאַרמאַטערט פון דעם לאַנגן פאַרהער, און דאָס בילד פון ווילי היימאַן האָט געשוועבט פאַר זיינע פייכט־געוואָרענע אויגן. ער האָט זיך געפילט שולדיק פאַר דער לאַגע, אין וועלכער ווילי האָט זיך געפונען, כאָטש פון דעם פאַרהער איז אַלץ מער קלאָר געוואָרן, אַז נישט ער איז שולדיק, נאָר אימיצער אַנדערש — אפשר גאָר דער שליח, וואָס די פּאַרטיי האָט געשיקט פון וואַרשע; אפשר דער

גוי, וואָס יאַנעק האָט זיין הויז אונטערגעצונדן. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט גרינגער געמאַכט דעם פּאַק פון אחריות, וואָס איז אָנגעהאַנגען געוואָרן אויף דניאלס פּלייצעס. ער האָט זיך בלויז געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז ס'איז געשען אַן אומגליק, וואָס ער, דניאל, האָט נישט געקאָנט פאָראויסזען; „אַ שלימזלדיקע אונטערנעמונג געווען".

די רויטהאָריקע אידענע האָט אַריינגעבראַכט גריץ, שוואַרצן ברויט און טיי. דער עולם האָט געזופּט פון די גלעזער, געקייט די שטיקער ברויט און דיסקוטירט צווישן זיך. דניאל האָט זיך צום עסן נישט צוגערירט. ער האָט נאָכאַנאַנד געענטפערט אויף פראַגעס, וואָס מ'האָט אים געשטעלט פון אַלע זייטן. אַ סך פון די פראַגעס האָבן זיך, ווי פיילן, אַריינגעשטאָכן אין זיין האַרץ, און ער האָט זיך אַלץ געווערט, אָפּגעשלאָגן די פיילן.

די אויספאָרשונג איז נישט געווען פאַרענדיקט. נאָכן אָפּעסן האָט דער פאָרזיצער געמאַכט אָרדנונג און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע מאַטערניש פאַר דניאלן. איצט האָבן די פראַגעס זיך געדרייט אַרום זאַמעטשאַוו.

— איר האָט געזאָגט, חבר שטאַפּלער, אַז איר האָט נישט געהאַט קיין דירעקטע פאַרבינדונג מיט דער פּאַרטיי און אין אַלע ענינים האָט איר זיך פאַרלאָזט אויף חבר ווילין. גוט, מסכים. אָבער פאַרוואָס זייט איר נישט געקומען צו אונז באַלד, ווען אונזער שליח האָט אייך געוואָלט מיטנעמען קיין וואַרשע? פאַרוואָס זייט איר אַראָפּגעשפּרונגען אינמיטן וועג?

— אין זאַמעטשאַוו האָט געזאָלט פאָרקומען אַ פּאָגראָם. כ'האָב גע־דאַרפט אָנזאָגן, ראַטעווען דאָס שטעטל.

— אונזער שליח האָט אייך פאַרזיכערט, אַז קיין פּאָגראָם וועט נישט פאָרקומען. האָט איר אים נישט געגלויבט, נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אים?

— ניין! — האָט דניאל געזאָגט פעסט.

— פאַרוואָס האָט איר קיין צוטרוי נישט געהאַט?

— ווייל ער... ווייל ער איז אַן אַנטיסעמיט! און ער האָט מיך געשלאָגן.

— געשלאָגן? און איר האָט אים נישט געשלאָגן?

— איך האָב זיך פאַרטיידיקט, ווייל ער האָט מיך געוואָלט דערשטיקן.

— חבר יאַנעק האָט אייך באַשולדיקט אין פאַרראַט, און ער האָט אויף דעם באַוויזן. וואָס האָט איר צו זאָגן דערצו?

— איך בין נישט קיין פאַררעטער... נישט קיין פאַררעטער...! — האָט דניאל געשיפּעט און זיינע אויגן האָבן זיך אויסגעבריט אין טויט־שרעק.

— צי ווייסט איר, חבר, אַז צוליב אייער שולד זיינען אַרעסטירט גע־וואָרן פינף פון אונזערע חברים אין זאַמעטשאַוו?

— אַרעסטירט? צוליב מיר?

— יאָ, צוליב אייך! איר האָט אַראָפּגעבראַכט אינם שטעטל די זשאַנ־דאַרמעריע. וואָס האָט איר צו זאָגן וועגן דעם?

אַן אָנגעלאָדענע שטילקייט איז געהאַנגען אינם צימער. דניאל האָט זיך אויפגעריסן ווי פון הינערפלעט:

— איך נישט, חברים... איך נישט...

— טאָ ווער דען? צי האָט איר נישט גערעטן, מ'זאָל קיין זאַמעטשאַוו ברענגען פּאָליציי, צוליב די פּאָגראָמשטשיקעס?

— ניין... ניין... — האָט דניאל געשעפּטשעט. — איך בין געווען קראַנק, געלעגן אַ פאַרחלשטער... כ'האָב געוואָלט ראַטעווען די אידן פון שטעטל...

— האָט איר געשטעלט די אידן פון זאַמעטשאַוו העכער פון אייער פּאַרטיי־דיסציפּלין, האַ? — האָט דער פּאָרזיצער אַ וואָרף געטאָן אַ שווערן שטיין מיט זיין באַסאָווער שטים.

— איך ווייס נישט, חברים... איך ווייס נישט... — האָט דניאל גע־פּליסטערט, און דער פּאַק פון אחריות איז געוואָרן אַלץ גרעסער אויף זיין פּלייצע.

— און דאָס איז נישט אַלץ, חבר! — האָט דער פּאָרזיצער געדונערט. — ווען איר זייט דורכגעפאַלן מיט דער פאַראַנטוואָרטלעכער פּאַרטיי־שלי־חות, איז זי אייך מער נישט אָנגעגאַנגען. איר זייט פּלוצים געוואָרן אַ פרו־מער איד. ווען איר זייט דאָרט געלעגן באַהאַלטן, אונטערן שוץ פון אונזערע חברים, האָט איר געזאָגט תהילים און זיך געשלאָגן על־חטא, ווי אַ נאַ־רישער, פאַנאַטישער יונגערמאַנטשיק. מיר ווייסן אַלץ! מיר זיינען גוט איני־פאָרמירט, חבר שטאָפּלער. אמת, מיר קאָנען נישט באַווייזן, אויב איר האָט געבראַכט פּאָליציי אָדער איר האָט בלויז געווירקט מיט אייער האַנדלונג, אַז זאַמעטשאַוו זאָל ווערן אָנגעפילט מיט זשאַנדאַרמעריע און מיליטער. אָבער איינס איז זיכער: אַז איר האָט געהאַנדלט ווי אַ פּחדן, ווי אַ חדר־אינגל, און נישט ווי אַ רעוואָלוציאָנער. אַנשטאָט זיך צו ווענדן דירעקט צו חברים, האָט איר זיך געווענדט צו גאָט און צו דער פּוילישער רעאַק־ציאָנערער מאַכט, און דורך אייער האַנדלונג זיינען חברים אריינגעוואָרפן געוואָרן אין קאַרצער! איר האָט געבראָכן די דיסציפּלין פון דער פּאַרטיי, נאָכ־

דעם ווי אויף אייער געוויסן איז געלעגן די שווערסטע פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט: דאָס לעבן און די פרייהייט פון צוויי פון אונזערע בעסטע טוער און קעמפער!

דניאל, פול מיטן באַוואוסטזיין פון זיין שולד, איז געווען באַגאָסן מיט קאַלטן שוויים. זיינע ליפּן האָבן נערוועז געציטערט. ער האָט געוואָלט רעדן, רעדן, אָבער ס'איז נישט אַרויסגעקומען קיין קול.

קאפיטל 8.

די שטראָף

אויך יאַנעק איז צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער נישט־געלונגענער אוואַנטורע. די זינד, אין וועלכער ער איז באַשולדיקט געוואָרן, איז געווען זייער אַ שווערע: ערשטנס, האָט ער נישט איבערגעגעבן ווי געהעריק די פּאַרטיי־אינסטרוקציעס צו די בערלינער חברים, וואָס האָבן געדאַרפט העלפן דעם חבר מנשה אַנטלויפן און אַריבערגייען די דייטשע גרע־נעץ; צווייטנס, האָט ער נישט אויסגעקליבן קיין פאַרטרויאונג־מענטשן און דאָס האָט געפירט דירעקט צו פאַרראַט; דריטנס, איז ער אַנטלאָפן פונם דאָרף אויף אַזאַ מגושמדיקן אופן, אַזוי „כאַמיש״, און דערצו נאָך אונטער־געצונדן דאָס דאָרף און אַרויסגעגנבעט אַ וואָגן מיט צוויי פערד, — אַז קינד און קייט האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער איז פאַרמישט געווען אין דער שלימזלדיקער אונטערנעמונג. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז פּאָליציי זאָל קערן וועלטן אים צו געפינען און צוזאַמען מיט אים אויך די פירער פון דער פּאַרטיי. דורך דעם אַלעם האָט זיך געשאַפן אַן אומדערלאָזבאַרע לאַגע. דער צ. ק. האָט זיך געביטן פון לאָקאַל צו לאָקאַל. די אַרכיוון זיינען געלעגן ערגעץ באַגראָבן. די הויפּט־טוער פון דער פּאַרטיי האָבן זיך נישט געקאָנט צוזאַמענקומען און אַפילו זיך נישט ווייזן אין גאַס. יעדן טאָג האָט מען דורכגעפירט אַרעסטן פון פאַרדעכטיקע מענטשן, און אומשולדיקע האָבן זיך געמאַטערט אין די קאַמערן פון פּאַוויאַק.

פונדעסטוועגן האָט מען נישט אויפגעגעבן די אויספאָרשונג. יאַנעק האָט זיך געמוזט אויפהאַלטן אין אַ שטעטל, ווייל דער צ. ק. האָט אים שטרענג פאַרזאָגט, ער זאָל זיך נישט ווייזן אין וואַרשע. אין יענעם שטעטל האָט מען אים אויסגעפרעגט דורך אַ ספּעציעלן שליח. דער שליח האָט גע־בראַכט אַ באַריכט, אַז יאַנעקס מוח איז „געבליבן אַזוי כאַמיש ווי געווען״, איידער ער איז געוואָרן אַ פאַרטרויאונג־מענטש פון די רעוואָלוציאָנערן.

דער שליח האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז יאַן האָט זיין אַרבעט נישט דורכגעפירט מיט בייזוויליקייט, אָבער ער האָט „פּאַרקאַכט די ריכטיקע קאַשע", און מ'האָט נישט געקאָנט זיכער זיין מיט זיינע ווייטערדיקע מעשים. די רעוואָלוציאָנערע פירער האָבן דערפאַר זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן וואָס צו טאָן מיט יאַנעקן. איינעקע האָבן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף אים אַוועקפירן צו דער רוסישער גרענעץ און אים „אַריבערוואַרפן"; אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מ'דאַרף אים שיקן איבער דער דייטשער גרענעץ. נאָר צוויי פּוילישע חברים האָבן פאַרזיכערט, אַז האָבן צוטרוי צו יאַנעקן קאָן מען בלויז אויף יענער־וועלט... דניאַלן האָט מען דערציילט וועגן אַט די אַלע מיינונג־פאַרשיידנהייטן און ער האָט אויך געזען די צוויי שטרענגע פּוילישע פּאַרטייטוער. הגם ער האָט געטראָגן אַ שנאה קעגן יאַנקען, האָט ער נאָך מער שנאה געטראָגן אויף אָט די צוויי קטיגורים פון דער באַוועגונג: איינער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גרויסשטאָטישן פּריץ; אַ הויכער, אַ בלאָנדער, מיט שפּיציקע וואָנסעס, ווי דורכצושטעכן, וואָס מסתמא האָט ער זיי געדאַרפט האָבן צו מאַכן אַ רושם אין געוויסע קרייזן. דער צווייטער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין עלקע דעם שוסטערס שטוב, און איז געגאַנגען אין גאַס נאָר ביינאַכט, האָט אויסגעזען ווי אַ דאָרפישער „כלאָפּ", — אַ יונג ווי אַ מויער, מיט אַן אייזערנער גבורה אין די מוסקולן; מ'האָט געזאָגט, אַז ער איז זייער אַ כיטרער און אַן איבערגעגעבענער רעוואָלוציאָנער. פונדעסטוועגן האָט דניאל נישט געהאַט צו אים דעם מינדסטן צוטרוי. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט דער יונג וואָלט אויך געוועז פּעאיק צו טאַנצן אַרום אַ שוואַרצן צלם און זיך אַ לאָז טאָן מיט אַ קאָסע אויף אַ אידיש שטעטל.

דניאַלן האָט מען געהאַלטן אין עלקעס שטוב. אונטן האָבן זיך אַרומגעדרייט שפּיצלאַך און אין שכנותדיקע הייזער זיינען שוין פאָרגעקומען רעוויזיעס; פונדעסטוועגן איז דאָס הויז געוועזן זיכערער ווי אַנדערע און פון דאָרט האָט מען גרינג געקאָנט אַנטלויפן איבער דעכער און הויפן.

דניאל האָט גוט געוואוסט, אַז דאָס וואָס מען רעדט וועגן יאַנעקס ווייטערדיקן גורל, רעדט מען אויך וועגן זיין אייגענעם גורל. מ'האָט אפשר געדאַרפט פּטור ווערן פוןביידן, כדי אָפּצומעקן יעדן שפּור פון דער נישט־געלונגענער אַוואַנטורע. דער חבר מיטן אויסזען פון אַ גוטמוטיקן סטודענט, וועלכער האָט אים פאַרטיידיקט בעת דער אויספאָרשונג, האָט אים דערציילט וועגן יאַנעקן און אַז איינעקע ווילן זיי צונויפפירן אויג אויף אויג, כדי אויפצוקלערן עטלעכע פּרטים. דניאל האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט מיט סטאָישער רואיקייט און דערביי איז אין זיין מוח געבוירן געוואָרן אַ מאָראַדיקער געדאַנק. ער האָט דעם געדאַנק אונטערדריקט, ווייל אפילו במחשבה

האָט ער נישט געוואָלט באַליידיקן די פּאַרטיי, וואָס האָט אים געמשפּט, און דעם אידעאַל, פאַר וועלכן ער האָט זיך מקריב געווען. דער געדאַנק איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ווען מ׳וועט אים טאַקע צונויפּפירן מיט יאַ־גנקן, וועט מען פּטור ווערן פון ביידן מיטאַמאָל... פּשוט דערמאָרדן!

ער האָט אַזאַ מחשבה נישט געוואָלט צולאָזן, אָבער אין עלקע דעם שוסטערס שטוב האָט ער זיך געפילט ווי אַן אַרעסטאַנט און אָפּט ווי אַ פאַרמשפּטער צום טויט. ער האָט נישט געטראָגן קיין שנאה אויף זיינע שופ־טים, אָבער ס׳האָט אים אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אים אַריינגעשפּיגן אין דער טיפעניש פון זיין נשמה און ווי אימיצער וואָלט מיט אַן אכזריותדיקער האַנט אָפּגעמעקט זיין פּערזענלעכקייט, זיין „איך" — אָט דעם „איך" זיי־נעם, וועלכער איז גרייט געווען אומצוקומען פאַר דער באַפרייאונג פון דער וועלט, אָבער אומקומען מיט זיין אייגענעם ווילן. איצט האָט ער געמוזט אונטערדריקן זיין ווילן, זיין געדאַנק און געפיל. ער איז געוואָרן גלייכגיל־טיק צו אַלץ, צו אַלעמען און צו זיין אייגענעם גורל. ס׳האָט אים אפילו נישט געאַרט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מ׳טראַכט ווי אַזוי אים צו מאַכן אומשעדלעך פאַר דער פּאַרטיי. אין פלוג, האָט ער דער פּאַרטיי געגעבן רעכט אַזוי צו טראַכטן.

און פּונקט אַזוי, איז ער אויך געבליבן גלייכגילטיק, ווען זיין פּאַר־טיידיקער האָט אים געטרייסט, פאַרזיכערנדיק, אַז נישט אַלע זיינען אַזוי פאַרביסן קעגן אים; אַז וואָס מער עס ווערט באַוויזן יאַנעקס פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דעם דורכפאַל, אַלץ בולטער ווערט זיין, דניאלס, אומשולד, און אַז ס׳איז מעגלעך, אַז גאָר אַיינגיכן וועט מען אים צוריקשיקן איבער דער דייטשער גרענעץ.

איינמאָל איז געקומען דער יונגערמאַן מיטן גוטמוטיקן פּנים פון אַ סטודענט און האָט אים געזאָגט:

— כ׳האָב פאַר דיר אַ נייעס גאָרנישט קיין אָנגענעמע, חבר. נאָר זיי נישט אומעטיק. אַ רעוואָלוציאָנער, ברודער, דאַרף האָבן מוט.

דניאל האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פרעגנדיקן בליק, אָבער ער איז געווען רואיק.

— ביסט געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי.

דניאל האָט נישט פאַרשטאַנען.

— ביסט אויסגעשלאָסן אויף אַ יאָר צייט. אַ מילדע שטראָף, חבר, זייער אַ מילדע.

דניאל האָט אומעטיק געשמייכלט, אָבער קיין וואָרט פון פּראָטעסט איז נישט אַרויסגעקומען פון זיין מויל. קענטיק, אַז אָט דער שמייכל האָט

שטאַרק געריהרט דעם חבר מיטן סטודענטישן אויסזען. ער האָט אים געטרייסט:

— איך פאַרשטיי, ברודער, איך פאַרשטיי. ס'איז אַ שווערער קלאַפּ פאַר אַ רעוואָלוציאָנער. ס'איז ווי אויסגעריסן אַ שטיק נשמה. אָבער דער־מיט האָט די פּאַרטיי דיר געגעבן אָנערקענונג, חברל. אָט וועל איך עס דיר צעקייען — האָט ער געזאָגט מיט אַ גמרא־ניגון. — ווען די פּאַרטיי זאָל גלויבן, אַז דו ביסט באמת אַ פאַררעטער, וואָלט זי דאָך געפונען אַן אַנדער מיטל ווי אַזוי דיך צו באַשטראָפן; מ'וואָלט דיך געקאָנט אוועקלייגן און אַ פויגל זאָל קיין פּיפּס נישט טאָן. אלא וואָס דען? די פּאַרטיי ווייסט טאַקע, אַז דו ביסט אַ גוטער חבר, אַן איבערגעגעבענער חבר, אַ העלדישער חבר, —אָבער אַזאַ חבר איז ווערט אַ שטראָף, וואָס זאָל טאַקע זיין אַ שטראָף אַ שווערע, אַ שטראָף, וואָס זאָל אים ווי טאָן ביזן ביין, אָבער וואָס דורך איר זאָל ער אין דער צוקונפט ווערן נאָך אַ בעסערער חבר און אַ מער אי־בערגעגעבענער קעמפער ווי ער איז היינט.

נאָך אָט דער דרשה מיטן ניגון פון פּילפּול, האָט ער צוגעגעבן:

— אָט דאָס איז דיין סיטואַציע, דניאל. איך מיין, אַז דו מעגסט זיין צופרידן פון אַזאַ פּסק.

דניאל האָט אויסגעהערט כמעט גלייכגילטיק, מיט דעמזעלביקן אור־מעט־שמייכעלע, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף זיין פּנים. פּלוצים האָט ער געפרעגט:

— ווי אייגנטלעך רופט מען אייך, חבר?

— וואָס, דו ווייסט נישט ווי מ'רופט מיך? — האָט דער בשורה־טרע־גער געשטוינט. — דו ווייסט נישט, אַז איך בין חבר מאַריץ, פון צ. ק., וואָס קינד און קייט קען מיך?

— אָ, יאָ, אַנטשולדיקט... חבר מאַריץ... נישט געדענקט.

— הער, חברל, מיך זאָלסטו נישט אירצן; כ'האָב פיינט, אַז מען אירצט מיך — האָט חבר מאַריץ געזאָגט אַביסל ברוגז, און מ'האָט נישט געקאָנט וויסן, אויב ער איז באַליידיקט פונם אירצן אָדער פון דעם וואָס דניאל האָט אים נישט געקענט ביים נאָמען. — איך דוץ זיך טאַקע נאָר מיט אייגענע חברים; אָבער דו, דניאל, ווערסט נאָך ביי מיר אויך פאַר־רעכנט ווי אַ חבר, נישקשה, כאָטש די פּאַרטיי האָט דיך אויסגעשלאָסן...

ביידע האָבן געשוויגן. אַנשטאָט זיי צו דערנענטערן, האָט דאָס אָפּי־ציעלע דוצן זיך — אָט דער „דו"־באַפעל, וואָס איז געקומען פון דער פּאַרטיי, — אוועקגעשטעלט צווישן זיי אַ מחיצה. מאַריץ האָט זיך גענו־מען לאַנגווייליקן און זיך געקליבן אוועקצוגיין.

— וואַרט נאָר אַ מינוט — האָט דניאל אים פאַרהאַלטן. — אפשר קאָן מיר חבר מאָריץ דערקלערן פאַרוואָס מ׳האַלט מיך נאָך דאָ?

דניאל האָט אויסגעמיטן צו ריידן צו אים אין דער צווייטער פּערזאָן, בכדי אים נישט צו מוזן דוצן.

— מ׳וויל דיך נישט אויסשטעלן אויף געפאַר, חברל. וועסט דאָ זיין אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט קאָנען אַריבערגיין די גרענעץ.

— צוריק קיין דייטשלאַנד?

— נו, יאָ, וואָס פאַר אַ פראַגע! וואָלסט בעסער געוואָלט צו די רוסישע חברים, העט? אָ, גוטער ברודער, דאָרט וואָלסטו אין פעסל געזעסן פאַר אַזאַ געשיכטע. אָדער מ׳וואָלט דיך גאָר אָפּגעפּטרט, איינס און צוויי און פאַרטיק אַן עסק. אָבער צו דער רוסישער גרענעץ איז אַצינד נישט אַזוי גרינג צוצו־קומען. האָסט מזל, חברל.

אַן אינטימע פראַגע

מאָריץ האָט מיט די רייד זיך געלאָזט צו דער טיר, נאָר קווענקלענדיק זיך צוריקגעקערט און זיך געזעצט קעגנאיבער דניאלן. אין זיינע בלויע אויגן האָט געשאָטנט אַן ערנסטע מחשבה. ער האָט לייכט אָנגענומען דניאלס האַנט און מיט רחמנות אים אַריינגעקוקט אין פּנים:

— הער נאָר, ברודערל. כ׳האָב שוין לאַנג געהאַט בדעה זיך דורכצו־שמועסן מיט דיר, נאָר ס׳האָט זיך אַלץ נישט געמאַכט קיין געלעגנהייט. איך מיין... קעגן דער באַשולדיקונג וועגן דיין שוואַכקייט... דיין פּחדנות... האָב נישט מורא, חבר. איצט שטייסטו נישט פאַר קיין אויספאָרשונג און פאַר קיין ריכטער. מעגסט זאָגן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת...

— איך זאָג שטענדיק דעם אמת, חבר מאָריץ.

— יאָ, איך גלויב דיר, חברל, איך גלויב דיר. ביסט מיר געווען סימ־פּאַטיש פונם ערשטן מאָמענט אָן. דערקלער־זשע מיר. איך פאַרשטיי נישט... כ׳מיין: די מעשה זאַמעטשאָוו.

—וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין?

— אָ, יאָ, אַ סך. כ׳ווייס, אַז דו ביסט אַן אידעאַליסט, אַ קעמפער, אַ רעוואָלוציאָנער מיטן גאַנצן הארצן. טאָ וואָס איז פאָרגעקומען מיט זאַ־מעטשאָוו? פאַרוואָס ביסטו נישט געפאָרן מיט אונזער שליח פאַרוואָס?

— כ׳האָב שוין דערקלערט פאַרוואָס — האָט דניאל געענטפערט פינצ־טער, אומצופרידן מיט דער נייער אויספאָרשונג. — אין זאַמעטשאָוו האָט געזאָלט פאָרקומען אַ פּאָגראָם.

— גוט, ברודער, דאָס פאַרשטיי איך נאָך אויך. אָבער דאָרט איז געווען

עפּעס... עפּעס אומדערקלערבאַרס... כ׳מיין דיין גאַנצע האַנדלונג אינם שטעטל... מיר האָבן דאָך אַ פולן באַריכט, אַ פּאַרטרוילעכן... דיין אַוועק־פאָלן דאָרט פאַר אַ רבי... דיין גאָט בעטן אינמיטן דרינען, ווען דו ביסט געלעגן אין אונזער חברים שטוב...

— איך ווייס נישט וועגן דעם — האָט דניאל געענטפערט אביסל פאַר־שעמט. — אפשר ווען איך בין געלעגן באוואוסטלאָז... אפשר דעמאָלט...

— יאָ, חבר, אָבער דו ווייסט דאָך ווי מ׳זאָגט: וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז ביי אַ שיכור אויף דער צונג. און דו ביסט דעמאָלט גע־ווען ווי אַ שיכור... יאָ, חבר, דעמאָלט האָסטו אַוודאי דעם אמת געזאָגט... מער ווי איצט... איך בין אַ שטיקל פּסיכאָלאָג... פאַרשטיי זיך אויף מענטשן.... האָסט דעמאָלט געזאָגט דעם אמת צו זיך אַליין, אין דיין אייגענער נשמה, אַזוי צו זאָגן... ס׳איז געקומען פון דער טיף פון דיין באוואוסטזיין... איך וואָלט זאָגן: פון דיין אונטערבאַוואוסטזיין. דעמאָלט האָסטו דיין אמת אַרויסגעבראַכט אינגאַנצן נאַקעט... אַנו, זאָג, זיי מודה: גלויבסט אין גאָט?

דניאל איז געבליבן געפּלעפט פון דער פראַגע. באַלד האָט ער זיך גע־כאַפּט:

— אַ צו אינטימע פראַגע, חבר מאַריץ. די פּאַרטיי דאַרף טאַקע וויסן אַליץ, וואָס אין מיר טוט זיך?

— קודם־כל, דניאל, פרעגט דיר דאָ נישט די פּאַרטיי, נאָר איך, חבר מאַריץ פּערזענלעך. צווייטנס, דאַרף און מעג די פּאַרטיי טאַקע וויסן אַזעל־כע זאַכן. אָבער דריטנס, חברל, פאַרוואָס איז די פראַגע אַזוי אינטים?

— ניין, איך גלויב נישט אין גאָט — האָט דניאל געזאָגט, אויסמיידנ־דיק מאַריצעס בליק. — יעדנפאַלס, נישט אין אַ גאָט ווי מענטשן שטעלן זיך אים פאָר — אַ פּערזענלעכן, אַ מגושמדיקן, אַ... ווי זאָל איך עס אויסדריקן?

— אידן, ברודער, גלויבן נישט אין אַזאַ מין גאָט זינט זיי האָבן די תורה.

— יאָ, נאָר פונדעסטוועגן שטעלן זיי זיך פאָר גאָט ווי אַ זאַך, וואָס מ׳קאָן אָנטאַפּן, זען, הערן, עפּעס וואָס מישט זיך אין יעדנס לעבן...

— אינטערעסאַנט, דניאל, זייער אינטערעסאַנט — האָט מאַריץ גע־זאָגט אַ פאַרטראַכטער. — איצט הויב איך אָן דיך צו פאַרשטיין בעסער... און איך וועל דיר זאָגן אָפן, דניאל: דאַרפסט נאָך אַ סך לערנען... דיין מאַ־טעריאַליסטישע וועלט־אויפפאַסונג הינקט נאָך זייער שטאַרק אונטער... אָבער דו זעסט שוין פון וואַנען עס שטאַמט דיין שוואַכקייט, דיין פּחדנות,

האָ? דערפאַר טאַקע האָבן מיר, רעוואָלוציאָנערן, אונטערגענומען אַ קאַמף נישט נאָר קעגן דער בורזשואַזיע, נאָר אויך קעגן דעם בורזשואַזן גאָט, וואָס קאָן נאָך אַזוי פאַרטויבן די מוחות פון אונזערע אייגענע חברים...

דניאל האָט זיך דערמאָנט אָן יעקב בליצשטיינען — זיין ערשטער מדריך און רבי. ווידער, ווי אַמאָל אינם שטעטל, האָט פאַר אים געפּריידיקט אָט דער יעקב בליצשטיין, זוכנדיק צו „באַווייזן", אַז די וועלט גייט אויף עלעקטריע... ס'איז אים געווען פריקרע, פאַרוואָס ער האָט, נאָך אַזויפיל יאָרן, נישט באַוויזן זיך אויסצולערנען אַזאַ גרינגע לעקציע, וואָס אַפּילו אַ קינד קאָן פאַרשטיין... פונדעסטוועגן האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און גאַליק אַריינגעזאָגט:

— איר רעדט כסדר וועגן מיין שוואַכקייט און פּחדנות, חבר מאָריץ. וואו האָט איר אָט די שוואַכקייט און פּחדנות באַמערקט אין מיר? צי מיינט איר, אַז אונטערנעמען אַזאַ מיסיע, ווי מ'האָט מיר געגעבן, איז שוואַכקייט, צי וואָס?

— ניין, חבר, איך מיין עס אַלץ קעגן זאַמעטשאַוו. אָרגאַניזירן אַ פּאָגראָם אויף אידן איז אוודאי אַ פּראָדוקט פון דער פינצטערער רעאַקציע, און מיר דאַרפן עס באַקעמפן. אָבער דאָ איז געשען עפּעס גאָר אַנדערש... איר זייט געוואָרן סענטימענטאַל... כמעט ווי אַ פרומער איד, אָדער ווי אַ ציוניסט... אייער אַנטלויפן פון אונזער שליח האָט אַזאַ איינדרוק געמאַכט... און דערנאָך — ווי איר האָט זיך אויפגעפירט אין זאַמעטשאַוו... איר האָט געשטעלט אייער פּאָגראָם־שרעק העכער ווי אייער פּאַרטיי־דיסציפּלין, הער שטאַפּלער! און ווען? אין אַזאַ געפערלעכן מאָמענט!

דער פּלוצלונגער איבערגאַנג אויף „איר" און אויף „הער" האָט דניאלן איבערראַשט. ער האָט אַ מאָמענט געשוויגן און באַלד געזאָגט זייער שאַרף, ווי צו אַן אָפּענעם קעגנער:

— איך גלויב, אַז ווען כאַמעס גייען שעכטן אידן, דאַרף מען עס פאַרמיידן, הער מאָריץ. מיינט איר נישט אַזוי?

— יאָ, אוודאי, אָבער וואו איז די פּאַרטיי־דיסציפּלין? בפרט ווען יאַנעק האָט אייך געזאָגט בפירוש, אַז ער האָט דעם פּאָגראָם פאַרמיטן!

— ווען עס האַנדלט זיך וועגן אידישע לעבנס, קאָן מען נישט האָבן קיין צוטרוי צו קיין יאַנעקס און קיין סטעפּאַנס. אַזוי האָב איך יעדנפאַלס געפילט. קודם האָב איך געדאַרפט טאָן מיין חוב צו ראַטעווען אידן, און דערנאָך...

— און דערנאָך צו ראַטעווען די פּאַרטיי! — האָט מאָריץ, אַן אויפ־

גערעגטער, פאַרענדיקט דניאלס זאַץ. — אַ, איצט פאַרשטיי איך! איצט איז אַלץ קלאָר, הער שטאַפּלער. איך מוז אייך זאָגן, אַז איר זייט אַ שלעכטער רעוואָלוציאָנער, זייער אַ שלעכטער רעוואָלוציאָנער. און איר דאַרפט נאָך אַ סך, זייער אַ סך לערנען... אַ, ווען איר פאַלט אַריין צו די רוסישע חברים... אַהאַ!

און ער איז אַרויס.

דניאל איז געלעגן אויפן בעטל און האָט לאַנג געקוקט אויף די שפּינ־וועבס־נעצן אינם ווינקל. אין זיין האַלדז איז געשטאַנען אַ קנופּ טרערן, נאָר זיינע אויגן זיינען נישט פייכט געוואָרן. זיי האָבן טרוקן געברענט, ווי אַן אויסגעטריקנטער ברונען אונטער אַ שרפנדיקער זון.

ער האָט געברומט פון ווייטיק. ער האָט געלעכצט נאָך פייכטקייט אין די אויגן, וויסנדיק, אַז דער טרערן־שטראָם וואָלט צענומען דעם קנופּ אין זיין גומען. נאָר אומזיסט. ער האָט גענומען טראַכטן וועגן טראַגישע גע־שעענישן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט: זיין ראַנגלען זיך מיטן טויט אין זומפּ פונם וואַלד; זיין פאַרצווייפלטער קאַמף מיט יאַנעקס מגושמדיקע לאַפּעס, וואָס האָבן אים געוואָלט דערשטיקן; דער הרוג אין וואַלד, ווילים קרעכצן, — אַלץ אומזיסט; קיין זאַך האָט אים מער נישט גערירט. נאָר מיטאַמאָל איז אים געקומען אויפן זינען עליזע... ער האָט זי געדענקט אַזוי ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט אין בערלין, אינם הויז אויף שאַרלאָטענבורג: זי איז געשטאַנען אינם ראַם פון איר באַלקאָן, אין בלויעניש פון פאַרנאַכט, און מיט איר גאַנצער נשמה האָט זי זיך געצויגן צו אים, צו דניאלן, וועל־כער איז אין יענער בלויקייט אַוועק, ווייט אַוועק, אפשר אויף אייביק. עליזע, געדענקט ער, האָט דעמאָלט אין שטוב אַריינגעפּראַלט און האַסטיק פאַר־מאַכט הינטער זיך דעם באַלקאָן. דאָרט האָט זי אוודאי זיך צעוויינט, און דער ווייטיק און די בענקעניש פון גאָר דער וועלט איז געווען אין יענעם געוויין.

די דערמאָנונג פון עליזעס אויסגעהלומטן געוויין האָט גענומען ווייכער מאַכן דעם קנופּ אין זיין האַלדז. די אויגן האָבן אָנגעהויבן פייכט ווערן. ער האָט פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין בעט און תפילה געטאָן מיט איין־איינציק וואָרט:

— עליזע... עליזע...

פונקט אַזוי האָט ער געקאָנט תפילה טאָן צו דעם אומגעזעענעם און

אומבאַקאַנטן גאָט, וואָס אין אין־סוף פון דער וועלט; אָבער איצט האָט דער דאָזיקער גאָט אָנגענומען עלזעס נאָמען און געשטאַלט...

אין דעם תפילהדיקן וואָרט האָט ער אַריינגעפּרעסט דעם גאַנצן פּיין, וואָס האָט געגליווערט אין אים פאַר די לעצטע טעג און וואָכן, די גאַנצע באַליידיקונג, דעם טרויער און דעם חוזק פון זיין לאַגע.

— עלזע — האָט ער גערופן אַ האָפנונגלאָזער, אַ דערשלאָגענער און אַ באַשפּיגענער. — עלזע...

דניאל איז אַוועק פון וואַרשע און האָט אפילו קיין מעגלעכקייט נישט געהאַט זיך נאָכאַמאָל צו זען מיט זיין קוזינע צירעלע.

מ׳האָט אים אַוועקגעפירט באַלד ווי ס׳האָט אָנגעהויבן טונקלען. ער איז אַוועק צוזאַמען מיט אַ פּאַרטיע אומבאַקאַנטע מענטשן. ער האָט געטראָגן אַ חסידישע קאַפּאָטע און אַ סאַמעטן היטעלע. פון אונטער דער וועסט האָט זיך אים נאָכגעבאָמבלט אַ טלית־קטן. — ער איז געפאָרן „ווי ער איז געווען... אָן אַ מאַסקע“...

אינם „אידישן וואַגאָן“, וואָס האָט זיך גיך געטראָגן אין דער ריכטונג צום מערב, האָבן אידן זיך מיט טיכער אַרומגעבונדן די לאַנגע בערד און פּאות, אין פּחד פאַר די האַלערטשיקעס — פּוילנס באַפרייער, — וועגן וועלבע מ׳האָט דערציילט, אַז זיי שניידן מיט זייערע שאַרפע שווערדן אידישע בערד צוזאַמען מיט שטיקער באַקן־פלייש. די אַלע אידן האָבן מיט התמדה געזאָגט תהילים, בעטנדיק צום אַלמעכטיקן אידישן גאָט, ער זאָל זיי אַריבערפירן די גרענעץ בשלום. דניאל האָט געקוקט פאַרשטיינערט אויף זיינע איבערגעשראָקענע באַגלייטער. זייער געבעט איז טיף אַריין אין זיין נשמה, אָבער זי האָט נישט קיין ציטער געטאָן. זיינע לעצטע דורכלעבענישן האָבן אים געמאַכט גלייכגילטיק. ער איז געפאָרן אויף דעם פּאַספּאָרט פון דניאל שערער און ער האָט זיך איינגעחזרט דעם נאָמען, ווי אַן אַלט־אויסגעפּרוּווטער קאָנספּיראַטאָר; אָבער ער האָט זיך מער נישט געפילט ווי אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס אַנטלויפט פון פּאָליציאַישער פאַרפאָלגונג, נאָר ווי אַ פרישבאַפרייטער אַרעסטאַנט, וואָס קאָן זיך נאָך נישט צוגעוואוינען צו דער פרייהייט. אָפּט האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס וואַנדערט ער אַזוי איבער דעם אידישן גלות־וועג, צוזאַמען מיט נאָך אַ סך אידן ווי ער, פון לאַנד צו לאַנד, און זוכט אַ מקום־מנוחה, וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

מ׳איז פאַרבייגעפאָרן שטעטלאַך, וואָס האָבן זיך געניוועט אין רו פון

דער זומער־נאַכט און מיט איינציקע אויגן־פּייערלאַך געפּינטלט צו דער אַרומיקער פינצטערניש. אין די טאָלן אַרום זיינען געשלאָפן דערפער צווישן וואַלד און פעלד. דניאל האָט געזוכט רויטע שטורקאַצן און שוואַרצע צלמים צווישן די דערפער, בעת אין זיינע אויערן האָט ווידער אויפגעקלונגען דאָס פּאָגראָם־ליד:

„איי־וויי־וויי! איי־וויי־וויי!
„אַלע אידן שרייען, שרייען:
„איי־וויי־וויי!"

ער האָט געשאָלטן דאָס בלוטדורשטיקע לאַנד פון זיין געבוירן.

אין די איינגעניורעטע שטעטלאַך האָבן צו חצות זיך אויפגעהויבן פרומע אידן פון די בעטן און געוויינט אויף גלות־השכינה. און זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז ערגעץ גרייטן זיך ווילדע, שיכורע כלאַפּעס, מיט קאַסעס און העק, זיך אַ לאָז צו טאָן פּאָגראָמירן אידישע שטעטלאַך.

אינם שטעטל, וואו די פּאַרטיע גרענעץ־שוואַרצער איז פון צוג אָפּגעשטיגן, האָט דניאל אויף אַן אמת דערהערט יענע זינגענדיק־קלאַגנדיקע קלאַנגען פון יתומדיקע תפילות פון מיטנאַכט. ער האָט געוואָלט זיך אָפּשטעלן, איינזאַפּן זיי אין זיך און מיטנעמען דאָס געוויין אויף דעם וויטן, לאַנגן וועג, וואָס פאַר אים. אָבער די פּאַרטיע האָט זיך גיך אוועקגעלאָזט וויטער, צו די שוואַרצע וועלדער און טאָרף־זומפּן פון דעם גרענעץ־פּאַס, וואָס האָבן זיך געקנוילט אין פינצטערניש פון נאַכט און שטיל געאָטעמט אין שטערנשיין.

פינפטער טייל

קאפיטל 1.

ווידער אין בערלין

יאָרן זיינען פאַרביי. דניאל שטאַפּלער האָט איצט געלעבט א ניי לעבן, א לעבן פון איינזאַמקייט און רו, הגם ער איז געווען אינמיטן פון א גרויסער און רוישיקער וועלט־שטאָט.

ער איז געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי נאָר אויף איין יאָר צו־ליב זיין דורכגעפאַלענער שליחות אין פּוילן, אָבער ער האָט זיך צו איר נישט צוריקגעקערט.

ווען ער איז ווידער אריינגעפאָרן אין בערלין נאָך דער מעשה־פּוילן, איז ער אוועק צו יעקב בליצשטיינען אהיים. בליצשטיין, וועלכער איז שוין געווען אינפאָרמירט פון זיין דורכפאַל, האָט אויפגענומען זיין אמאָליקן תלמיד ווי א ווילד־פרעמדן, נישט פרואוונדיק אפילו אים צו דערמוטיקן און נישט וועלנדיק אריינגיין אין פרטים און אורזאכן.

— כ'האָב זיך איבערצייגט, אז דו ביסט נישט פון אונזער טייג גע־קנאָטן, דניאל. א שאָד. כ'האָב א סך האָפנונגען געלייגט אויף דיר. האָסט זיך אליין קאָמפּראָמיטירט און אויך מיך קאָמפּראָמיטירט.

מיט אזא טענה האָט ער אויפגענומען דניאלן. ער האָט אים מער נישט איינגעלאַדן צו זיך, נישט געפרעגט וועגן זיינע ווייטערדיקע פּלענער, — א ווילד־פרעמדער.

דניאל האָט אזא קבלת־פּנים נישט דערוואַרט. בעת דער צוריקרייזע פון פּוילן האָט ער געלייגט אַלע האָפנונגען אויף בליצשטיינען: אז אים וועט ער דערציילן די גאַנצע זאַך, אזוי ווי זי האָט פּאַסירט, מיט אַלע פרטים, און ער, בליצשטיין, וועט אים פאַרשטיין. אָבער בליצשטיין האָט אים אפילו נישט אויסגעהערט.

דניאל איז אוועק פון בליצשטיינס שטוב א טיף־באַליידיקטער און

אנטווישטער. ער איז געגאַנגען אַהין נישט נאָר זיך צו רעהאַביליטירן פאַר דער פּאַרטיי און פאַר זיין אַמאָליקן רבי, נאָר אויך כדי צו זען עלזען. אין די טעג פון איינזאַמקייט האָט ער געהאַט נאָך אַ גרעסערע באַדערפעניש זי צו זען און — כאָטש שטומערהייט, אָן איין וואָרט, — זיך פאַר איר פון האַרץ אָראָפּצורעדן. דאָס איז געווען, ווי ער וואָלט געגאַנגען אין „גאָטס הויז", צו עפענען זיין אַנגעווייטיקטע נשמה פאַרן האַר פון דער וועלט... און פּונקט ווי אין „גאָטס הויז" וויל אַ מענטש בלייבן אַליין מיט יענער אומבאַקאַנטער, אַלמעכטיקער און אַלוויסנדיקער קראַפט, אַזוי האָט דניאל געוואָלט בלייבן אַליין מיטן אָפּבילד פון זיינע חלומות. אַ ליידיקייט האָט געשלאָגן פון די אָפענע צימערן, פון די ווענט, פון דער לופט. און נאָך בליצשטיינס קבלת־פּנים, האָט דניאל מער אַפילו קיין האָפנונג נישט געהאַט אַהין צוריקצוקומען.

פון דעמאָלט אָן האָט דניאל גענומען אויסמיידן באַקאַנטע. ער האָט געלעבט מיט זיך אַליין און מיטן שטילן צער, וואָס האָט געגריזשעט זיין נשמה. דניאל איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי עלנט, — ווי צווישן אים און דער וועלט וואָלט אויסגעוואַקסן אַ וואַנט, אַ קאַלטע, אַ גרויע, אַ מין טורמע־וואַנט, — און ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי מען קאָן אָט די וואַנט איבערשפּרינגען.

מיט ביטול פלעגט ער זיך דערמאָנען, אַז ער האָט אַמאָל געחלומט צו ווערן אַ באַפרייער. ער האָט אין זיך געלאַכט:

— פרייהייט, כאַ־כאַ־כאַ! גיי באַפריי זי, די וועלט!... אַנו, און זיך אַליין קאָנסטו באַפרייען? און אפשר וואָלסטו געווען אַ בעלן צו באַפרייען די וועלט פון דיר...?

ער האָט אומצעליקע מאָל אַנאַליזירט די געשעענישן, וואָס האָבן מיט אים פּאַסירט אין פּוילן, אויסצוגעפינען אויב ער איז טאַקע ווערט אָט די באַהאַנדלונג, וואָס ער האָט געקראָגן; אָבער ער האָט נישט געפונען דעם מינדסטן פלעק אויף זיך, סיידן אפשר — דעם פלעק פון זיין ערלעכקייט. ער האָט געטראַכט:

„פּאַטאַליטעט און אומפאַרשטענדעניש. אַ שלימזל — און דאָס אַלץ".

אַזאַ פּסק האָט אים אָבער אריינגעבראַכט אין ספקות — און ער האָט צוגעגעבן:

„און שלימזלען קאָנען נישט זיין קיין פרייהייט־קעמפער. די באַוועגונג דאַרף נישט קיין פּאַטאַליסטן, דניאל"...

במילא האָט ער שוין אויך באַרעכטיקט דער פּאַרטיי פאַר איר האַנד־

לונג קעגן אים. ער איז געווען אויסגעשפּיגן פון די רייען פון די קעמפער, פאַרשטויסן און פאַרשאָלטן — און ער האָט דער פּאַרטיי אפילו נישט גע־קאָנט באַשולדיקן דערפאַר!

איז ער אַ צייט לאַנג אַרומגעגאַנגען מיט מחשבות וועגן „באַפרייען זיך פון דער וועלט און די וועלט פון אים", אויב ער טויג טאַקע צו גאָר־נישט און פאַר קיינעם נישט. די זעלבסטמאָרד־שטימונגען האָבן זיך גע־שטאַרקט אין די טעג פון אַרבעטלאָזיקייט און הונגער, ווען יעדע קליי־קייט האָט געקאָסט מיליאָנען מאַרק און ער האָט אויסגעביטן דעם לעצטן דאָלער, וואָס ער האָט נאָך געהאַט ביי זיך. ער האָט זיך אָבער געטרייסט מיט דער צרת־רבים. ער האָט געזען טויזנטער, טויזנטער מענטשן אין די גאַסן, וואָס האָבן מיט הענט, ליפּן און אויגן געבעטלט אַ שטיקל ברויט. אומעטום האָט דאָס יאָמערלעכע געבעט געקלונגען אין זיינע אויערן:

— שענקט אַ שטיקל ברויט. שענקט אַ שטיקל ברויט.

ס'האָבן דעמאָלט געבעטלט נישט נאָר מלחמה־אינוואַלידן, יענע ברואים מיט די אָפּגעהאַקטע הענט און פיס, אָפּגעשאָסענע נעזער און אויסגעשני־טענע שטיקער פנים, נאָר אויך מענטשן מיט געזונטע מוסקולן און מעכ־טיקע פויסטן, וואָס האָבן מיט איין זעץ — האָט זיך געדאַכט — געקאָנט אויסברעכן אַ טיר פון אַ קראָם. אָט די מענטשן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווערים, וואָס האָבן זיך געשאַרט ביי די פוסטריט פון די פאַרבייגייער און געבעטלט:

— שענקט אַ שטיקל ברויט.

נאָך לאַנגע טעג פון מאַטערניש, האָט דניאל זיך דעמאָלט פאַרדונגען פאַר עסן און שלאָפן צו זיין אַמאָליקן באַלעבאָס, טויבקע דער שמירער. און אויך ער, דניאל, איז צוליבן אָרימען שטיקל ברויט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָרים, וואָס איז געלעגן צו זיין מייסטערס פיס, האָרעווענדיק טאָג און נאַכט און אָננעמענדיק באַהבה אַלע קאַפּריזן און באַליידיקונגען.

אין די קורצע שעהען פון אָפּרו, האָט דניאל זיך אָפּט געוואָרפן אויף זיין האַרטן געלעגער. ער האָט געוואָלט וואָס ווינציקער טראַכטן וועגן זיך, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר זיינע געדאַנקען. אָבער אַמאָל האָבן די געדאַנקען, ווי פון אַ צעעפנטן קוואַל, געשטראָמט קעגן זיין ווילן — איינער מוראַדיקער און מאָנענדיקער פונם אַנדערן. אין אַזעלכע מאַטערנדיקע נאַכט־שעהען האָט דניאל — ווי זיין אַלטער טאַטע אינם שטעטל — אַ סך מאָל געהאַט אַ פאַרלאַנג אויסצוגיסן זיין צער פאַרן רבונו־של־עולם; אָבער דער

פאַרלאַנג איז אונטערדריקט געוואָרן אין אים דורך אַ מאָדנעם געפיל פון חרפה... ער האָט זיך געשעמט צו זיין ווי דער טאַטע, זיך געשעמט מיט דער „צוריקגעשטאַנענקייט” פונם אַלטן דור, קעגן וועלכער ער האָט אַמאָל געקעמפט און וואָס האָט אים איצט ווידער געצויגן צו זיך. ער האָט זיך געשעמט פאַר דעם רעוואָלוציאָנער, וואָס אין אים, און פאַר דעם הארבן פסק, וואָס די פּאַרטיי האָט קעגן אָט דעם רעוואָלוציאָנער ארויסגעגעבן און וואָס וואָלט איצט ווידער גענויטיקט ווערן...

איז פאַר אים פּוסט געווען די וועלט. נישט געווען צו וועמען זיך צו ווענדן און וואו אַ טרייסט צו זוכן. ער וואָלט געוואָלט האָבן כאָטש איינעם אַ פריינד, צו וועמען צו שרייבן וועגן דעם אַלעם, וואָס האָט אים געפּייניקט; אָבער אויך אַזאַ פריינד האָט ער נישט געהאַט. צו טאַטע־מאַמע האָט ער גע־שריבן קורץ און טרוקן, זעלטן זיי דערציילט וועגן זיין שווערער אַרבעט און מרמז געווען אויף זיינע צרות, — אָבער ס'איז נישט געווען דאָס; טאַטע־מאַמען האָט ער נישט געקאָנט דערקלערן וואָס אַזוינס עס דריקט אים און פאַרוואָס ער איז אַזוי אַנטוישט.

ער האָט אַמאָל געטראַכט וועגן יוסף מילערן — אפשר אים דערציילן; ער וואָלט אים אוודאי פאַרשטאַנען און אפשר אויך מיטגעפילט. אָבער ער האָט מורא געהאַט — טאָמער וועט זיין גוטער פריינד אַ נקמה דערלעבן...

אפשר שרייבן צו עלזען? — ער האָט געפּרואווט עס טאָן. עטלעכע מאָל האָט ער צו איר לאַנגע בריוו געשריבן און זיי צעריסן. וואָס ווייסט עלזע? זי וועט טראַכטן, אַז ער איז משוגע געוואָרן. אַנדערש וואָלט געווען, ווען זיי טרעפן זיך צוזאַמען, ריידן צוזאַמען און שוויגן צוזאַמען. איר אָנ־בליק אַליין וואָלט געווען פאַר אים אַ קוואַל פון טרייסט און גליק. מער וואָלט ער גאָרנישט געדאַרפט. אָבער דאָס איז געווען אַ חלום. די אַרבעט האָט אים געהאַלטן געפּענטעט פון פרי ביז שפּעט ביינאַכט און יעקב בליצשטיין האָט פאַרשלאָסן פאַר אים די טירן פון עלזעס הויז.

נאָר מיטאַמאָל איז געקומען אַ ישועה: ער האָט געקראָגן אַ בריוו פון זיין אַלטן טאַטן און אין דעם בריוו איז געלעגן אַ טשעק אויף הונדערט דאָלער.

דניאל האָט נישט געגלויבט זיינע אויגן. אָבער דער בריוו האָט אַלץ אויפגעקלערט: „דער לעצטער פּרואוו פון דיין ברודער אין אַמעריקע” — האָט דער טאַטע געשריבן. דער ברודער, דער פאַבריקאַנט און עקספּלואַ־

טאַטאַר, האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דניאַלקע לײַדט אַזױפֿיל צרות אין בערלין — און היות ער װײסט, אַז פֿאָרן קײן אַמעריקע װיל ער נישט, שיקט ער אים דורכן טאַטן די הונדערט דאָלער, נאָר בתנאי — ער זאָל װערן „אַ מענטש פֿאַר זיך״.

אױסלענדישע װאַליוטע איז דעמאָלט געװען אַ נס — אַ מין כּשוף־שטעקעלע, מיט װעלכן מ׳האָט זיך געקאָנט אײַנשאַפֿן אוצרות. דניאל האָט קײן אוצרות נישט געזוכט, אָבער ער האָט אָנגענומען דעם ברודערס תּנאי — צו װערן „אַ מענטש פֿאַר זיך״. אין אַ געסל נישט װײַט פֿון דער לאַנגער פֿרידריכשטראַסע האָט ער אָפּגעדונגען אַ צװײ־צימערדיק קרעמל און געעפֿנט זײַן אײגענעם שילדן־װאַרשטאַט.

ער האָט זיך דאָרט אײַנגעאָרדנט אַ מין קלײנע קיניגרײַך: פֿון דעם פֿאָדערשטן צימער, װאָס האָט געהאַט אַ ברײטע טיר צו דער גאַס, האָט ער געמאַכט דעם עפֿנטלעכן װאַרשטאַט. דאָרט האָט געהאַט אַ דעה יעדער קליענט, און דניאל האָט פּינקטלעך אױסגעפֿאָלגט זײערע באַפֿעלן. אָבער אינם הינטערשטן צימער איז דניאל געװען דער אײנציקער באַלעבאָס, דער קיניג, אױף װעלכן קײנער, אױסער ער אַלײן, האָט נישט געהאַט צו זאָגן. דאָרט איז געװען נישט נאָר זײַן אַלקער — אַ בעטל, אַן אַלטמאָדישע שאַפֿע און אַ װאַש־שיסל מיט אַ קראַן, — נאָר אױך זײַן קינסטלער־אַטעליע, װעגן װעלכן ער האָט יאָרנלאַנג פֿריער געחלומט. אין אַט דער אַטעליע פֿלעגט ער אַרײַנגײן מיט יראת־הכּבֿוד, װי אין אַ קודש־קדשים.

די מײסטע צײַט האָט ער געמוזט פֿאַרברענגען אינם שילדן־װאַרשטאַט. ער האָט נישט געטראַכט װעגן אָנזאַמלען קאַפּיטאַל, אָבער געאַרבעט האָט ער שװער פֿאַר זײַנע באַדערפֿענישן און כּדי נאָכצוקומען די באַשטעלונגען פֿון קונדן. שבת־צונאַכטס און זונטיק, װען דער װאַרשטאַט איז געװען פֿאַרמאַכט, האָט ער זיך װידער גענומען װײַזן צװישן מענטשן, אָבער עקשנות־דיק אױסגעמיטן יעקב בליצשטײנען און די אַמאָליקע חבֿרים.

אין דעם עמיגראַנטן־קלוב האָט ער געטראָפֿן אַלטע באַקאַנטע: מילערן, װעלכער האָט געאַרבעט אין אַן עמיגראַציע־געזעלשאַפֿט, איז שױן געװען אַ פּולשטענדיקער ביוראָקראַט און האָט געקוקט פֿון אױבן אַראָפּ אױף אידישע װאַנדערער; עטלעכע מענטשן, מיט װעלכע ער איז אַמאָל צוזאַמען געװען אין די באַראַקן און איצט האָבן זײ געװאַרט אױף װיזעס קײן אַמעריקע; און אױך שײנע־שׂרהן, יעקב בליצשטײנס לאַנגיעריקע כּלה, װעלכע האָט אָנגעהױבן זיך װײַזן אַלײן צװישן באַקאַנטע נאָכדעם װי דער חתן האָט געגנומען זי פֿײַנט קריגן.

זי האָט אויסגעזען אַ היפּש ביסל פאַרעלטערט, שיינע־שרה, און זי האָט זיך געקלעפּט צו דניאלן, ווי צו איר איינציקער טרייסט, הגם זי האָט אים נישט אָנפאַרטרויט די אורזאַך פון איר איינזאַמקייט. זי האָט פאַר־זיכטיק אויסגעמיטן צו ענטפערן אויף אַ סך פון זיינע פראַגעס, און וועגן בליצשטיינען האָט זי גערעדט אַזוי, ווי קיין ענדערונג וואָלט צווישן זיי נישט פאָרגעקומען. דניאל האָט זיך פון איר דערוואוסט, אַז אין בליצשטיינס משפּחה איז „אַלץ אין אָרדנונג", אָבער וועגן עלזען האָט ער ביי איר נישט אַרויסגעקריגן קיין וואָרט.

אינם עמיגראַנטן־קלוב האָט דניאל אויך ווידער געטראָפן זיין אַלטן באַקאַנטן אברהם פרידמאַן.

אברהם פרידמאַן האָט גערעדט אויף אַן אומגעוויינלעכן אופן וועגן די געוויינלעכסטע זאַכן. דניאל האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי אָט דער מענטש וואָלט מיטאַמאָל געקומען פון אַ דור פון טויזנט יאָר צוריק. ס'איז געווען אין אים עפּעס אומהיימלעכס און אָפּשטויסנדיקס; פונדעסטוועגן האָט ער דניאלן געצויגן צו זיך.

— ליידן... וואָס הייסט דען ליידן? — האָט אברהם פרידמאַן זיך געקאָנט אַ זאָג טאָן. — ליידן איז אַ זאַך פאַר נאַראָנים, פאַר אומוויסנדיקע, אָדער פאַר די מענטשן פונם היינטיקן דור, וואָס מיינען, אַז זיי ווייסן אַ סך און אין דער אמתן ווייסן זיי נאָר ווי זיך אויסצוקווילען איינע די אַנ־דערע... אַ מענטש, וואָס ווייסט, קאָן נישט ליידן. אַ מענטש, וואָס ווייסט, — ווייסט, אַז ליידן זיינען כּלל נישטאָ. אַזאַ מענטש ווייסט, אַז ליידן זיינען דער אויסדרוק פון אַ קאַמף צווישן פאַרשיידענע פּרינציפּן אינם מענטשן; אָבער איבער זיי שטייט שטענדיק דער מענטש אַליין, און ווען ער וויל נאָר, זיגט דער העכערער פּרינציפּ...

— וואָס איז? — פלעגט דניאל חוזקן. — איר ליידט טאַקע קיינמאָל נישט?

— אַז איך וויל נישט, לייד איך נישט —האָט פרידמאַן געענטפערט טויט־ערנסט. — וואָרן אַלץ איז אָפּהענגיק פונם ווילן, אַפילו דאָס לעבן...

דניאל האָט געלאַכט:

— איך, זעט איר, האָב גאָרנישט געוואָלט געבוירן ווערן — און פונ־דעסטוועגן בין איך דאָ, אויף צו־להכעיס מיר און אַנדערע... וואָס מיינט איר וואָס, אַזאַ יחוס איז עס, זיך אַרומצופּלאָגן אויף אַזאַ וועלטל?

נאָר אברהם פרידמאַן איז קיינמאָל נישט געבליבן שולדיק קיין ענט־פער, הגם ער האָט געוואוסט, אַז מענטשן לאַכן פון אים. אויך איצט איז

ער נישט נתפּעל געוואָרן און ער האָט אויסגערופן טריומפירנדיק:

— אָט וואו עס ליגט אייער גרויסער טעות! איר וועט דאָך זאָגן, אַז דאָס איז ווידער אַ פּאַראַדאָקס, האַ? אָבער אַזוי איז עס: איר לעבט דערפאַר, ווייל איר ווילט לעבן, און איר זייט געבוירן געוואָרן דערפאַר, ווייל איר האָט געוואָלט געבוירן ווערן...

— וואָס־זשע מיינט איר, אַז איך האָב געהאַט אַ ווילן נאָך איידער איך בין אויף דער וועלט געקומען?

— אָט דאָס מיין איך טאַקע!...

אויב דניאל פלעגט זיך נאָך אַמאָל פאַרטראַכטן איבער אָט די אויס־טערלישע רייד, האָבן די איבעריקע מענטשן אָפּן אָפּגעשפּעט פון זיי. אייני־קע האָבן גערופן פרידמאַנען „דער מקובל", הגם ער איז געווען אַ היינט־וועלטיקער מענטש, וואָס האָט אפילו נישט געקאָנט דאַוונען, בפרט נאָך אַריינקוקן אין אַ קבלה־ספר. דערנאָך איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ער איז אַ טעאָזאָף, און מ'האָט געזאָגט, אַז „טעאָזאָפיע" איז טאַקע נישט עפּעס אַנ־דערש ווי קבלה, נאָר אין אַ נייעם לבוש.

אברהם פרידמאַן פלעגט אַמאָל אויך אַריינקומען צו דניאלן אין וואַר־שטאַט און אפילו אין זיין „קדשי־קדשים" — אין דער קינסטלערישער אַטע־ליע, וואָס זיין שוועל האָט נאָך קיינער, אויסער דניאלן, נישט געהאַט אַרי־בערגעטראָטן. דניאל האָט אים אַריינגענומען אַהין מיט האַרצקלאַפּונג, וואַרטנדיק אויף מבינות; אָבער פרידמאַן איז געבליבן גלייכגילטיק צו די צייכענונגען און געמעלן, פּונקט אַזוי ווי ער איז געווען גלייכגילטיק צו אַלץ מיטאַנאַנדער. דאָס האָט דניאלן געקרענקט. פונדעסטוועגן איז ער געווען צופרידן פון פרידמאַנס באַזוכן. און הגם ער האָט געוואוסט, אַז זיין נייער פריינד וועט אויך דערצו בלייבן קאַלט, האָט ער אים גענומען דערציילן פון זיין לעבן און זיינע חלומות. נישט וועגן אַלץ האָט ער אים פאַרטרויט, אָבער געפילט האָט ער, אַז ער מעג פרידמאַנען דערציילן פון זיינע סאַמע אינטימסטע איבערלעבונגען און ער וועט ביי אים געפינען אַ סך פאַרשטענ־דעניש פאַר זיי.

ס'האָט אויך פּאַסירט, אַז ס'זיינען אַריבער לאַנגע חדשים, ווען ער האָט פרידמאַנען נישט אָנגעזען. דעמאָלט איז דניאלס לעבן געוואָרן אויס־געליידיקט פון עפּעס אַזוינס, וואָס נאָר פרידמאַנס אָנוועזנהייט האָט גע־קאָנט אויספילן.

דערנאָך האָט פרידמאַן אים גענומען ברענגען ביכער צו לייענען — ביכער אומבאַקאַנטע, מיט אויסטערלישע נעמען און נאָך מער אויסטערלישן

אינהאַלט. פאַר דניאלס מוח האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט, אָבער פאַר זיין האַרץ איז אַט די וועלט געבליבן פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. דאָס איז געווען אַ וועלט אַ ליכטיקע, אָבער אַ פוסטע, אויסגעליידיקט פון צער און חלומות, אָן דער שיינקייט פון ליכט־ און שאָטן־שפיל, — אַ וועלט, וואו מענטשן האָבן גאָרנישט געדאַרפט, ווייל זיי האָבן גאָרנישט פאַרלאַנגט. דניאל איז אָבער געווען פול מיט נישט געשטילטע באַגערן און נישט דער־חלומטע חלומות.

דניאל האָט איצט געטראַכט זייער זעלטן וועגן „באַפרייען די וועלט", הגם ער האָט נאָך געהאַט אַ שטאַרק־אַנטוויקלטן חוש פאַרן אומרעכט פון זיין צייט. די אַנטוישונגען און דורכפאַלן האָבן אין אים אָפּגעטויט אויף אַ צייט דעם חלום פון גערעכטיקייט. אָבער פון צוויי חלומות האָט ער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך באַפרייען: דער חלום פון מאָלעריי און דער חלום פון עליזען. ער האָט זיך געהאַלטן אָן אַט די חלומות מיט אַלע כוחות, ווי זיי וואָלטן געווען דאָס רעטונג־שיפל אינמיטן פון אַן אויפגעשטורעמטן ים, אין וועלכן ער האָט זיך געטרונקען.

עליזעס בילד איז נאָך אַלץ געשטאַנען לעבעדיק פאַר זיין דמיון. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ האָפנונגלאָזע ליבע, נאָך האָפנונגלאָזער ווי זיין ערשטע ליבע צו פרידעלען; פונדעסטוועגן האָט אים קיין אַנדער פרוי נישט אינטערעסירט. און ווען שיינע־שרה האָט אים פאַרבעטן צו זיך אַהיים, האָט ער עס אָנגענומען מיט אַן אינעוויינינקסטן ציטער. ס'האָט אים נישט גע־אַרט, וואָס ער וועט זיך דאָרט אפשר באַגעגענען מיט יעקב בליצשטיינען נאָכדעם ווי ס'זיינען פאַרביי עטלעכע יאָר זינט דער מעשה־פוילן. אָבער די פאַרשטייענדיקע באַגעגעניש מיט עליזען האָט אים שטאַרק אויפגערעגט.

בעת ער איז געזעסן אין דעם ווייכן, פליושענעם שטול פון דער גע־רוימער סאַליע, האָט ער איינגעהאַלטן דעם אָטעם אין שפּאַנענדיקער דער־וואַרטונג. עליזע האָט זיך באַוויזן, ווי אַ מלאך פון הימל, מיט איר שטענדיק שמייכעלע און גליק־לויכטנדיקע אויגן. ער האָט קוים פאַרנומען איר קול, הגם זי האָט הויך געקלונגען מיט איר גלעקל־שטימעלע און זיך געפרייט מיט זיין אומגעריכטן באַזוך.

— קומט אָפטער, ליבער דניאל. זייט נישט אַזאַ זעלטענער גאַסט.

זיינע חלומות פון ליבע האָבן זיך פון דעמאָלט אָן צעבליט מיט נייע זאַפטן און קאָלירן. דאָס האָט אים פאַרשאַפט גליק און ליידן. ער איז ווידער

געוועז פארשכורט פון איר אָנבליק; אָבער דאָס שכרות האָט איצט שוין נישט אָפּגעטעמפּט זיין געדאנק, ווי אמאָל. ער האָט באַטראַכט פארשיידענע פּלענער ווי אזוי זיך צו דערנענטערן מער צו עלזען; לסוף האָט ער באַ־שלאָסן, אז ער וועט קאָנען פּרעטענדירן אויף עלזען ערשט דעמאָלט, ווען זיין נאָמען וועט שוין זיין באַקאַנט אין דער מאָלערישער וועלט; און צו דערגרייכן אָט דעם ציל האָט ער איצט געדאַרפט אָנשטרענגען אַלע זיינע כוחות.

די שילדן־מאָלעריי האָט אים אָבער פארשלונגען. הגם ער האָט פון אָט דער אַרבעט געצויגן זיין חיונה, האָט ער די אַרבעט נישט ליב געהאַט. עס איז פּאַר אים געוועז אַ יום־טוב, ווען ער האָט געהאַט ווינציק באַשטעלונגען און ער האָט געקאָנט רואיק זיך איינשליסן אינם הינטערשטן צימער. אויף דעם גרויסן טיש, וואָס איז דאָרט געשטאַנען צווישן דער בעט און דער שאַפע, זיינען שטענדיק געווען אָנגעלייגט פּאַפּירן און לייוונטן, דינע פּענ־זעלאַך און פאַרב־פלעשלאַך. דאָרט זיינען געווען אָנגעהויבענע אויל־בילדער. אַקווארעלן און פאַנטאַסטישע צייכענונגען. צווישן זיי איז אויך געווען דער סוזשעט פון דעם „טויטן־בילד", וואָס ער האָט אמאָל שוין געהאַט צעריסן צוליב יוסף מילערס ביטערער קריטיק. אין פרייע שעהען פלעגט ער — ווי אַמאָל, אין די הונגער־טעג, — באַזוכן די מוזעאומס און שטודירן די אַרבעטן פון די גרויסע מייסטערס פון דער פאַרגאַנגענהייט. זייערע ווערק האָבן אים שטענדיק געבראַכט נייע אידייען פון טעכניק און אינהאַלט, און ער פלעגט צוריקקומען אַהיים מיט פיבערדיקע פינגער, וואָס האָבן געגאַרט נאָך שאַפונג. פונדעסטוועגן איז ער אָפט אַריינגעפאַלן אין יאוש, טראַכטנדיק, אַז די שילדן צעפּיצלען און צעפרעסן זיינע קינסטלערישע כוחות.

אויסער אברהם פרידמאַן, איז אַמאָל אויך געקומען צו אים זיין אַלטער חבר יוסף מילער. ער האָט קיינמאָל נישט געבעטן קיין דערלויבעניש אריינ־צוגיין אין דניאלס אַלקער און אַטעליע; ער האָט זיך אויפגעפירט ביי דניאלן ווי אַן אייגענער, פריי, אָן פאַרמאַליטעטן. דניאל האָט געציטערט איבער דער מעגלעכקייט, אַז מילער זאָל אויסגעפינען זיינע נייע „זינד" און ווידער אָפּשפּעטן פון זיינע קינסטלערישע פּרואוון. ער איז אָבער אָפּגעקומען מיט שרעק. יוסף מילערן האָבן נישט אינטערעסירט די לייוונטן און פּאַפּירן, וואָס אויפן גרויסן טיש אין דניאלס אַלקער, מיינענדיק, אַז זיי געהערן אויך צו די קרעמערשע געמעלן פון דעם שילדן־וואַרשטאַט.

— האָסט זיך אַרויפגעאַרבעט, דניאלקע, פיין, פיין! — האָט מילער אים געפּאַטשט אין פּליִיצע. — מאַכסט זייער פיינע שילדן. דו ווייסט דאָך:

יעדער האָט זיין ספּעציאַליטעט; יעדנס נשמה מוז זיך אין עפּעס אויסדריקן... אָט איז דיין גאַנצע נשמה אין דעם...

דניאל האָט אומעטיק געשמייכלט. „ס'פעלט נשמה, אינהאַלט...", האָט דערזעלביקער מילער אים אַמאָל געזאָגט אויף דעם סוזשעט פון זיין „טויטן־בילד" און אַליין דערפון געמאַכט אַ ליד. און איצט זאָגט ער: „אָט איז דיין גאַנצע נשמה אין דעם..."

און הגם מילער האָט דאָסמאָל נישט געזען זיינע אמתע אַרבעטן און וועגן זיי קיין מיינונג נישט געזאָגט, איז דניאל געוואָרן אַפּהענטיק נאָך אַזאַ באַזוך פון זיין אַלטן פריינד, און ער האָט געצווייפלט אין זיינע אייגענע כוחות.

— אפשר איז מילער טאַקע גערעכט? — האָט ער געטראַכט מיט שנאה.

— אָבער ניין: מילער האָט נישט געקאָנט און נישט געטאָרט זיין גערעכט, ווייל אויב יאָ, וואָלט דאָס גאַנצע לעבן קיין זין נישט געהאַט...

קאַפּיטל 2.

די פאַמיליע הערצענבערג

עלזעס פאָטער, יוליוס הערצענבערג, האָט געשטאַמט פון אַן אַלטמאָדיש־אידיש הויז אין פראַנקפורט, וואו דער זיידע פלעגט זיצן טאָג און נאַכט על התורה ועל העבודה און האָט זיך בלית־ברירה געמוזט אונטערגעבן דעם שטראָם פון דער נייער צייט. יוליוסעס פאָטער, ר׳ הירש־לייב אָדער לעאָ הערצענבערג, האָט — ווי דער זיידע — זיך נאָך געראַנגלט מיט די פרישע און שטאַרקע ווינטן פון אויפקלערונג, וואָס האָבן געבלאָזן איבער מערב־אייראָפּע, און ער האָט געזוכט מיטלען אָפּצוהיטן זיין משפּחה פון צו ווערן אינגאַנצן אויסגעמישט מיטן אַרום. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם געדאַנק, אַז דער יחוס־פּאָדים פון די הערצענבערגס קאָן חס־וחלילה צעריסן און פאַרגעסן ווערן. האָט ער טאַקע געטראַכט וועגן דערציען יוליוסן ערגעץ אין אַ גרויסער ישיבה און אים מאַכן פאַר אַ ראַבינער. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז יוליוס האָט צוערשט געמוזט דורכגיין דעם קורס פון וועלטלעכע לימודים און דערנאָך אַ הויכע האַנדלס־שול, אַזוי ווי ס׳האָט געפאָדערט די נייע צייט און די געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע פון די הערצענבערגס; וואָרן ס׳איז געווען אַ משפּחה פון סוחרים, גרויסשטעטישע מענטשן מיט אַ נאָמען, מיט השפּעה און אַ סך שטאָלץ; און אַז יוליוס האָט גענומען ווייזן פעאיקייטן צו מסחר און אַליין פאַרגעלייגט זיינע עלטערן, אַז ער איז וויליק צו גיין אין אַ האַנדלס־שול, האָט עס זיי געשמייכלט און זיי זיינען נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון.

ר׳ הירש־לייב הערצענבערג האָט פונדעסטוועגן געזוכט עפּעס אַ פּאָרטל קעגן דער געפאַר פון פאַרגויישונג — און אָט דעם פּאָרטל האָט ער געפונען אין דעם, וואָס ער האָט חתונה געמאַכט זיין זון אין אַ קליין אידיש שטעטל פון פּוילן, וואָס הגם די כלה האָט נישט אָנגעהערט צו אַ משפּחה פון לומ־

דים און רבנים, איז זי אָבער געווען אין ר' הירש־לייבס אויגן די אמתע אידישע טאָכטער — אַ מין שולמית פון שיר־השירים, — וואָס מיט איר שיינקייט און אידישקייט וועט זי קאָנען אָפּהיטן דעם אומזעבאַרן, צאַרטן פאָדים פון פאַמיליען־יחוס, אַז ער זאָל נישט צעריסן ווערן...

אַזוירנאָך איז עטל בליצשטיין געוואָרן עמאַ הערצענבערג און דאָס קליינשטעטלדיקע מיידל איז געוואָרן אַ דאַמע פון שאַרלאָטענבורג.

די ערשטע צייט איז איר געווען פרעמד די בערלינער סביבה. ס'האָט זי געצויגן צוריק צום קליינעם שטעטל, מיט זיינע לאַנגע ווינטערדיקע לבנה־נעכט און טרעשטשענדיקן שניי, מיט די יונגט־חברטעס און חברים, מיט די הייסע סאַמאָוואַרן און אויסטערלישע העלדן פון ראָמאַנען, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט צו לייענען. דערהויפּט האָט זי אָפּגעשטויסן יוליוסעס גאווה, זיין קיינמאָל נישט אונטערדריקט געפיל פון העכערקייט און הערשע־רישקייט, און זיינע אָפּטע שטעכיקע באַמערקונגען וועגן דער שמוציקייט פון אירע „אָסט־יודען". ביסלעכווייז איז אָבער עמאַ געוואָרן אַזוי ווי ער: אויך זי האָט גענומען פאַראַכטן אירע אַמאָליקע ברידער און אויסמיידן יעדן צונויפטרעף מיט זיי. נאָך מער: זי האָט זיי פיינט געקראָגן — צוליב זייער טומלען, צוליב זייער אָרימקייט און ברודיקייט, דערהויפּט אָבער דערפאַר, ווייל זי האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן, אַז אויך זי — מאַדאַם עמאַ הערצענ־בערג — שטאַמט־אָפּ פון דיזעלביקע „אומסימפּאַטישע מענטשן פון אָסטען". דער גרעסטער אומגליק, וואָס האָט עמאַן געקאָנט טרעפן, איז געווען אַן אומגעריכטע באַגעגעניש מיט איינעם פון אירע אַמאָליקע באַקאַנטע; דע־מאָלט האָט זי זיך געפילט באַליידיקט, דערנידעריקט פאַר איר מאַן און שפּעטער אויך פאַר איר טאָכטער. נאָך דער מלחמה, ווען פון די מזרח־גרענעצן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קיין דייטשלאַנד טויזנטער הונגעריקע, באָרוועסע, אָפּגעריסענע עמיגראַנטן, איז די לאַגע געוואָרן פאַר איר אינ־גאַנצן אומדערטרעגלעך. אין יענער צייט איז זי געוואָרן אַ שטוב־זיצערקע. זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס אומעטום האָט זי זיי געטראָפן: אין גאַס, אין געשעפטן, אין טעאַטער און אַפילו אין דער אָפּערע. זי איז אָפּט אַוועקגעפאָרן מיט איר טאָכטער, עלזע, אויף דאַטשעס, אין עלעגאַנטע קור־ערטער; און אויך פון דאָרט האָבן די „אָסט־יודען" זי פאַריאָגט מיט זייער אָנוועזנהייט. אָבער דעם שווערסטן קלאַפּ האָט זי געקראָגן, ווען איר איי־גענער ברודער, יעקב, איז צו איר געקומען און אָן שום צערעמאָניעס האָט ער זיך באַזעצט אין איר שטוב. פון יענעם טאָג אָן איז איר הויז אין שאַר־

לאַטענבורג געוואָרן אַ גיהנום. ווי זי וואָלט מיטאַמאָל זיך אויפגעכאַפּט פון לאַנגן, טיפן שלאָף, האָבן אַלע אירע חלומות גענומען צערינען.

איר מאַן, יוליוס, האָט די „אָסט־יודען" נישט פיינט געהאַט אַזוי שטאַרק ווי עמאַ. אָבער ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון זיי, נישט קוקנדיק אויף זיין אייגענער מיטל־וואוקסיקייט. הגם ער האָט עמאַן ליב געקראָגן, האָט געטליעט אין אים אַ פייערל פון חרטה, הלמאי ער האָט צוליבן פאָטערס אַ קאַפּריז דווקא זיך פאַרבונדן מיט אַן „אָסט־יודין". דאָס איז געווען אַ מין פאַרבאָרגענער פלעק אויף זיין געוויסן. און טאַקע בכדי אָפּצוואַשן דעם פלעק, האָט ער זיך באַמיט צו זיין וואָס „ריין־דייטשער" און פאַטריאָטישער: בעת דער מלחמה איז ער שטאָלץ אַוועק אין דער אַרמיי, און מיט איבערגעטריבענער גאַווה האָט ער געטראָגן דעם אייזערנעם קרייץ אויף זיין ברוסט, ווי אַ סימבאָל פון פאַטריאָטישער העלדישקייט. ווען ער איז צום ערשטן מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן אין אַ פוס, האָט ער געפאָדערט מ'זאָל אים ווידער שיקן אויף דער ערשטער פייער־ליניע, כאָטש די וואונד האָט אים נאָך אָפּט וויי געטאָן. און הגם ער האָט געבענקט נאָך עמאַן און זייער קינד, האָט ער אין יענער צייט געשריבן אַהיים זייער זעלטן. „זי וועט מיך נישט פאַרשטיין, די „פּאָלין", — פלעגט יוליוס טראַכטן. — „וואָס ווייסט זי פון אונזערע דייטשע אידעאַלן?"... נאָכן צווייטן מאָל פאַרוואונדעט ווערן, האָט זיין בענקעניש אַהיים זיך געשטאַרקט און ער האָט גענומען טראַכטן וועגן די גרויסע געשעפטן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין פרעמדע הענט. דעמאָלט האָט ער גערן אָנגענומען דעם אורלויב, וואָס מ'האָט אים באַוויליקט. און גראָד ווען ער איז געווען אויף אורלויב, איז אויסגעבראָכן דאָס „גרויסע אומגליק": דער שלום.

דער שלום איז פאַר יוליוס הערצענבערגן געווען אַ שווערער קלאַפּ. ס'האָט געדויערט וואָכן ביז ער האָט זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז ער דאַרף מער נישט צוריקגיין אויפן שלאַכטפעלד און אַז דייטשלאַנד האָט „אַזוי נאַריש און אומגעלומפּערט פאַרשפּילט די מלחמה". ווי אַ סך אַנדערע, האָט ער געטראַכט וועגן אַ גיכן רעוואַנש, אַזאַ רעוואַנש, וואָס זאָל לייגן די גאַנצע וועלט צו דייטשלאַנדס פיס. און דאָס האָט געמיינט — צו זיינע אייגענע פיס, וואָרן ער האָט זיך באַטראַכט ווי אַן אומצעשיידבאַרער טייל פון דייטשלאַנד... דאָס געפיל פון מפּלה האָט אים געמאַכט צוריקגעצויגענער אין זיך, און טיף אין זיין נשמה האָט געראָיעט דער וואָרים פון שנאה צו אַלץ, וואָס פרעמד און נישט־דייטש.

אויבנאויף האָט יוליוס הערצענבערג דווקא זיך אויפגעפירט ווי ס'האָט געפאָדערט די צייט: ער האָט כלומרשט אָנערקענט דעם נצחון פון זיינע פיינט און זיך אונטערגעגעבן, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט זיי לחלוטין נישט געהאַסט. ער האָט געהאַנדלט מיט טאַקט, מיט דיפּלאָמאַטיע, און דאָס האָט אים באַוואויזן זיך צו בויגן אין דרייען פאַר פרעמדע, בפרט פאַר ענגלענדער, פראַנצויזן און אַמעריקאַנער, און גאָר ספּעציעל אויב ער האָט געדאַרפט קריגן ביי זיי וואַליוטע אָדער אַן אַנדער טובה. ער האָט געזען דיזעלביקע דיפּלאָמאַטיע צווישן די העכסטע ליט און ער האָט זיי פּינקטלעך נאָכגעטאָן. אויך אין דעם נאָכטאָן איז געווען דער ווילן צו זיין אַזוי ריין־דייטש ווי נאָר מעגלעך, און אָט דער ווילן האָט געשטאַמט פון אַן אומדערקלערבאַרן און זייער נעפּלדיקן פאָרגעפיל, אַז די שנאה צו אַלדאָס פרעמדע וועט זיך אינגיכן אויסשפּרייטן אויך אויף אים און אים איינשלינגען. אויב אַמאָליקע יאָרן פלעגט ער נאָך באַזוכן די סינאַגאָגע, האָט ער זיך איצט פון איר אינגאַנצן דערווייטערט און אַפילו געטראַכט וועגן שמד, כדי זיך רעכטצופאַרטיקן פאַר זיינע שכנים. נאָר משמעות, אַז דער פאָטער זיינער האָט קיין טעות נישט געמאַכט אין חשבון, ווען ער האָט אים פאַרבונדן מיט אַן „אָסט־יודין", וועלכע זאָל אָפּהיטן דאָס דינע פעדימל פון משפּחה־בונד. עמאַ האָט יוליוסן טאַקע אָפּגעהאַלטן פון שמד. יוליוס האָט געוואוסט, אַז אויך זי האָט פיינט איר אַמאָליק לעבן און וואָלט זיך גערן באַפרייט פון יעדן צונויפבונד מיט דער פאַרהאַסטער פאַרגאַנגענהייט; פונדעסטוועגן האָט ער זיך קוים דערוועגט צו ריידן מיט עמאַן וועגן זיינע פּלענער. עפּעס איז געווען אין איר, וואָס האָט אים איינגעהאַלטן, ווי מיט צוואַנגען. צי דאָס איז געווען איר אידישלעכער אויסזען — אָט דער שולמית־טיפּ, וואָס איז זיין פאָטער אַזוי געפעלן געוואָרן, — צי ווייל זי האָט נאָך געהאַט שטאַרקע קניפּ, וואָס האָבן זי צוזאַמענגעבונדן מיטן אידישן שטעטל אין פּוילן, אָדער ווייל איר דייטשישקייט איז געווען אַ געקינצלטע, — אַזוי צי אַזוי, האָט פון עמאַן געבלאָזן אויף אים אַ קאַלטער ווינט, אַ פרעמדקייט און אַן אומעט, וואָס האָט דערמאָנט אָן אידישן גלות. דערצו איז נאָך צוגעקומען עלזע, וואָס אין איר איז יוליוס געווען משוגענערהייט פאַרליבט און וועלכע האָט געהאַט דעם אייגענעם שולמית־חן און די אייגענע „גלותדיקייט" אין פּנים, ווי איר מוטער. שווער געווען מיט אַזעלכע צוויי באַגלייטער דורכצוגיין דאָס לעבן ווי אַן עכטער, גוייִשער דייטש...

יוליוס הערצענבערג האָט גערופן זיין טאָכטער „די שיינע עלזע", און אַזוי האָבן זי גערופן שפּעטער אַלע די, וואָס האָבן זי געקענט. די עלטערן

האָבן איר נעגעבן אַ פּרייע, פּאַטריאָטישע דערציאָונג, ווי ס'האָט געפּאַסט פּאַר אַ מיידל פון אַ רייכער בערלינער משפּחה. פון איר אידישן אָפּשטאַם האָט זי קוים עפּעס געוואוסט. פון קינדערווייז אויף האָט זי געוויזן אַ נייגונג צו מוזיק און די עלטערן זיינען געווען גליקלעך מיט איר פעאיקייט צו שפּילן פּיאַנאָ; דאָס האָט געקאָנט זיין אַ סגולה צו עפענען וואָס ברייטער די טירן פון דער „בעסטער געזעלשאַפט". יוליוס האָט געחלומט חתונה צו מאַכן זיין טאָכטער מיט אַן אַריסטאָקראַטישן אָפיציר, אָבער עלזע האָט נישט ליב געהאַט די מיליטערליים, הגם זי איז יאָ געווען פאַרליבט אין די שיינע מונדירן און גאָלדענע עפּאָלעטן, וואָס זי האָט אַזוי אָפט געזען בעת דער מלחמה. משמעות, אַז דער ווידערווילן צו מיליטערליים איז געלעגן אין איר בלוט. דערפאַר האָט זי אָבער געהאַט אין זיך דעם גאַנצן ראָמאַנטיזם פון דער „לאָרעליי", וואָס זי האָט אַזוי ווייך אויסגעשפּילט אויף דער פּיאַנאָ. די ראָמאַנען, וואָס זי האָט געלייענט, האָבן איר זעלטן אַנטציקט מיט זייערע באַוואָפנטע, אומבאַזיגבאַרע העלדן, וואָס גנבענען אַרויס די געליבטע פון איר עלטערן־הויז און שלאָגן זיך אויף דועלן מיטן קעגנער; זי האָט געחלומט פון אויסגעבליכטע יונגעליים, וואָס וואַרטן אונטערן באַלקאָן אויף אַן איינ־ציקן בליק פון דער געליבטער און שטאַרבן מיט אַ שמייכל פון ליבע אויף די ליפּן. דער טאַטע, וועלכער האָט געלייענט עלזעס אינטימע מחשבות, האָט געטראַכט מיט רציחה: „דער מאַמעס בלוט"...

יעקב בליצשטיינס אָנקום אין בערלין איז פאַר די הערצענבערגס געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. ווער ווייסט ווער ס'האָט דערפון מער געליטן: עמאַ אָדער יוליוס. עמאַ האָט אים נישט געקאָנט אַרויסטרייבן פון איר שטוב און אים געמוזט אָנערקענען ווי אַ ברודער, ספּעציעל ווען ער האָט דערציילט, אַז ער איז אין געפאַר, און ווען ער האָט דערצו נאָך מיטגעבראַכט זיין כלה, שיי־נע־שרה, וואָס איז אַמאָל געווען עמאַס אינטימסטע חברטאָרין. יוליוס הער־צענבערג האָט געמוזט פאַרבויגן אויף אַלע זיינע „פּרינציפּן" און נאָכקומען עמאַס פאַרלאַנג זיי צו האַלטן אין זייער הויז. נאָר אַ פּאָר וואָכן צוזאַמענ־לעבן מיט די „אָסט־יודען" זיינען פאַר אים געווען גענוג. ער האָט זיי פון זיין הויז נישט אַרויסגעטריבן (ער האָט דאָך פּאַרט געשטאַמט פון אַ פרומ־מער פראַנקפורטער משפּחה מיט איר טראַדיציע פון הכנסת־אורחים), נאָר ער אַליין האָט דאָס הויז פאַרלאָזט. ער האָט אָנגעהויבן אַרויספאָרן אויף לאַנגע דאַטשעס און געשעפט־רייזעס, איבערלאָזנדיק עמאַן אַליין מיט איר „געזינדל". און ער האָט באַשלאָסן, אַז וואָס עס זאָל נישט געשען, מוז ער באַטש עלזען „אַרויסראַטעווען" פון אַט דער אַטמאָספער.

אַז יוליוס איז איינמאָל צוריקגעקומען אַהיים און האָט דאָרט גע־טראָפֿן זיין שוואָגערס דייטשע חברים, האָט ער צוערשט פרייער אָפּגעאָ־טעמט; דאָס זיינען געווען באַקאַנטע זשורנאַליסטן און פּאָליטיקער, און ער האָט געהאַט גרויס פאַרגעניגן זיך מיט זיי צו באַקענען אויף אַ מאָמענט. אַז ער האָט זיך דערוואוסט וועגן די אידייען פון אָט די מענטשן, איז ער אָבער געוואָרן אויסער זיך פאַר כעס.

„הייסט עס, אַז ס'איז אמת — האָט ער געטראַכט, — אַז די אידן און די באָלשעוויקעס זיינען איינע און די זעלביקע פאַררעטער פון דייטש־לאַנד" — און ער האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס ער האָט זיך באַלד נישט געכאַפּט אויף אָט דעם „אמת"... ער האָט באַשלאָסן צו האַנדלען ענערגיש. ער האָט געהאַט בדעה איבערצוגעבן דעם ענין אין די מיליטערישע קרייזן, וואו ער האָט זיך שוין געהאַט געעפנט אַ טירל, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַל־טען דערפון, ווייל מיטאַמאָל האָט ער מורא געקראָגן פאַר דעם געדאַנק, אַז דאָרט, אין די מיליטערישע קרייזן, וועט ער מוזן אויפדעקן די וואונד פון עמאַס אָפּשטאַם... איינמאָל האָט ער אָפּן זיך דורכגערעדט מיט בליצשטיי־נען און אים געבעטן צו פאַרלאָזן זיין הויז צוזאַמען מיט זיין „באָלשעוויס־טישע באַנדע"; נאָר זיין שוואָגער האָט זיך אויסגעלאַכט:

— מיר שטייט אויך אָן צו וואוינען אין אַ גבירישע הויז, שוואָגער טייע־רער — האָט יעקב בליצשטיין געלאַכט, און דאָס געלעכטער האָט געשניטן יוליוס הערצענבערגס האַרץ, ווי אַ שאַרפע שווערד. — זאָג נאָר, אַ סך האָסטו געהאָרעוועט אויף דיין הויז? נישקשה, אונזער באַוועגונג האָט אין דעם מער חלק ווי דו. אויסערדעם, איז עס נישט אויף לאַנג. איך גיב דיר מיין וואָרט, שוואָגער.

דער צונאָמען „שוואָגער" האָט יוליוסן צעמישט. דאָס איז געווען, ווי מ'וואָלט אים געצוואונגען צו קוקן דעם ביטערן אמת גלייך אין די אויגן. ער איז אריין אין גרימצאָרן, סיי צוליב אָט דעם ביטערן אמת, סיי צוליב דעם, וואָס בליצשטיין האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיין, יוליוסעס, אייגנטום. אָבער זיין צאָרן האָט נישט געהאָלפן. בעת ער האָט געשריען און געשאָלטן, האָט זיין שוואָגער וויטער געלאַכט.

יוליוס הערצענבערג איז געוואָרן זיין שוואָגערס אַ דם־שונא, אָבער גלייכצייטיק האָט ער פאַר יעדן פרייז געוואָלט פאַרמיידן אַן עפנטלעכן סקאַנ־דאַל. דערהויפּט האָט ער זיך געשראָקן פאַר די צייטונגען, — טאָמער ווערט ערגעץ פאַרעפנטלעכט, אַז דער געפערלעכער באָלשעוויק און פוילישער איד יעקב בליצשטיין איז זיין שוואָגער. וועגן חתונה מאַכן עלזען אין דער

„בעסטער געזעלשאַפט" וואָלט שוין דעמאָלט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. דאָס איז געווען אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג. עטלעכע מאָל האָט ער געצוואונגען עמאַן צו ריידן מיט איר ברודער וועגן דעם, אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפֿן. דער שוואָגער האָט זיך איינגעשפּאַרט. דאָס הויז אויף אוגסבורגערשטראַסע אין שאַרלאָטענבורג איז נישט נאָר געוואָרן אַ מין גענעראַלשטאַב פֿון יעקב בליצשטיינען און זיין „באַנדע", נאָר ער האָט אַהין אַפילו אַריינגענומען פּערמאַנענטע געסט, זיי דאָרט געגעבן צימערן און דאָרט געשאַלטעוועט, ווי איבער זיין אייגן פאַרמעגן.

און אַז יוליוס הערצענבערג האָט זיך דערוואוסט, אַז בליצשטיינס אַ חבר — דניאל שטאָפּלער — האָט צו טאָן עפּעס מיט זיין טאָכטער עלזע, האָט ער באַשלאָסן, אַז מער טאָר ער קיין איין מינוט נישט פאַרלירן. צו קיין ערגערס האָט ער זיך גאָרנישט געקאָנט דערטראַכטן. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז נישט נאָר האָט מען צוגענומען זיין הײם, נאָר מען וויל אויך צונעמען זיין טאָכטער — די אַקס פֿון אַלע זיינע צוקונפֿט־חלומות. ער האָט דערפֿאַר מער נישט געטראַכט און זיך באַזעצט צוזאַמען מיט עלזען אין אַן אַנדער הויז, אויך זיין אייגנטום, וואָס ער האָט במשך פֿון יאָרן געהאַט פֿאַרדונגען צו אַן אַרמיי־קאָמאַנדיר. דער צופֿאַל האָט געוואָלט, אַז זיין לאָקאַטאָר זאָל זיך אַרויסציען אויף דער פּראָווינץ, וואו ער האָט אָנגעפֿירט מיט אַ געהיימער אָפיצירן־שולע, און יוליוס הערצענבערג האָט עס אויסגענוצט. ווי אַ גוטער סטראַטעג בשעת אַ געפֿאַר, — אַזוי האָט ער זיך צוריקגעצויגן אויף אַ געוויסן שטח, כדי פֿון דאָרט צו אָבסערווירן דעם שונא און אים אָנגרייפֿן און צעקלאַפּן אינם פּאַסיקסטן מאָמענט. ער האָט צוגענומען עלזען צו זיך, אָבער נאָך אַלץ מורא האָבנדיק פֿאַר אַ סקאַנדאַל, וואָס וואָלט געקאָנט שעדיקן איר צוקונפֿט, האָט ער אָנגעשריבן צו זיין פֿרוי אַ קורץ בריוול:

„כ'האָב איינגעאָרדנט אונזער הײם אויף דער גאַס איקס... אויב דו ווילסט פֿאַרלאָזן דיין אידיש־באָלשעוויסטישע באַנדע, וועסטו זיין ווילקאָמען. עלזע איז מיט מיר".

עמאַ האָט זיך אַריבערגעקליבן אין דער נייער הײם, וועלכע איז געווען אַ סך עלעגאַנטער ווי די ערשטע. דאָס איז געווען אַן אמתער פּאַלאַץ, מיט גרויסע בראָנזענע טויערן, זיילן, פֿאָנטאַנען און אַ גערוימער גאָרטן מיט רויזן, נעלקן און אַנדערע דופֿטנדיקע און פֿילקאָלירנדיקע בלומען. עלזע איז אין דעם פּאַלאַץ געוואָרן אַרומגערינגלט מיט אַ צאָלרייכער דינערשאַפֿט, מיט אַלערליי צערטלעכקייטן און אויפֿמערקזאַמקייט. ס'זיינען דאָרט אָפֿט

איינגעלאָדן געוואָרן געסט און מ'האָט געפּראַוועט לוקסוסדיקע בעלער. פונדעסטוועגן איז עלזע געווען אומעטיק. זי האָט געבענקט נאָך איר צימערל אויף דער אוגסבורגערשטראַסע, און זי האָט אָפט געטראַכט וועגן דעם וויסן באַלקאָן אירן, אונטער וועלכן עס שטייט אַ בלייכער, בענקענדיקער יונגערמאַן, גרייט צו שטאַרבן פאַר איר בליק.

יוליוס הערצענבערג האָט אין זיין פּאַלאַץ געזען דעם אָנהויב פון דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע חלומות. ער האָט דערפאַר באַשלאָסן צו בלייבן וואוינען אין דעם פּאַלאַץ און צו פאַרדינגען דאָס הויז אויף דער אוגסבורגערשטראַסע. ער האָט עטלעכע מאָל געשריבן דראָאונג־בריוו צו יעקב בליצשטיינען, אויפפאָדערנדיק אים צו פאַרלאָזן זיין הויז. בליצשטיין האָט שטענדיק געענטפערט זייער פּינקטלעך, דאַנקענדיק פון טיפן הארצן פאַר דער „גאַסטפריינדלעכקייט לטובת דער זאַך פון פרייהייט און יושר"; דערביי האָט ער צוגעגעבן העפלעך, אַז ער פילט זיך אין זיין הויז זייער באַקוועם און האָט דערפאַר נישט קיין אורזאַך זי צו פאַרלאָזן.

דאָס האָט יוליוסן אַרויסגעבראַכט פון די כלים. ער פלעגט גאַנצע טעג אַרומגיין פאַרביטערט, שילטן עמאַן מיט אירע „אָסט־יודישע שוויינען" און טראַכטן וועגן נייע, מער ווירקזאַמע אָנגריף־מיטלען. איינמאָל האָט ער אין אַ בריוו געסטראַשעט בליצשטיינען מיט מסירה און אים געגעבן אַכט און פערציק שעה צו ענטפערן. יעקב בליצשטיין האָט געענטפערט איידער דער טערמין האָט זיך געענדיקט:

„מיין פריינד דער פּאָליציי־פּרעזידענט וועט זיין זייער צופרידן איבערצונעמען דאָס הויז פון דעם קאַפּיטאַליסט יוליוס הערצענבערג, ווייל עס איז נויטיק פאַר עפנטלעכע צוועקן".

יוליוס הערצענבערג האָט זיך פאַר דער קעגן־דראָאונג נישט פאַרלוירן. ער האָט געענטפערט:

„די באָלשעוויקעס־באַנדע האָט נאָך פיר און צוואַנציק שעה צו פאַרלאָזן מיין הויז, און אויב זי וועט עס נישט טאָן, וועלן פון איצט אָן ריידן מעשים אָנשטאָט ווערטער".

און ער האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן, וואָס האָט זיך איצט געלאָזט אויספירן זייער גרינג. ער האָט געקראָגן די עצה פון אַן אָפיציר, וואָס האָט זיך געשדכנט צו דער שיינער עלזע.

— איר גיט עס איבער צו מיר, וועט איר זען ווי גיך איר וועט צוריקקריגן אייער אייגנטום — האָט דער אָפיציר געזאָגט מיט אַ דין שמייכעלע. — אפשר וועט זיין אַ שטיקל סקאַנדאַל, אָבער איך גיב אייך מיין וואָרט,

אַז אייער נאָמען וועט בלייבן אַן אַ פלעק. די באָלשעוויקעס שפּילן איצט זייער לעצטע קאָרט. דאָס איז אייך אוודאי באַקאַנט, הער יוליוס הערצענבערג. דער טאָג פון חשבון איז נאָענט פאַר די פאַררעטער פון פאָטערלאַנד.

יוליוס הערצענבערג האָט שטילערהייט געשטיצט מיט גרויסע סומעס געלט דעם אָפיצירס געהיימע באַוועגונג. דעריבער זיינען אין זיין הויז אָפּט געקומען וויכטיקע געסט פון דער הויכער געזעלשאַפט און דאָרט געשכורט גאַנצע נעכט. אין זייער שכרות האָבן די געסט גערעדט וועגן דעם נאָענטן „טאָג פון חשבון", צוזאָגנדיק נקמה צו נעמען פון די באָלשעוויקעס און „שמוציגע יודען". יוליוס הערצענבערגן האָט עס נישט געאַרט. ער האָט נישט געקאָנט ווערן אריינגענומען אין דער קאַטעגאָריע פון „שמוציגע יודען". דאָס האָט מען געמיינט די „אָסט-יודען", די אַנגעלאָפענע עמיג־ראַנטן, וואָס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך דעם גייסט פון פאַרראַט און באָלשעוויזם. אויסערדעם, האָט ער, יוליוס הערצענבערג, סיי־ווי־סיי באַ־שלאָסן איבערצוריסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיט דער אידישער פאַרגאַנ־גענהייט זיינער, אַזוי גיך ווי מ'וועט באַשטימען דעם טאָג פון עלזעס חתונה מיטן אָפיציר יאָאַכים פאָן אייכען.

איצט האָט דערזעלביקער אָפיציר, זיין צוקונפטיקער איידעם, אים פאַר־געשלאָגן זיין הילף. פאַרוואָס זי נישט אָננעמען?

פונדעסטוועגן האָט יוליוס הערצענבערג אים נישט דערציילט דעם גאַנצן אמת. ער האָט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט, אַז יעקב בליצ־שטיין איז זיינער אַ שוואָגער.

— אַ שלעכטער לאָקאַטאָר, וואָס האָט זיך אַנגעזעצט און וויל נישט פאַרלאָזן מיין הויז. ס'קומט אויס צו גיין דורך געריכט אָדער פּאָליציי, נאָר זיי אַלע זיינען פאַרקויפט צו די פאַררעטער פון פאָטערלאַנד. נישט אמת, ה' פאָן אייכען?

— גוט געזאָגט, הער יוליוס הערצענבערג! צוליב אָט די פאַררעטער האָבן מיר געמוזט אַוועקליינען צייטווייליק אונזערע וואָפן. אָבער אויך זייער טאָג איז שוין נאָענט. איך פאַרזיכער עס אייך, הער יוליוס הערצענבערג. אַך, ווי זיס וועט זיין די נקמה! אָן שום איינזען, וועלן מיר זיי אַלע אויס־ראָטן ביזן גרונט; מיטן וואָרצל וועלן מיר זיי אַרויסרייסן פון דער דייטשער ערד, און דעמאָלט וועט אונזער דייטשלאַנד קאָנען הערשן איבער דער וועלט. מיר זיינען אַ פאָלק פון הערשער און אַלע אַנדערע פעלקער וועלן זיך אונז מוזן אונטערוואַרפן, אויב זיי וועלן האָבן חשק צו בלייבן לעבן. איר

מעגט רואיק זיין, מיין ליבער הער יוליוס הערצענבערג. לאָזט עס איבער צו מיר, וועלן מיר זיי שוין ווייזן ווער שטארקער איז!

יוליוס איז געווען צופרידן פון זיין פּלאַן. יענע נאכט האָט ער זיך רואיק געלייגט שלאָפן און געחלומט ליכטיקע בילדער פון דער צוקונפט:

— יאַאכים פאָן אייכען — האָט ער געשעפּטשעט אַ שמייכלענדיקער.

— פאָן אייכען... עלזע פאָן אייכען... אך, דאָננערוועטער!

קאַפּיטל 3.

דאָס הויז אויף דער אַוגסבורגערשטראַסע

ס'איז געווען אַ מוראדיקע אַנטוישונג פאַר דניאלן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון שיינע־שרהן, אַז די משפחה הערצענבערג איז אַוועק פון איר הויז אויף דער אַוגסבורגערשטראַסע און זיך אַריינגעקליבן אין אַ פּאַלאַץ. זיינע האָפנונגען אויף עלזעס ליבע האָבן אָנגעהויבן צערינען. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַוועקגעלאָזט אין דער רייכער געגנט, וואו דער פּאַלאַץ איז געשטאַנען צווישן פרוכט־ביימער און בלומען־בייטן, און אומזיסט האָט ער דאָרט געוואַרט שעהען לאַנג — טאָמער וועט עלזע זיך באַווייזן. די מאַסיווע רויטע ציגל־ווענט האָבן זי פאַרשלונגען, און די שטרענגע אוניפאָרמירטע וועכטער ביי די טירן האָבן געהיט די טריט פון יעדן פרעמדן מענטשן, וואָס האָט זיך דערוועגט צו קומען שטערן איר רו.

אין זיין פאַרצווייפלונג, האָט דניאל פונדעסטוועגן זיך דערפילט פרייער אַריינצוקומען אין דעם הויז אויף דער אַוגסבורגערשטראַסע, זינט עלזע איז דאָרט נישט געווען און דאָס האַרץ האָט אים נישט אויפגעציטערט ביים געדאַנק, אַז זי קאָן זיך פּלוצים באַווייזן פאַר אים. יעקב בליצשטיין, וועלכער האָט אים מיט עטלעכע יאָר צוריק אַזוי פאַרוואונדעט און אַריינגעשפּיגן אין דער נשמה, האָט איצט מער נישט דערמאָנט די פאַרגאַנגענהייט. די צייט האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרהיילט יענע וואונד און בליצשטיין האָט אַפילו געפּרואווט ווידער אַריינציען זיין אַמאָליקן תלמיד אין דער „אַקטיווער אַרבעט". דניאל האָט דערפון נישט געהאַלטן. ער האָט איצט געלעבט מיט זיינע אייגענע חלומות און געוויטיקט מיט זיין אייגענעם ווייטיק מער ווי מיטן ווייטיק פון דער וועלט. אויסערדעם, זיינען פאַר דער צייט פאַרגעקומען אַ סך זאַכן, רייסערייען און שפּאַלטונגען, וואָס זיינען אים נישט געפעלן געוואָרן. ער איז געווען באַשאַפן פאַר אַ גרויסן באַפרייאונגסאַקט, אָבער נישט פאַר קליינלעכע אַרומרייסענישן. ער האָט געהאַט דעם

איינדרוק, אַז אידעאַליזם ווערט בכלל אויסגעוועפּט ביי מענטשן און אַז יעדער טראַכט נאָר וועגן זיין אייגן וועלטעלע, באַהאַלטנדיק אָט די טראַכ־טונגען אונטער אַ שלייער פון אידעאַליזם. ס׳איז אים אויך נישט געפעלן געוואָרן דאָס פאָלק, צווישן וועלכן ס׳איז אים אויסגעקומען צו לעבן און וועמעס זין ער האָט טאָג און נאַכט באַגעגנט אין דער קנייפּע, וואָס איז געווען הארט לעם זיין וואוינונג און אַטעליע. ער האָט נאָכאַנאַנד געפילט אויף זיך שטעכיקע בליקן פון מענטשן, וואָס פאַרגינען נישט דאָס לעבן און אָפּט האָט מען אים אויך אַריינגעוואָרפן דאָס וואָרט „יודע". זינט דער מעשה־זאַמעטשאָוו איז ער געוואָרן סענסיטיווער בנוגע זיין אידישקייט: ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, מ׳זאָל זי אים פאָרוואַרפן, ווי אידישקייט וואָלט געווען אַ געפערלעך פאַרברעכן; אומעטום האָט ער געזען שונאים — מענטשן, וואָס טאַנצן אַרום שוואַרצע צלמים און זיינען פול מיט בלוט־דורשט.

יעקב בליצשטיין האָט דניאלס מיינונגען גערופן „שאָוויניסטישער סם", אָבער דניאלן האָט עס ווינציק־וואָס געאַרט. ער האָט אפילו געוואָרנט זיין אַמאָליקן לערער:

— אויך אין אייערע רייען, חבר בליצשטיין, קוקט מען אויף אידן אַנדערש. איך ווייס עס. כ׳האָב עס אַליין דורכגעמאַכט, ווען איך בין געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג. און אויב איר מיינט, אַז אויף אייך קוקט מען בעסער, האָט איר אַ טעות, חבר בליצשטיין. זיי האָבן שטענדיק אין זינען, אַז איר זייט אַ פרעמדער, אַן איינגעבעטענער גאַסט אויף אַ ווייל, און מען וואָלט אפשר געדאַנקט גאָט ווען מ׳ווערט פטור פון אייך...

יעקב בליצשטיין האָט דעם דאָזיקן „סם" נישט געקאָנט פאַרטראָגן. אָבער שיינע־שרה האָט געהאַלטן מיט דניאלן, — נישט אַזוי צוליב איר איבערצייגונג, אַז ער איז גערעכט, ווי צוליב דעם, וואָס אויך זי איז געווען אַ מין „איינגעבעטענער גאַסט אויף אַ ווייל", און זי האָט געוואוסט, אַז דער לאַנגיעריקער חתן אירער וואָלט וועלן פטור ווערן פון איר.

ווען די פאַמיליע הערצענבערג האָט פאַרלאָזט דאָס הויז, איז איר גע־וואָרן אביסל גרינגער, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז יעקב בליצשטיין וועט זיך איצט אָן איר נישט קאָנען באַגיין. זי איז געוואָרן די באַלעבאָסטע פונם גרויסן הויז און אין אירע הענט איז געלעגן צו מאַכן בליצשטיינען באַקוועם אָדער אומבאַקוועם. די ראָל פון אַ באַלעבאָסטע איבער איר חתנס שטוב איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן.

מיטאַמאָל האָט זיך אָבער אונטערגערוקט אַן אומדערוואַרטע נעשעעניש.

ס'איז געווען אַ האַרבסטיקע נאַכט; פונדעסטוועגן האָט שוין אַ נעפּל־דיק־ווייסלעכער הימל זיך געשאָטן אין פוך איבער דער שטאָט.

אינם הויז אויף דער אוגסבורגערשטראַסע איז געווען ליכטיק און טומל־דיק. אינם שטאַרק אָנגערויכערטן סאַלאָן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ פּאָר צענט־ליק מענטשן, וואָס זיינען געווען אויסגעזעצט אויף די פּליושענע שטולן און סאָפעס. אַנדערע האָבן זיך אַרומגעדרייט אונטער די עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס זייער בלענדנדיק ליכט האָט זיך געראַנגלט מיט די בלויע רויך־וואָלקנד־לאַך פון דער לופט. די אַלע מענטשן האָבן גערעדט, דיסקוטירט. אין אַ ווינקל, ביי אַ קיילעדיק, עלעגאַנט־פּאָלירט טישל, זיינען אויף דריי שטולן געזעסן די אָנפירער פון דער גרופּע, וועלכע האָבן גערעדט צווישן זיך מיט היץ און ליידנשאַפט. פון צייט צו צייט האָט איינער פון זיי זיך אַ שטעל געטאָן, רויט ווי צונטער, און געדונערט מיט אַ מעכטיק קול, זוכנדיק אי־בערצושפּאַרן זיינע קעגנער.

אין יענעם טומל זיינען שמייכלענדיקע, גליקלעכע, אַרומגעלאָפן די „באַלעבאַטים" פונם הויז — יעקב בליצשטיין און זיין כלה שיינע־שרה, — מיט סערוויז־טאַצן אויף די הענט, טעפּלאַך שאָקאָלאַד און דעליקאַטעסן, וואָס זיי האָבן פאַרגעלייגט די געסט. אויך דניאל איז געווען באַשעפטיקט. ער האָט צוגענומען גלעזער, גערוקט שטולן, געלאָפן אין קיך און צוריק. כאָטש בליצשטיין האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז ער טראָגט מיט זיך „שאָ־וויניסטישן סם" און אַז ער איז נישט „פון זיין טייג געקנאָטן", האָט ער אים נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם מענטשן, און ווי אַן אייגענער, האָט ער אים אַריינגענומען „אין דער משפחה", צו באַדינען די געסט.

די „באַלעבאַטים" פון שטוב האָבן זיך אויך באַטייליקט אין די דיס־קוסיעס, ספּעציעל יעקב בליצשטיין. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט לעם אַ רעדל מענטשן און אַריינגעשריען. שיינע־שרה האָט, ווי דניאל, מער געהערט ווי גערעדט. לסוף האָט זי זיך אוועקגעזעצט אויפן אָנלען פון אַ פאָטעל און אַרום איר איז געוואָרן אַ רעדל. זי האָט זיך באַמיט צו ריידן אַזאַ קאָרעקטן דייטש ווי מעגלעך, נוצנדיק אָפט דאָס וואָרט „יאַוואָהל!". איר פאַרעלטערט פּנים איז געווען שטאַרק געפּודערט, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן צו פאַרשטעלן די רונצלען פון איר הויט. בעתן רעדן האָט זי נאָכ־געקוקט יעקב בליצשטיינען, וואָס האָט זיך געשמאַק אונטערהאַלטן מיט צוויי „גענאָסינס" — איינע אַ יונגינקע, כמעט אַ קינד, מיט דינע ברעמען־

ארקן און קליינע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען צו לאַכן פון אַלעמען; די צווייטע, אַ דינע און אַ שטאַלטנע, מיט הויך־אַרויפגעקעמטע, גאָלדיקע האָר. שיינע־שרה האָט געשמייכלט, זוכנדיק צו באַהאַלטן איר איפערזוכט.

דער עולם האָט זיך געהיצט וועגן אַט די זאַכן, וואָס זיינען דניאלן אַזוי ווינציק געפעלן: וועגן אינעווייניקסטע פּאַרטיי־רייסעריייען און קליינינקע זאַכן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן סדר־היום און וואָס האָבן בסדר געדראָט מיט פּאַרוואַנדלען די רעוואָלוציאָנערע משפחה אין עטלעכע טויט־פיינטלעכע לאַגערן. ביים פּרעזידיום־טיש איז אָנגעגאַנגען אַ ווערטער־דועל, ווי מיט מעסערס, און דאָרט איז עטלעכע מאָל געוואָרפן געוואָרן דאָס וואָרט „פּאַרראַט".

שיינע־שרה איז גיך געבליבן איינע אליין אויפן אָנלען פונם פּאָטעל, ווייל אירע מיטשמועסער האָבן זיך דערנענטערט צום פּרעזידיום־טיש, אויסצוהערן דעם ווערטער־קאַמף־צווישן די הויפּט־טוער פון דער באַוועגונג. דניאל האָט זי באַמערקט און אומעטיק אַ שמייכל געטאָן. ער איז צוגעקומען צו איר.

— איך זע, אַז פאַר דער צייט, וואָס איך בין געווען דערווייטערט, זיינען אונזערע לייט געוואָרן אַ היפּש ביסל נאַרישער... זיי קריגן זיך אַרום צווישן זיך, בעת דער שונא שאַרפט די ציין. פאַרוואָס אַזאַ טרויעריק פּנים, שיינע־שרה? שטאַרק מיד?

— יאָ, שטאַרק מיד, דניאל. דאָס לעבן מאַכט מער מיד ווי די אַרבעט, גלויבט מיר... — האָט זי צווייִדייטיק אַ זאָג געטאָן און געקוקט צו בליץ־שטיינען, וועלכער האָט זיך נאָך אַלץ אונטערהאַלטן מיט איינער פון זיינע דאַמעס, אַט די, וואָס האָט אַמייסטן געוועקט שיינע־שרהס איפערזוכט — די הויכע מיט די אַרויפגעקעמטע האָר.

אין דעם מאָמענט איז ביים פּרעזידיום־טיש געוואָרן טויט־שטיל. דער ווערטער־דועל, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן די פּאַרטיי־פירער, האָט צוגע־צויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און דער עולם האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס — נישט אַזוי צוליב דעם ענין, וואָס מ'האָט דאָרט דיס־קוטירט, ווי צו זען ווער עס וועט אַרויס דער זיגער פון דעם פאַרביסענעם קאַמף. די דיסקוטאַנטן זיינען געווען יאָאַכים וועסטהויזער און חבר קאַרל — קאַרל דאַרמשטעטער.

יאָאַכים וועסטהויזער, דער טעאָרעטיקער, איז געווען אַ מענטש אַן איבערלייגטער און אַ קאַלטער, ווי אייז. ווען אַנדערע האָבן זיך געקאָכט, האָט ער געוויינטלעך זיך צוגעהערט רואיק און מיט אַ חוזק־שמייכעלע,

אָנבויגנדיק אַביסל זיין קאָפּ, כדי גאָרנישט צו פאַרלירן פון דעם קעגנערס אַרגומענטן. אָבער אַזוי גיך ווי ער, יאָאַכים ווערסטהויזער, האָט אַרויסגערעדט די ערשטע ווערטער, שטענדיק שאַרפע, ווי פיילן, איז דער קעגנער געלעגן צו זיינע פיס. זיין וואָרט איז געווען פאַר אַלעמען אַ געזעץ, פאַר אַלעמען, אויסער פאַר דעם קליין־געוואַקסענעם, שמייכלענדיקן און אַרבעטזאַמען חבר קאַרל. צווישן די צוויי פאַרטיי־פירער האָט געהערשט אַ שטילע, פאַרביסענע שנאה. חבר קאַרל האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם אויטאָריטאַטיוון טאָן פון זיין קעגנער, בעת ווערסטהויזער האָט נישט געקאָנט מוחל זיין פאַרוואָס אָט דער קאַרל, וועלכער איז געשטאַנען מיט צען קעפּ נידעריקער פאַר אים אין הלכות־טעאָריע, האָט זיך דערוועגט אים איבערצושפּאַרן און אָפּט אויך אים צו באַזיגן, — אַ זאַך, וואָס ווערסטהויזער האָט נישט צוגעגעבן. דאָס איז געשען פון צייט צו צייט ביי ענגע פאַרטיי־זיצונגען, קיינמאָל נישט אין דער עפנטלעכקייט; פאַר דער וועלט, פאַר דער מאַסע, האָט געהערשט צווישן זיי די אידעאַלסטע האַרמאָניע, אוןביידע זיינען געווען פאַרבונדן דורך דערזעלביקער קייט פון פאַרטיי־דיסציפּלין. אָבער פאַר דער לעצטער צייט האָט די שנאה גענומען פלאַקערן אָפן פאַר אַלעמען. און נישט נאָר דאָס: זי האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף אַנדערע חברים, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געשאַפן צוויי פיינטלעכע לאַגערן, גרייט צו קעמפן אויף לעבן און טויט פאַר זייערע פירער.

קאַרל האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקן אופן ווי אַזוי זיך קעגנצושטעלן דעם טעאָרעטיקער יאָאַכים ווערסטהויזער. אַז ווערסטהויזערס אַרגומענטן האָבען אים נישט איבערצייגט, האָט קאַרל געשמייכלט מיט אומגלויבן, און אָט דאָס שמייכעלע האָט דערנאָך זיך אויסגעגאָסן אין עטלעכע ראַפינירטע און שאַרפע זאַצן, וואָס האָבן דערשטוינט די צוהערער מיט זייער לאָגיק און איבערצייגונגס־כוח. ווערסטהויזער האָט מורא געהאַט פאַר קאַרלס ספקות־שמייכעלע, קעגן וועלכן ער האָט געזוכט זיך צו ווערן דורך אַן אָנשטעל פון זיכערקייט און איינגעגלויבטקייט אין זיך אַליין. איצט, אין דעם „הויז פון די בליצשטיינס" — אַזוי האָט מען גערופן אָט דאָס הויז פון יוליוס הערצענבערג, — האָט מען דיסקוטירט וועגן אַ „נייער געפאַר", וועגן אַ מענטשן, וואָס ווערסטהויזער האָט גערופן „דאָס געשפּענסט פון אָריענט". ווערסטהויזער האָט פאַרזיכערט, אַז אָט דער „געשפּענסט פון אָריענט" איז פון דער נאַטור אויס אַ קאָמבינאַטאָר, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אינם אַלטן אידישן גייסט פון פּלפּול, און וואָס אים אַרט נישט, אַז דייטשלאַנד זאָל ווידער גע־

שיקט ווערן אויף דער ערשטער פייער־ליניע, צוליב עפּעס אַ „וועלט־רע־יואָלוציע”.

משמעות, אַז קאַרל דאַרמשטעטער האָט געהאַלטן פּונקט דאָס אומגע־קערטע. מיט זיינע ראַפינירטע און איבערצייגנדיקע רייד, האָט ער דעם טעאָרעטיקער וועסטהויזער אַרויסגעבראַכט פון געדולד, אַזוי, אַז וועסט־הויזער האָט זיך פאַרלוירן און אַ קלאַפּ געגעבן מיט זיין ברייטער, קורצפינ־גערדיקער האַנט איבערן טישל מיט אַזאַ רוגזה, אַז די גלעזער האָבן אַ שפּרונג געטאָן. קאַרל האָט זיגרייך געשמייכלט:

— דאָרט וואו עס פעלט לאָגיק, איז מאַכט אַן אויסגעצייכנטער אַר־גומענט...

די שטעכיקע באַמערקונג האָט אַרויסגערופן אַ געלעכטער ביי זיינע אָנהענגער. נאָר וועסטהויזער, פול מיט זעלבסטווערדע און זוכנדיק מיט אַלע כוחות צו אונטערדריקן זיין צאָרן, האָט געענטפערט תוך־כדי־דבור:

— יאָ, חבר קאַרל, דאָרט וואו לאָגיק העלפט נישט, מוז מען אַמאָל אָנווענדן מאַכט!

נאָר בעת די פּאַרטיי־פירער האָבן זיך געשטאָכן מיט ווערטער און דראָאונגען, האָט צו זייער געהער דערגרייכט אַ טומל פון גאַס. גערויש פון מאָטאָרן, טרובעס פון אויטאָמאָבילן, שטימען. מ'האָט שטאַרק געקלאַפּט אין טיר, געזועצט מיט מעכטיקע פויסטן:

— עפענען! גלייך עפענען, איר „שווינען־באַנדע”!

עפּעס האָט אַ מוראדיקן טראַך געטאָן. אַ שויב איז צעשפּרונגען געוואָרן אויף שטיקער און דאָס גלאָז איז צעפּיצלט געוואָרן איבערן זאַל. די דינע און שטאָלטנע פרוי, וואָס איז געשטאַנען לעם יעקב בליצשטיינען, האָט געכומען חלשן, בעת אַ האָגל שטיינער איז געפאַלן אויף די באַלקאָנען, און אונטן האָבן זיך געמערט די געשרייען:

— עפענען!
— ברעכט־אויף די טיר!
— באָלשעוויקעס זיינען דאָ!
— אַ טויט די קאָמוניסטן!

די מענטשן ביים פּרעזידיום־טישל זיינען געשטאַנען טויט־בלאַס און זיך צוגעהערט צום טומל. אימיצער האָט זיך געכאַפּט פאַרמאַכן די לאָדנס און בליצשטיין איז געלאָפן צום טעלעפאָן.

— העלאָ! העלאָ! — האָט ער אַריינגעשריען אין דער טרובקע. — יאָ,

אונסבורגערשטראַסע נומער... אַן איבערפאַל. נאַצי־יונגען. גיכער, שיקט פּאָליציי! העלאַ!

אינם ליכטיקן זאַל זיינען געשטאַנען עטלעכע געוואַגטע מענער מיט אַנטבלויזטע רעוואָלווערן אין די הענט, גרייט אויסצופירן דעם באַפעל פון דעם הויכן, ביינערדיקן חבר היינריך, וועלכער האָט אין אַזעלכע פאַלן שטענ־דיק איבערגענומען די קאָמאַנדע. היינריך האָט זיך מיט זיין רעוואָלווער דער־נענטערט צום באַלקאָן.

— חברים, חברים! — האָט יעקב בליצשטיין געשטאַמלט אַ דער־שראָקענער. — איך בעט אייך, ׳קיין טומל. גיט נישט קיין ווידערשטאַנד, סיידן זיי וועלן אויפברעכן די טיר. כ׳האָב גערופן פּאָליציי. זי קומט שוין. באַלד איז זי דאָ.

— פּאָליציי? חבר בליצשטיין, צו וואָס האָט איר עס געטאָן? מ׳וועט אונז נאָך...

—איר וועט אַנטשולדיקן, חברים. כ׳האָב געמוזט רופן פּאָליציי. נישט מיין הויז, איר פאַרשטייט... כ׳מוז פאַרמיידן אַן ערנסטן סקאַנדאַל... מיין שוואָגער האָט געסטראַשעט. כ׳האָב מורא, ס׳איז זיין אַרבעט...

ער איז צוגעלאָפן צו היינריכן און אים אָנגעכאַפּט די האַנט, אין וועל־כער ער האָט געהאַלטן דעם רעוואָלווער:

— חבר היינריך, איך בעט אייך. טוט עס נישט. איך ווייס וואָס איך טו. פּאָליציי וועט באַלד מאַכן אָרדנונג. אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג...

נאָר היינריך, אַ הויכער, אַ בלאַסער, האָט מיט אַ קונציקן בויג זיך באַפרייט פון בליצשטיינס האַנט. ער האָט פאַרזיכטיק געעפנט אַביסל דעם לאָדן פון באַלקאָן. באַלד האָט ער אים ווידער פאַרמאַכט און באַפוילן:

— חברים, פאַרלעשט דאָס ליכט!

ווען אין זאַל איז געווען פינצטער, האָט היינריך צוריק געעפנט דעם לאָדן. אינם הויז האָט זיך אריינגעריסן דער טומל פון גאַס. שויבן זיינען צעשפרונגען געוואָרן און אַלץ אַרום האָט געציטערט. מיטאַמאָל האָט אַ טראַך געטאָן אַ שאָס. באַלד איז געוואָרן אַ געדיכטע שיסעריי. פון גאַס האָבן זיך געהערט געשרייען און אַ לויפעריי.

— איצט, חברים, אין גאַס אַראָפּ — האָט זיך דערהערט היינריכס באַפעלעריש קול. — נאָר פאָרזיכטיק! נישט אָנצינדן קיין ליכט! אַראָפּ און צעגיין זיך, פאַרשווינדן איידער עס קומט די פּאָליציי. שיסן בלויז ווען נוי־טיק. די יונגען אַנטלויפן. אין גאַס, חברים, אין גאַס!

מ׳איז געלאָפן טרעפּ־אַראָפּ, צום טויער. אין גאַס איז מען, ווי שאָטנס,

זיך צעגאַנגען אין אַלע ריכטונגען. ווען ס׳איז אָנגעקומען פּאָליציי, איז שוין אַלץ געווען שטיל און דער פּוך האָט זיך ווייטער געשאָטן פונם נעפּלדיק־ווייסלעכן הימל.

אַ קײלעכדיקער, גלאַט־ראַזירטער קאָפּ, שטעכיקע אויגן און פּונקט אַזוי שטעכיקע וואָנסעס, אַ־לאַ־קייסער. דאָס איז געווען דער פּאָליציי־קאָמיסאַר, וועלכער האָט מיט גאַליקע ווערטער אויסגעפּרעגט די אָנקלאָגער. זיין פּנים איז געווען אָנגעגאָסן מיט בלוט. די פּאַרריסענע נאָז האָט זיך נאָך מער פאַר־ריסן, ווען אָט דער קאָפּ, וואָס איז פעסט געזעסן אויף אַ מעכטיק־אויפגע־לאָפּענעם קאַרק, האָט זיך מיליטעריש־שטייף אַ הויב געטאָן איבערן האַרטן, רויט־ און גאָלד־פאַרפּוצטן קראַגן פון זיין מונדיר.

יעקב בליצשטיין און שיינע־שרה — די „לאָקאַטאָרן" פונם הויז אויף דער אַוגסבורגערשטראַסע — זיינען געווען די אָנקלאָגער. דניאל איז מיט־געגאַנגען ווי אַן עדות. קאַרל און יאָאַכים וועסטהויזער זיינען געווען זייערע יורידישע שיצער. זייער פּערזענלעכקייט האָט עס געדאַרפט שטיין אויף דער וואַך און „איבערלאָזן נאָך אַ דאָקומענט פאַר דער געשיכטע", ווי וועסט־הויזער האָט זיך אויסגעדריקט.

— ס׳איז געווען נישט מער ווי אַ פאַמיליע־צונויפקום, מיט עטלעכע איינגעלאַדענע געסט — האָט בליצשטיין דערקלערט דעם קאָמיסאַר. — עס האַנדלט זיך וועגן איינעם פון די הייזער פון דעם גרויסן סוחר יוליוס הער־צענבערג, מיין שוואָגער, וועלכער געפינט זיך איצט אין אַ קוראָרט און ער האָט אונז פריינדלעך געבעטן היטן זיין הויז. אַ פּשוטער באַנדיטן־אָנפאַל, הער קאָמיסאַר. אַ, ניין, מיין הער, מיט פּאָליטישן קאַמף האָט עס לחלוטין נישט צו טאָן.

יאָאַכים וועסטהויזער האָט מיט אַ סך ווערדע צוגעגעבן:

— און איר, הער קאָמיסאַר, ווייסט אַוודאי, אַז אַזעלכע אָנפאַלן ווערן לעצטנס געמאַכט זייער אָפט אין אונזער שיינער הויפּטשטאָט, און זיי אַלע שטאַמען פון דעמזעלביקן מקור: אַ פּאַרטיי, וואָס וויל אונז אריינשלעפּן אין די גרעסטע אומגליקן; אַ פּאַרטיי, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון הפקר־יונגען און פּשוטע רויבער און מערדער. איך בעט, הער קאָמיסאַר, איר זאָלט צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט די אָנפירער פון דער באַנדע.

דעם קאָמיסאַרס פּנים איז נאָך רויטער געוואָרן און זיינע שטעכיקע אויגלאַך האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט רציחה. ער האָט אָבער פאַרביסן די ליפּן

און אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן אונטער זיינע קייסער־וואָנסעס. ער האָט געזאָגט מיט געמאַכטער ליבלעכקייט:

— זייט רואיק, מיינע הערן, איך וועל באַלד געבן די געהעריקע אינס־טרוקציעס. מאָמענטאַל. איך מוז אָבער צוגעבן, אַז איך באַדויער זייער די הערן יאָאַכים וועסטהויזער און קאַרל דאַרמשטעטער, וואָס זיי פּאַרטייִדיקן אַזוי היים אַ אידן־סקאַנדאַל — האָט ער שאַרף אונטערגעשטראָכן די לעצטע ווערטער און דער שמייכל האָט זיך נאָך ברייטער צעצויגן אונטער זיינע וואָנסעס.

חבר קאַרל האָט אַ פינצטערער אַריינגעזאָגט:

— איך האָף, אַז דער הער קאָמיסאַר וועט נישט זיין צופרידן, אויב די זאַך וועט דערגיין צום פּאָליציי־פּרעזידענט אַליין. אונזער פּאָליציי־פּרעזי־דענט האָט ליב אָרדנונג און ער מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן אידן־סקאַנדאַל און אַריער־סקאַנדאַל...

— מיינע ליבע הערן, איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך וועל באַלד געבן די געהעריקע אינסטרוקציעס... ווילט איר נאָך עפּעס?

— יאַוואָהל! — האָט אומגעריכט אַ קלונג געטאָן שיינע־שרהס שטים.

— מיר ווילן נאָך עפּעס. מיר ווילן, אַז דער הער קאָמיסאַר זאָל אונז דער־קלערן פּאַרוואָס ער באַטראַכט עס פאַר אַ אידן־סקאַנדאַל, ווען מיר זיינען די באַפאַלענע און האָבן קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן.

דער קאָמיסאַר האָט זיך אַוועקגעדרייט און עפּעס געברומט צווישן די ציין. דערנאָך, ווענדנדיק זיך צו יאָאַכים וועסטהויזער, האָט ער אוים־גערופן מיט צאָרן:

— מיינע הערן, די אוידיענץ איז געענדיקט!

די מענטשן האָבן גענומען זיך צוריקציען, אָבער אין דעם מאָמענט האָט דניאל געמאַכט אַ טריט פאָראויס און שאַרף געזאָגט, קוקנדיק דעם קאָ־מיסאַר גלייך אין פּנים:

— הער קאָמיסאַר, מיר דערוואַרטן אַן ענטפער אויף דער פראַגע פון דער פריילין!

דער קאָמיסאַר האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט, איבערראַשט פון דניאלס חוצפּה. ער האָט דניאלן באַטראַכט פון אויבן אַראָפּ און אַ שעפּטשע געטאָן שטיל, אָבער שאַרף:

— „זיינט זי יודע”?

— „יאָ, מיין הער, איך בין יודע”! — האָט דניאל אויפגעהויבן שטאָלץ דעם קאָפּ.

— אידן הערשן נישט אין דייטשלאַנד... וואַרפט אים ארויס, דעם „שוויינהונד"!

צוויי באַוואָפנטע מענער זיינען צוגעלאָפן און אָנגענומען דניאלן מיט מעכטיקע הענט. דער קאָמיסאַר האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין גרין־באַלויב־טענעם שרייבטיש און געשיפּעט:

— וואַרפט זיי ארויס! וואַרפט זיי אַלע ארויס פון דאַנען!

מ'האָט זיך שוין געהאַלטן אין געזעגענען, נאָך אַ לאַנגן שפּאַציר איבער די פּוסטע, ווייסלעכע גאַסן, אויף וועלכע דער פרישער שניי איז גיך צעגאַנגען. יאַאַכים וועסטהויזער און קאַרל דאַרמשטעטער האָבן צום ערשטן מאָל אין דער נאַכט זיך גלייך אין די אויגן אריינגעקוקט אוןביידע מיטאַמאָל האָבן אַ זאָג געטאָן:

— נו, ווער איז גערעכט?...

די מענטשן האָבן זיך צעשיידט און זייערע טונקעלע סילועטן האָבן זיך ביסלעכווייז אריינגעוועבט אין דער פינצטערניש פון דער הארבסט־נאַכט.

דניאל, אַן אויפגערעגטער, האָט גערן אָנגענומען די איינלאַדונג צו פאַרבלייבן די נאַכט ביי בליצשטיינען אין שטוב. ווען מ'איז געקומען אַהיים, האָט בליצשטיין אויסגערעדט שיינע־שׂרהן און דניאלן פאַר זייער אומפאַרזיכטיקייט אין קאָמיסאַריאַט:

— צו וואָס זיך שטעלן דיסקוטירן מיט אַזעלכע פינצטערע פאַרשוינען? ווער דאַרף עס ווער? מער ווי צרות קאָן מען דערפון נישט האָבן.

שיינע־שׂרה האָט זיך יענע נאַכט געפּיעשטשעט פאַר איר חתן, ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען ער איז געווען פאַרליבט אין איר. זי האָט זיך פאַרענטפערט אַזוי ווייך פאַר איר „אומגעלומפּערטער האַנדלונג", אַז יעקב בליצשטיין האָט שוין חרטה געהאַט פאַר זיין אויסרייד, ווייל ער האָט דערפילט, אַז שיינע־שׂרה מיינט גאָרנישט דעם ענין פון קאָמיסאַריאַט, נאָר זיין קאַלטקייט צו איר. זי האָט געטוליעט איר קאָפּ צו זיין שטאַרקער ברוסט און געשעפּטשעט אַ לײַדנשאַפטלעכע:

— אך, יאַקאָב טייערער, פאַרוואָס ליידן מיר אַזוי? סיי אַלס אידן, סיי אַלס מענטשן. איז דניאל דען נישט גערעכט?... אך, יאַקאָב, ביסט נישט דער אַמאָליקער גוטער, צערטלעכער יאַקאָב. פאַרשטייסט מיך נישט מער... אַמאָל, יאַקאָב, זיינען מיר געווען איין הארץ, איין נשמה... מיר האָבן זיך אַזוי ליב געהאַט... אַזוי ליב געהאַט...

נאָר יעקב איז נישט גערירט געוואָרן. פאַרקערט: וואָס מער צערטלעכקייט זי האָט געפּרוּוווּט אַרויסווייזן, אַלץ קעלטער איז געוואָרן יעקב בליצשטיין, מאָמענטנווייז אַזש גרויזאַם.

— אָט דער בורזשואַזנער פערד, מיין שוואָגער! — האָט ער אויסגערופן מיט צאָרן. דערביי האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז שיינע־שׂרהס קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן פון זיין ברוסט און זי האָט קוים איינגעהאַלטן די גלייכוואָג, זיך נישט אַראָפּצוגליטשן אויף דער ערד.

שיינע־שׂרה האָט איצט געקוקט אויף איר ליבהאָבער מיט טרויער־גלאַנצנדיקע, אויסגעברייטע אויגן. זי האָט זיך באַמיט צו שמייכלען, און דער טרויער צוזאַמען מיטן געצוואונגענעם שמייכל האָבן געצייכנט אויף איר פּנים אַ גרימאַסע, וואָס האָט אין בליצשטיינען אַרויסגערופן עקל און צאָרן. זי האָט צונויפגענומען די כּוחות און גערעדט, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען, ווי זי וואָלט לחלוטין נישט געפילט די באַליידיקונג דערפון, וואָס זי איז אויף אַזאַ גראָבן אופן אָוועקגעשליידערט געוואָרן פון איר ליבהאָבער אין דער אַנוועזנהייט פון אַ פרעמדן מענטשן, פון דניאלן.

— וואַרט, יאַקאָב, ער איז נאָך אויך נישט פאַרטיק, דיין שוואָגער — האָט זי געזאָגט, און ווי אויף להכעיס זיך צעלאַכט. איר געלעכטער האָט געקלונגען פרעמד און פאַלש. מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ הויב געטאָן און איז אַנטלאָפן אין איר צימער. דאָרט האָט זי זיך איינגעשלאָסן און לאַנג געוויינט, מיטן קאָפּ פאַרגראָבן אין די קישנס.

דניאל האָט זיך צוגעקוקט אַ פאַרגליווערטער צו יענער סצענע. פּלוצים זיינען אים אַ סך זאַכן קלאָר געוואָרן. אַלץ, אַלץ איז אין דעם מאָמענט געווען פאַר אים פאַלש, אומגעלומפּערט, שלעכט און איבעריק. אפילו ער אַליין. ער האָט זיך דערפילט מוראַדיק איינזאַם, געהאַט אַ פאַרלאַנג צו וויינען און בעטן גאָט — פאַר אַלעמען, פאַר אַלץ, פאַר דער גאַנצער ליידנדיקער און בלאָנדזשענדיקער מענטשהייט, וואָס טונקט זיך אין פינצטערניש. ער איז נאָכגעגאַנגען בליצשטיינען ווי אַ פאַרמשפּטער.

זיי זיינען אַריין אין דעם גרויסן זאַל. אין דער פינצטער האָבן זיי געזען די אויסגעהאַקטע שויבן, וואָס האָבן, ווי אויסגערונענע אויגן, געקוקט צום ווייסלעכן דרויסן, וואו דער שניי האָט זיך נאָך אַלץ געשאָטן פונם פוכיקן הימל און איז איצט אַריינגעפאַלן דורך די פענצטער־לעכער אינם זאַל. זיי האָבן אָנגעטראָטן אויף שטיקער צעקרישלטן גלאָז, וואָס האָבן געטרעשטשעט אונטער די פיס. בליצשטיין האָט פאַרמאַכט די לאָדנס און אָנגעצונדן ליכט. די שטאַרקע שיין האָט אַ בלענד געטאָן און דערנאָך האָט

זיך אַרויסגעשײלט אַ בילד, ווי פון אַ פאַגראַמירט הויז: שטײנער זײנען געלעגן אויף דער רויט־געוואַקסטער פאָדלאָגע און אויף די מעבל. אַלץ איז געווען צערוקט, אין אומאָרדנונג. אַ פּאָר שטולן זײנען געלעגן איבערגע־קערט אויף דער ערד. אײנער פון די טײַערע וואַנט־לאָמפּן איז געווען צע־פּיצלט. אין אַן עק פּונם זאַל איז געשטאַנען אַ קאַלוזשע — צי פּונם שניי, וואָס איז דאָרט צעגאַנגען, אָדער פּונם וואַסער, וואָס מ׳האָט געגאָסן אויף דער געהלשטער פרײלין.

די צוויי מענער האָבן שטום זיך איבערגעקוקט און בליצשטײן האָט דער ערשטער גענומען ריידן:

— אַזאַ אויסוואורף, אַזאַ אידיאָט! „פון איצט אָן וועלן ריידן מעשים אַנשטאָט ווערטער”, האָט ער מיר געשריבן, דער אייזל. מעשים קעגן וועמען? קעגן אים אליין... קעגן אים אליין... וואָס אַרט עס מיר? מעשים... מעשים...

דניאלן איז אײנגעפאַלן, אַז אײַנגנטלעך האָט ער נישט אפילו פאַר וועמען זיך אויסצוווײנען און צו וועמען צו בעטן: „דערצו דאַרף מען האָבן אַ גאָט, דניאל... אָדער אַ געליבטע, דניאל”...

אַ קנופּ איז געשטאַנען אינם האַלדז. פאַר זײַן בלאָנדזשענדיקן בליק האָט געשוועבט עלזע.

—דניאל, מײַן נישט, אַז כ׳האָב דיך דאָ פאַרהאַלטן, כדי דו זאָלסט מיך שיצן. — בליצשטײן האָט זיך צעלאַכט. — אַנו, ווײַז נאָר די מוסקולן. אָ, אויך מיר מוסקולן! איך האָב צוטרוי צו מיר אַליין און נאָך מער צו מײַן „שפּײער”... דו האָסט אַ „שפּײער”? ניין? אַ שאָד. פונדעסטוועגן, וועט זײַן היימלעכער. מעגסט זיכער זײַן, דניאלקע, אַז מער וועלן זײ נישט צו־ריקקומען, די באַנדיטן. יעדנפאַלס, נישט היינטיקע נאַכט. זײ זײַנען העלדן דאָרט, וואו מ׳גיט זײ נישט קײן ווידערשטאַנד, אָבער דאָ... אַ פײַנע לעקציע האָבן זײ געקראָגן! זײ וועלן שוין פאַרזאָגן אַ צענטן... ווער ווייסט וויפל פון זײערע זײַנען געפאַלן. האָסט נישט געהערט די געשרײען, די קרעכצן, די „דאָננערוועטערס”? זײ האָבן אוודאי אַוועקגענומען זײערע פאַרוואונדע־טע אין אויטאָמאָבילן. האָסט מורא, דניאל? האָב נישט קײן מורא. ס׳וועט גאָרנישט געשען. לאָמיר גײן שלאָפן. ווי מײנסטו? נאָר מײַן שוואָגער מוז מען גוט אָנלערנען. שוין צופיל קריכט ער אויף די נערוון, דער הער יוליוס הערצענבערג...

— שײנע־שרה ווײנט, בליצשטײן — האָט דניאל אים איבערגעריסן, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט די גאַנצע דרשה.

יעקב בליצשטײן האָט נישט געענטפערט.

קיין רואיקע נאַכט האָט קיינער אינם הויז נישט געהאַט. ס׳האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז מען קלאַפּט, אַז מ׳קריכט אויף די ווענט און אַז מ׳רייסט די לאָדנס. ארום פיר באַגינען האָבן אַלע זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שטאַרקן קלונג, ווי אַ שויב וואָלט צעפּיצלט געוואָרן. שיינע־שרה איז אַרוּים פון איר אַלקער אין דעם ווייסן שלאָפראָק און געציטערט, שיעור נישט געפאַלן חלשות, נאָר זיך איינגעהאַלטן מיט די לעצטע כוחות, כדי יעקב זאָל זי נישט דאַרפן מינטערן און איבערבעטן. בליצשטיין איז מיטן רעוואָלווער אין האַנט געלאָפן צום באַלקאָן, וועלכן ער האָט פאָרזיכטיק געעפנט און ארויס־געשטעקט דעם קאָפּ. ארום איז געווען שטיל. קיין שאָרך. קיין פאַרבייגייער אין דער שפּעטער שעה. שאַרלאָטענבורג איז רואיק געשלאָפן.

אויפצומאָרגנס אינדערפרי איז דניאל אַוועק דער ערשטער, כדי צו עפענען זיין שילדן־וואַרשטאַט. ביים ארויסגיין פון בליצשטיינס הויז, האָט ער געפונען אויף דער טיר אַן אויפשריפט מיט גרויסע, רויטע אותיות:

„יוליוס הערצענבערג און באַנדע — אידישע חזירים און באָלשעווי־קעס"...

קאפיטל 4.

אנאַכט פון ליבע

שיינע־שרה איז יענעם טאָג געקומען צו דניאלן מיט דער כוונה זיך אראָפּצורייִדן פון הארצן, אָבער ווען זי איז געזעסן אין זיין אַטעליע און געקוקט אויף זיינע בילדער און צייכענונגען, האָט זיך איר מויל נישט גע־עפנט צו ריידן וועגן דעם, וואָס האָט זי אַזוי געדריקט.

שיינע־שרה איז נישט געווען אַבי־ווער. זי איז געווען א מענטש מיט אי־בערצייגונגען און פּרינציפּן. זי האָט פארשטאַנען דאָס לעבן און גוט גע־וואוסט, אַז די ליבע איז שוין לאַנג פארלאָשן געוואָרן אין יעקב בליצשטיי־נען, און ער האלט זי נאָך כלומרשט אָן בלויז צוליב רחמנות און געוויסע פארפּליכטונגען. דאָס האָט איר ווייַ געטאָן מער ווי אַלץ. הגם זיי האָבן גע־וואוינט אונטער איין דאַך, האָט ער אויסגעמיטן צו בלייבן מיט איר אַליין. זינט די הערצענבערגס האָבן זיך ארויסגעקליבן, זיינען כסדר געווען געסט אין שטוב, אָט ווי ער, יאַקאָב, וואָלט נישט געוואָלט געבן שיינע־שרהן קיין געלעגנהייט ארויסצווייזן איר איבערגעגעבנהייט. אָ, זי האָט זיך גוט פאר־שטאַנען אויף אים!

בליצשטיין האָט נישט געהאַלטן פון חתונה האָבן. אין משך פון יאָרן האָבן זיי געלעבט לויטן פּרינציפּ פון פרייער ליבע, וואָס ביידע האָבן גלייך פּראָפּאַגאַנדירט; און איצט, אַז ער האָט זיך דערווייטערט פון איר, האָט שיינע־שרה נישט געקאָנט האָבן קיין טענות. טאָמער האָט זי אים אַמאָל אויסגערעדט, האָט ער רואיק געענטפערט:

— מיר זיינען פרייע מענטשן, סאַראַ...

פאר אָט דעם ענטפער האָט זי מורא געהאַט. אַוודאי זיינען זיי פרייע מענטשן, אָבער... זי האָט געוואוסט, אַז הינטער דעם תירוץ באַהאַלט זיך גאָר עפּעס אַנדערש — מסתמא אַן אַנדער „פרייער מענטש" אין געשטאַלט פון אַ פרוי, א יונגערע און א שענערע פון איר.

טרויער און אייפערזוכט האָבן געפּרעסן איר געמיט. זי האָט אַמאָל גע־טראַכט וועגן פאַרלאָזן זיין הויז, אָבער איר נישט געקאָנט פאַרגינען די פּריי־הייט...

איצט איז זי געקומען צו דניאלן זיך אָראָפּריידן פון האַרצן, אָבער נישט געוואַגט. אָנשטאָט דעם, האָט זי טרוימעריש גערעדט וועגן די קינ־דעריאָרן. „אונזערע קינדעריאָרן", האָט זי געזאָגט דניאלן — און מיט דעם „אונזער" געפּרוּווט זיך אַריינרייסן איבערגעוואַלט אין זיין דור, אין אַט דער יוגנט, פון וועלכער זי איז שוין געווען דערווייטערט אַ צענטליק יאָר.

דניאל האָט געקוקט אויף איר קאַנטיקן, צעקנייטשטן פּנים, און אָנגע־הויבן זי פאַרשטיין. אַזוי האָבן אויסגעזען זיינע אייגענע האָפנונגען און חלו־מות. ער האָט איר געוווּנען דערציילן וועגן זיך, עפּענען אַ וואונד נאָך אַ וואונד. די ערשטע וואונד, אפשר די גרעסטע, איז דאָרט געלעגן אויפן לאַנגן טיש אינמיטן דעם אַלקער... אַ בלוטנדיקע... פול מיט צייכנס און שאָטנס פון קראַיאָן... ליכטיקע פאַרבן פון אויל און אַקוואַרעלן... וועט זי אים דען פאַרשטיין?

— ווען דו ביסט נאָך געווען אַ קליין צוציקל, האָסטו אונז דאָך שוין איבעראַשט מיט דיינע פעאיקייטן, דניאל — האָט שיינע־שרה געדענקט. — טאַ וואָס איז דאָ דער וואונדער? אַרבעט, דניאל, אַרבעט, וועסטו ווערן אַ גרויסער מענטש...

באַלד האָט זי אָבער געוווּנען דיידן וועגן זיינע שיינע שילדן, פּונקט ווי זיי וואָלטן אויך געווען אַ טייל פון דער „גרויסקייט" זיינער. דניאל איז געווען אַנטוישט. אַפילו שיינע־שרה האָט קוים געקאָנט אונטערשיידן צווישן דעם שילדן־וואַרשטאַט און דער אַטעליע!

ער האָט זיך שטאַרק געקווענקלט, אָבער ענדלעך אַרויסגעבראַכט פון זיינע ליפּן עלזעס נאָמען. לסוף האָט ער דרייסט געפרעגט אויף איר.

זי האָט געשמייכלט, שיינע־שרה. דאָס איז געווען אַ שמייכל פון קלוג־שאַפט. אָ, פאַר איר איז די געשיכטע מיט עלזען קיין סוד נישט געווען! יעקב בליצשטיין האָט עס איר אַמאָל פאַרטרויט, אָבער זי האָט עס געוואוסט נאָך אפשר פריער ווי ער. און יוליוסעס פאַרלאָזן דאָס הויז פון דער אוגס־בורגערשטראַסע האָט אויך עפּעס אַ שייכות מיט דער געשיכטע... ווייזט אויס, דער בורזשוי האָט זיך דערשראָקן, אַז עלזע האָט זיך פאַרליבט אין אַ „שנאָרער"...

אַזוי האָט גערעדט שיינע־שרה. דניאל איז געווען בלייך און ער האָט געוואָלט הערן און הערן. אָבער וואָס מער ער האָט געהערט, אַלץ שאַרפער

איז געוואָרן זיין ווייטיק. שיינע־שרה האָט געהאַט געגוג צו דערציילן וועגן עלזען, וועגן די אָפּיצירן, וואָס האָקן־אָפּ די טירן אין הערצענבערגס פּאַלאַץ... מיטאַמאָל איז דניאלן קלאָר געוואָרן די גאַנצע האָפנונגלאָזיקייט פון זיין פאַר־ליבעניש. און שיינע־שרה האָט נאָך אַ מאָל געטאָן מיט דער האַנט און זיך פאַרקרימט:

— ע, דניאל, וואָס איז דאָ צו ריידן? שלאָג זיך בעסער ארויס פון קאָפּ דאָס בורזשואַזנע מיידל! זי איז נישט פאַר דיר און מיר זיינען נישט גלייך צו זיי...

אינם לעצטן טייל פון איר זאַץ איז געווען אַ דעליקאַטער אָנדייט אויף איר אייגענער לאַגע. דניאל האָט עס דערפילט און ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ גרויס רחמנות אויף שיינע־שרהן און אויף זיך אַליין.

יענע נאַכט האָט דניאל געוויינט אין דער איינזאַמקייט פון זיין צימער. זיינע פינגער זיינען געווען ווי געלעמט און ער האָט נישט געקאָנט זוכן קיין טרייסט אין די געמעלן. די איינזאַמקייט האָט אים געשראָקן. ער האָט גע־האַט אַ געפיל, ווי אימיצער וואָלט געלעגן באַהאַלטן אין די שאָטנס און געלויערט אויף זיין לעבן. ער איז אַוועק פון שטוב. אריין אין אַ שענק און אויסגעטרונקען עטלעכע קופליעס ביר. דערנאָך האָט ער אָן אַ ציל זיך גע־לאָזט איבער די גאַסן. אינסטינקטיוו האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף דער איבערשטאָט־באַן און איז אַוועק קיין שאַרלאָטענבורג.

אין אַ ווינקל פון אַ בולוואַר האָט העל געלויכטן די שילד פון „קאַפּע דעם וועסטענס". דניאל האָט געוואוסט, אַז דאָרט איז אַ זאַמל־פּונקט פון אַריסטאָקראַטן און קינסטלער. נישט טראַכטנדיק, איז ער אריין אהין. טיש־לאַך פול מיט מענער און פרויען. גלאָזן, גלאַנציקע קעפּ, הויכע, ווייסע קראַ־גענס. איידעלע פוטערנע מאַנטלען. ער איז שטיין געבליבן אין טיר. דער פּאָרטער האָט אים מיט אומצוטרוי באַקוקט פון אויבן אַראָפּ. דערנאָך האָט דניאל געמאַכט עטלעכע טריט פאַראויס און זיך געלאָזט אריינגעצויגן ווערן אינם טומל. שטימען האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן, גלעזער האָבן געקלונ־גען. ציימנווייז האָבן אַ הילך געטאָן עטלעכע פּיאַנאָ־טענער. מיטאַמאָל האָט דניאלס בליק זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ טיש, וואָס איז געווען אַרומגעזעצט מיט אומבאַקאַנטע מענטשן. מיט אַ צעשויבערטער טשופּרינע און אַ פּנים, וואָס איז זיך פאַרגאַנגען אין געלעכטער, האָט זיך איבער דעם טיש גע־בויגן יוסף מילער.

אַ דערשראָקענער האָט דניאל זיך צוריקגעצויגן. ווי ער וואָלט פּלוצים

זיך אויפגעכאפט פון א חלום און דערזען א פאסקודנע ווירקלעכקייט, איז ער גיך ארוים פון דעם סאלאן.

— אט דאס איז מילער! — האט א לויכט געטאן א געדאנק אין זיין מוח. — אליין א גארנישט, וויל ער עפעס ווערן דורך דער באהעמישער סביבה, דער מילער... און ע ר זאגט, אז מ י ר פעלט נשמה, אינ־האלט...

דניאל האט געשפאנט איבערן שאטנדיקן בולוואר און מער נישט געוואלט טראכטן וועגן דער אומגעריכטער באגעגעניש. ס'איז געווען א קאלטע, שפעט־הארבסטיקע נאכט, מיט א פולער לבנה, וואס האט געזילבערט די שפיצן פון ביימער און געוועבט געהיימע, ווייסע טיולן צווישן הימל און ערד. איינזאמע פארבייגייער. פארלאך זיינען געזעסן אין שאטן, אויף די בענק פונם בולוואר. דניאלן איז קלאר געווארן, אז ער האט נישט וואוהין צו גיין און אפילו צו וואס צו לעבן אויף דער וועלט. דער צונויפטרעף מיט יוסף מילערן האט אים ווידער געמאכט צווייפלען אין זיינע אייגענע כוחות: דאס אלץ, וואס ער האט געצייכנט און געמאלט, איז גארנישט ווערט, וועט קיינמאל קיינעם קיין נוצן נישט ברענגען... טא צו וואס דארף מען עס אינ־גאנצן? צו וואס און פאר וועמען?

פלוצים האבן דערגרייכט צו זיין געהער שטורמישע קלאנגען פון א וואלס. ער האט זיך אפגעשטעלט. ער איז געווען ביי זיין ציל, צו וועלכן ער האט זיך געהאט אוועקגעלאזט אומבאמערקט פאר אים אליין. דארט, אין יענ־נעם שטאלצן און סודותדיקן פאלאץ, איז געווען זי — דאס „בורזשואזע מיידל" עלזע הערצענבערג. דארט איז אין דעם מאמענט אנגעגאנגען א הייי־סער, פריילעכער באל, און זי האט אוודאי געטאנצט מיט איינעם פון אירע אפיצירן־פרעטענדענטן, וועגן וועלכע שיינע־שרה האט אים דערציילט... זי האט איצט מסתמא דעם מינדסטן געדאנק נישט פארלוירן אויף אים, דעם בלאסן, איינזאמען דניאל, וועלכער האט מיט שטארנדיקע אויגן געקוקט, געקוקט, איינזויגנדיק די טענער פון דער מוזיק, די ווייטע גערוישן אין גארטן, די שאטנס, וואס האבן זיך באוועגט אונטער קרישטאלענע טירן און זיידע־נע פארהאנגען...

לאנג איז ער דארט געשטאנען א פארגאפטער און א פארטראגענער אין פרעמדע, אומבאקאנטע וועלטן. מיטאמאל האט ער זיך דערזען אונטער א צודעק פון הויכע, אפגעפליקטע ביימער, וואס האבן געווארפן צו דער ערד זייערע לעצטע געלע בלעטער און אומהיימלעך גערוישט. די שורשקעריי פון נאקעטע צווייגן און טרוקענע בלעטער האט זיך אויסגעמישט מיט די קלאנ־

גען פון דער מוזיק און צוזאַמען האָט דאָס געשאַפן פאַר זיין געהער אַ סימפאָניע פון טויט. ניין, דאָס האָבן לעבן און טויט צוזאַמען זיך אַ הויב געטאָן אויף די פליגל פון מוזיק און אַוועקגעיאָגט זיך איבער די וויסטע שטחים פון דער קאַלטער, ווייסער נאַכט, מיטרייסנדיק מיט זיך דניאלן מיט זיין בענקעניש, זיין ליבע און האַס, וואָס האָבן זיך אויך צונויפגעפלאָכטן, צונויפגעקלאַמערט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עלנט געוויין, — ווי פון אַ הונט, וואָס האָט דעם טויט דערזען הינטערן פענצטער פון זיין באַלעבאָס.

אַז דניאל איז צו זיך געקומען, האָבן טויטע בלעטער זיך געהויבן אינם נאַכט ווינט און געווירבלט צווישן דיביימער אויפן בולוואַר. אַ מינוט איז ער געווען דערשראָקן. דערנאָך, קוקנדיק מיט שנאה צו די ליכטיקע פענצטער פונם פּאַלאַץ, האָט ער צונויפגעביילט די פויסטן און געריטעט צווישן די ציין:

— פאַרשאָלטן זאָל עס זיין!

און ער איז אַנטלאָפן פון יענעם אָרט, ווערנדיק נאָכגעיאָגט פון זיין אייגענער קללה.

דניאל איז ווידער געווען אינם העל־באַלויכטענעם קאַפע. אין איינגעצויגענער אין זיך אַליין, איז ער געזעסן ביי אַ טיש אין אַ ווינקל און ער האָט באַפוילן דער קעלנערין, וואָס פון איר העלן בליק האָבן אַרויסגעשאָטנט דערשטוינונג, שרעק און געמאַכטע ליבע:

— אַ פלאַש ברענדי!

דערנאָך האָט די קעלנערין געהאַט אַ זיס־שמייכלענדיק געזיכט. ווי אַ יונג קעצל, האָט זי זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף זיין שויס, אַרומגענומען זיין קאָפּ און אים געקושט אין די ליפּן. דניאל האָט געקוקט, ווי דאָס פייערדיקע געטראַנק ווערט אַלץ ווינציקער אין דער פלאַש אויף זיין טיש און ער האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס דער מלאך אויף זיין שויס גיסט אין אים אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז, ווי מ'גיסט מילך אין אַ קינדס האַלדז. און דניאל האָט געלאַכט, געלאַכט פון דעם וואונדער, וואָס פאַרשווינדט פון דער פלאַש, פונם ליכט, וואָס האָט אין רינגען זיך געדרייט אַרום אים, פון די ווייכע, שמעקעדיקע האָר, וואָס האָבן געגלעט זיין פּנים און דווקא געוואָלט פאַרשטעלן פון אים דאָס רינגען־דרייענדיקע ליכט, אָבער נישט געקאָנט.

ער האָט איר געקושט אין די אויגן און געפּלאַפּלט:

— דו ביסט ווי די שיינע עלזע... דיינע אויגן ברענען ווי אירע... דיין

אַטעם שמעקט ווי אירער... שיינע עלזע מיינע! קום, עלזע, לאָמיר טאַנצן.
איאַ, דו ביסט עלזע? זאָג, זאָג. ניין? ביסט נישט עלזע? טאָ וואָס טוסטו
דאָ? וואָס ווילסטו דאָ, דו פאַלשע שלאַנג? אַוועק! אַוועק פון דאַנען!

— יאָ, מיין ליבער, איך בין עלזע. דערקענסט מיך נישט, טייערער?...
אַך, דו שלעכטער אינגל! — נאַ, קוש מיך, מיין ליבער. כ'האָב דיך אַזוי־
ליב...

אימיצער האָט אים גערים בריי דער קליאַפּע און ביי די האָר. דניאל האָט
אָנגעשטעלט זיינע פאַרטרונקענע אויגן.

— מילער, אויף מיין ערנוואָרט!

דניאל האָט זיך צעלאַכט און באַלד געגומען צערענען אויף אים:

— אומעטום ביסטו דאָ! — האָט ער מיט א פויסט א קלאַפּ געטאָן אין־
טישל. — ווען איך הויב אָן צו לעבן, מישסטו זיך אריין! איך האָב נשמה,
מילער, איך האָב נשמה... זעץ זיך אַוועק, שוואַרצער שאָטן מיינער. ווער
דאָ צעזעצט און זויף וויפל דו ווילסט. זאָג נאָר, מילער, איך האָב נשמה
צי נישט? זע, אָט טרינק איך... זע, איך טרינק מיין נשמה, כאַ־כאַ־כאַ...
האַ, נאָך א גלעזל! גים אריין, מילער, אפשר וועט עס דיר העלפן אויסצו־
טראַכטן א נייעם גראַם... געדענקסט נאָך דיין טויטנליד, מילער? דיר האָט
געפעלט נשמה און אינהאַלט, נישט מיר... אַנו, לייען־פאָר דיין טויטנליד!
נו, פאַרוואָס קווענקלסטו זיך? איך זע שוין: דו ביסט שכור, שכור, כאַ־כאַ...
דיינע ליפּן עפענען זיך און דו קאָנסט גאָרנישט זאָגן... ניין, דו האָסט גאָר־
נישט וואָס צו זאָגן... דו ביסט א גאָרנישט, מילער, און אָן אויסוואָרף דער־
צו!

דניאל האָט זיך שטאַרק צעלאַכט פון זיין אייגענער אָפּנהאַרציקייט. זיי־
נע אויגן האָבן געזוכט דאָס מיידל, וועלכע האָט די צוויי מענער איבערגע־
לאָזט אַליין ביים טישל. אויך מילער האָט געלאַכט. ער איז נישט געווען
אַזוי שכור ווי דניאל. ער איז געוואוינט געווען צו טרינקען, אָבער זיין צונג
איז שטאַרק לויז געוואָרן ווען ער האָט געהאַט בראָנפן אין קאָפּ. איצט האָט
ער איינגעטענהט מיט זיין חבר אַזוי:

— דו ווייסט, דניאל? ווען איך קוק אַצינד אויף דיר, פאַרגעס איך
לחלוטין, אַז דו טראָגסט א נאָמען ווי שטאַפּלער... דערמאָנסט מיר גאָר אָן
מיר אַליין, אין וואַרשע, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל...
בין איך דעמאָלט געווען פאַרליבט — משוגע צו ווערן! זי האָט געהייסן
לילית — אַזוי האָב איך איר א נאָמען געגעבן צוליב דעם כשוף, וואָס האָט
פון איר געשלאָגן, צוליב איר שיינקייט און צוליב איר שלעכט האַרץ... אָ,

דו געדענקסט זי אוודאי! שווער, ברודער, זיך צו באַפרייען פון א לילית... און דו מיינסט, אַז בלויז איך? א סך, א סך חברים, באַקאַנטע, אומבאַקאַנטע — גאַנץ וואַרשע איז געווען געפאַנגען אין איר כשוף־נעץ... און ווי צו דעם שוואַכן, וואָס האָט יענעם כשוף נישט געקאָנט אָפּטאָן פון זיך! לאָז דיידן, דניאל, לאָז! דו הער און שווייג... לערן זיך אוים צו זיין א מענטש... אַזאַ שוואַכער, זאָג איך, איז אוודאי געשטאָרבן פון ליבע, געשטאָרבן ווי א נאַר... איך בין אויך געווען אַ שוואַכער, מיין נישט... נאָר כ'האָב זיך באַפרייט צו דער ריכטיקער צייט... מיט געוואַלט אַראָפּגעריסן דעם שלייער פון מיינע אויגן, געפליקט שטיקער פון אים צוזאַמען מיט שטיקער נשמה... נאָר דערצו, דניאל, דאַרף מען זיין שטאַרק, נישט א לעמעשקע ווי דו... מ'דאַרף קאָנען קעמפן, צו קאָנען לעבן... ווי זאָל איך עס דיר זאָגן? אָ, איך האָב א גוטן אויסדרוק: מ'דאַרף קאָנען גוט זען, כדי נישט צו ווערן פאַרפירט פון קיינמאָל נישט־דערגרייכבאַרע שווינד־ליכטער אין דער נאַכט... גוט געזאָגט, האַ?! דו לאַכסט שוין ווידער... ווי איך זע, גלויבסטו מיר נישט. מיינסט, אַז דאָס איז נאָר אַ פראַזע. לאַך, לאַך! וועסט זיך אַמאָל דערמאָנען אָן מיינע ווערטער, דניאל. געדענקסט ווי כ'האָב זיך דאָס פנים אויסגעשמירט מיט סאַזשע און זיך אוועקגעשטעלט גרימפּלען אויף א פידל און דערביי אויסגעלאַכט דאָס בילד פון א מיידל מיט גרויסע, שוואַרצע, כשופדיקע אויגן? דאָס האָב איך נישט געלאַכט פון איר, דניאל, נאָר פון מיר אַליין, פון מיין ווייטיק און משוגענער פאַרליבטקייט... כ'בין געווען ווי משוגע און מיין געלעכטער האָט מיך אויסגעהיילט. איך האָב דעמאָלט געריסן שטיקער פון זיך, פון איר און פון אַלע אירע ליבהאָבער. און איך וואָלט געווען צופרידן, ווען מיר אַלע וואָלטן זי דעמאָלט געקאָנט פאַרשטיינען, אַזוי ווי מ'האָט אַמאָל געטאָן מיט מכשפות... „מכשפה לא תחיה"... קלוגע מענטשן געווען אַמאָל. זיי האָבן געהאַט מער לעבנס־חכמה ווי מיר, מיט אונזער גאַנצער ציוויליזאַציע און גאַנצן וויסן. יאָ, ברודער, כ'בין צופרידן, וואָס כ'האָב יענע מכשפה דערהרגעט אין מיין האַרצן אויף אייביק, פאַרשטיינט זי אין מיין נשמה... ווייסטו וואָס, לאָמיר טרינקען נאָך א גלאָז, דניאל ברודער! גיס אַריין פון דיין טייערער משקה! לחיים!

יוסף מילער האָט א וואָרף געטאָן מיט זיין טשופּרינע און ווייטער גערעדט:

— קענן וואָס איז דאָס אַלץ געקומען צו רייד? יאָ, קענן דיר... כ'האָב שוין לאַנג געזען, אַז דו ביסט פאַרליבט איבער די אויערן... האָסט מיר קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט, אָבער היינט האָב איך עס געהערט פון דיין מויל:

זי הייסט עלזע, דיין מיידל... דו דערמאָנסט מיר היינט אָן מיין איינענעם סאַ־זשע־פּנים פון יענער נאַכט... אָבער דו ביסט א לעמעשקע... ביסט נישט אימשטאנד צו פארשטיינען דיין עלזע אזוי ווי איך האָב עס געטאָן. מיינסט, איך זע נישט? נעמסט ארום א קאָפּע־מיידל, וואָס הייסט עדיט, און דו מאַכסט זיך גאָר אילוזיעס וועגן דיין עלזע... ניין, ברודער, אזוי וועסטו עלזען נישט פארגעסן... וועסט נאָך ליידן מער... צו וואָס דאַרפסטו עס? עדיט איז א שיין מיידל און זי האָט אַלע רייצן פון א פרוי. אין איר קאָנסטו פארגעסן יענע... נעם זי ווי זי איז! נעם זי ווי עדיט און נישט ווי עלזע... איך מיין דיין אייגענע טובה, דניאל. העי, ווער מיר נאָר נישט אזוי סענטי־מענטאַל! און וויינען דאַרפסטו אוודאי נישט. אָבער נישט געפערלעך, ברו־דער, דאָס זיינען אַלקאָהאָל־טרערן, טרערן פון פארגעסונג. קום, גוטער ברו־דער, לאָמיר גאָר אויסזוכן דיין מיידל. גיי מיט איר טאַנצן. אין טאַנץ וועסטו זיך אַליין ווידער געפינען. גיס־אָן נאָך א גלעזל. וואַרט, כ׳וועל אַליין אָנ־גיסן; דיר ציטערן די הענט. ווייסטו וואָס, לאָמיר באַשטעלן ביר, פּשוטן שווארצן ביר. גיב א קוועטש דאָס גלעקל. אָט קומט זי. עדיט, עדיט! ברענג ביר, עדיט, אָבער דו וועסט מוזן טרינקען מיט אונז, העי?!

די ערשטע פרייליכקייט איז אין דניאלן שוין לאנג געווען פארשוואונדן. וואָס לענגער מילער האָט גערעדט, אַלץ אומעטיקער איז געוואָרן דניאל. זיין חברס ווערטער האָבן צעעפנט אַלע וואונדן פון זיין האַרץ און דעם קוואַל פון זיינע טרערן. ער האָט געוויינט פונם געדאנק, אז ער דאַרף פארגעסן אי־מיצן, וואָס ער האָט אין משך פון יאָרן נישט געקאָנט פארגעסן און וואָס איז געווען דער מיטלפּונקט פון אַלע זיינע האָפענונגען. פאַר דער לאַנגער צייט, ווען ער האָט געחלומט וועגן עלזען און דורך דעם חלום געקראָגן נייע כוחות פאַר זיין קינסטלערישער ארבעט, איז ער געווען גליקלעך מיט זיין טרויער; ער האָט געפילט, אז אומגליקלעך קאָן ער ווערן נאָר דעמאָלט, ווען ער וועט איינגאנצן אנטוישט ווערן און זיך צווינגען צו פארגעסן. איצט האָט מילער אים געהייסן פארגעסן, כדי נישט צו זיין אומגליקלעך!

ער האָט געטרונקען א גרויסע קופליע ביר און געזאָגט אַנטשלאָסן:

— מילער, איך גלויב דיר נישט! דו ביסט מיין שווארצער שאָטן... אור־מעטום קומסטו אומגעבעטענערהייט. איך האָב דיך פיינט.

מילער האָט געלאַכט, אויפגעהייטערט פונם ביר און פון דניאלס שבורער עקשנות. די באַליידיקונג האָט אים נישט געאַרט, ווייל ער האָט געוואוסט, אז דניאל וואָלט עס קיינמאָל נישט געזאָגט אין א ניכטערן צושטאַנד; פונ־

דערסטוועגן האָט ער זיך דערוויטערט פונם טישל, איבערלאָזנדיק דניאלן אליין מיט עדיטן.

— איך ווינטש דיר גליק, דניאל — האָט ער געזאָגט ביים געזעגענען זיך. — וועסט נאָך אמאָל זען ווער ס'איז גערעכט. עדיט, איך רעקאָמענדיר דיר מיין פריינד. באַהאַנדל אים גוט, שיינע עדיט, און זאָג אים, אז דו ביסט עדיט, נישט עלזע...

דניאל האָט אים נאָכגעשיקט א צאָרנדיקן בליק. איצט האָט זיך אָנגעצונדן זיין אייפערזוכט. ער איז ווילד געוואָרן, טראַכטנדיק, אז אָט דער פּאסקודנער מילער האָט אמאָל געהאַלטן עדיטן אין זיינע אָרעמס. ער האָט זי נעדריקט צו זיך און פארצווייפלט געשעפּטשעט:

— אמת, אז דו האָסט מיך ליב? מיך אליין, נישט קיין אנדערן, נישט אים, דעם אויסוואורף. ער איז א שווארצער שאָטן, וואָס גייט מיר נאָך דאָס גאַנצע לעבן... זאָג, עלזע מיינע, ווענען האָסטו ליב?

זי האָט געלאַכט און זיך געטוליעט צו אים:

— איך הייס נישט עלזע, טייערינקער. איך הייס עדיט. זאָג, מיין אינגל, איך וועל דיר לערנען: ע־דיט... ע־דיט...

— ע־דיט... — האָט דניאל נאָכגעזאָגט.

— און ווי הייסט דו, מיין אינגל?

— דניאל הייס איך. דניאל שטאָפּלער.

— אך, ווי שיין דאָס קלינגט! — האָט עדיט אויסגערופן און זיך צעלאַכט אויפן קול. — איך וועל דיך נישט רופן שטאָפּלער, מיין אינגל. דו ווייסט, דאָס דערמאָנט מיר אָן די הויכשטאָפּלער און זיי האָב איך פיינט...

— די לעצטע ווערטער האָט זי אים אריינגעשושקעט אין אויער און באַלד ווייטער געזאָגט:

— דו ווייסט? איך האָב ליב אַזעלכע ווי דו, יונגינקע, פארליבטע, צערטלעכע... אָ, קוש מיך, מיין שיינער, אָרימער דניאלקע! קוש מיך נאָכאמאָל, שטאַרקער. ווייסטו וואָס? לאָמיר צוזאמען פארברענגען היינטיקע נאַכט... אַ גאַנצע נאַכט... יאָ, מיין אינגל? יאָ, יאָ, זאָג, אז יאָ! פיר מיך צו דיר אהיים... אך, דו ביסט אַזאַ גוטער!

און מער האָט דניאל נישט געטראַכט וועגן עלזען יענע נאַכט. ער האָט געפאָלגט די עצה פון זיין „שווארצן שאָטן" און ער האָט א גאַנצע נאַכט ליב געהאַט עדיטן אליין...

קאַפּיטל 5

„דער געקרייציקטער"

ס'איז געווען נאָכמיטאָג. אין בערלין איז דעמאָלט געשטאַנען איינער פון די וועטערן, וואָס פאַרטרייבט מענטשן פון גאַס און די פרייד פון דער נשמה. מ'האָט נישט געקאָנט וויסן צי עס איז ווינטער אָדער הארבסט. א נעפּל פון שניי און רעגן האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף די שוואַרץ־גלאַנציקע אספאַלטן פון שטאָט.

דניאל איז געזעסן אין זיין אַלקער, בײַם טיש, צווישן פּאַפּירן און לייוונטן, וואָס ער האָט געמאָלן בסוד, צווישן איין שילד און דעם אַנדערן. ער האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו עפענען זיין וואַרשטאַט. די שרייענדיקע שילדן, וואָס זיינען דאָרט געווען אויסגעשטעלט, האָבן אים אויסגעזען איבעריק, פאַלש און נאַריש; ער האָט זיך געשעמט מיטן באַוואוסטזיין, אַז דאָס האָט ער זיי געמאָלן, כדי צופרידנצושטעלן אמביציעס פון פּוסטע, קליינע מענטשעלאַך און כדי צו קאָנען אָנפילן זיין אייגענעם מאָגן. ער איז געזעסן מיטן קאָפּ צווישן די הענט, דורכגענומען פון א לייכטן שוידער און א ווייטיק אין די אברים. ס'האָט אים גענאָגט א בענקעניש, וואָס איז בײַמלעכווייז געוואָרן טרויער און פאַרצווייפלונג. נישט נאָר די שילדן פונם צווייטן צימער, נאָר אַלץ האָט אים געכומען אויסזען איבעריק, אפילו די קינסטלערישע פּרואוון אויף די פּאַפּירן און לייוונטן, זיינע דורכגעלאָפענע זיבן און צוואַנציק יאָר און זיין גאַנץ לעבן אויף דער וועלט.

— צו וואָס דאַרף מען דאָס? — האָט ער געטענהט מיט זיך אַליין. — הבל־הבלים... אַלץ איינס: שילדן, בילדער, חלומות, — אַלץ נאַריש...

„היינט עפן איך נישט דאָס געשעפט — האָט ער באַשלאָסן. — אין אַזא וועטער וועלן סיי־ווי־סיי נישט קומען קיין קונדן".

אָבער נישט דאָס וועטער איז געווען די אמתע אורזאַך פאַר זיין נישט וועלן עפענען דאָס געשעפט, הגם דאָס איז געווען א גוטער תירוץ פאַר דער

וועלט. ווי א סך מאָל, האָט ער אויך איצט געקוקט מיט גרינגשאַצונג אויף דער יאָגעניש נאָך געלט, און די אומצופרידנקייט מיט זיינע „געפּטרטע״ זיבן און צוואַנציק יאָר האָט געפאָדערט א חשבון. ער האָט אַנאַליזירט זיין געמיט־צושטאַנד און במחשבה זיך פאַרענטפערט: „איך לעב נישט פאַרן געלט. נאָר אידיאָטן און משוגעים לעבן פאַרן געלט. שקלאַפן זיינען זיי פון א פּוסטן לעבן, אַן איבעריקן, א לעבן, וואָס גיט גאָרנישט, וואָס מ׳דאַרף גאָרנישט״...

„צו וואָס לעבט טאַקע א מענטש אויף דער וועלט? — האָט ער שטאַרקער זיך אַריינגעטראַכט. — עך, הבל־הבלים, גאָרנישט איז דאָס לעבן״...

דער אמת איז, אַז דניאל האָט געהאַט בייזע פאַרגעפילן און ער האָט זיך געשראָקן פאַר זיי. ס׳האָט זיך אים נאָכאַנאַנד געדאַכט, אַז עפּעס אומאַנגענעמס וועט געשען, אַז אפשר זיינען דאָס שוין די לעצטע טעג פון זיין לעבן. פון וואַנען איז געקומען אָט דאָס מאָדנע געפיל, וואָס ער האָט נישט געוואָלט אָנערקענען, קעגן וועלכן ער האָט א פאַרצווייפלטער געקעמפט און געזוכט עס צו פאַרטרינקען אין כלערליי מחשבות? ווער ווייסט. די פאַראַנונג פון עפּעס בייז האָט ווי זיך אַרויסגענגבעט פון די פאַרהוילענע שאָטנס פון דער צוקונפט, און דניאל האָט געדענקט דערביי, אַז ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל ווי ער האָט אַזעלכע פאָרגעפילן און אַז קיין גוטס האָבן זיי קיינמאָל נישט געבראַכט.

„וואָס איז פאַרט דאָס לעבן? — האָט ער זיך געגריבלט מיט וואַקסנדיקער פאַרצווייפלונג. — סיידן עפּעס א קאַפּריז... א נאַרישער, א ביזווייליקער, א טייוולאָנישער קאַפּריז איז דאָס לעבן... א קאַפּריז פון א מין טייוול אָדער פון א מין גאָט... ניין, נישט קיין גאָט. עס קאָן נישט זיין קיין גאָט. גאָט דאַרף זיין קלוג, גוט, און דאָס לעבן איז נאַריש און שלעכט. נישט אַנדערש ווי פּונקט טייוול אַליין שטאַמט דאָס לעבן... מיט מענטשלעכע לײדן שפּילט ער זיך, דער טייוול, און לאַכט, חוזקט...״

עקשנותדיק האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן די מחשבות, ווי אין זייער פאַרצווייפלונג וואָלט ער וועלן זיך ראַטעווען פון א נאָך גרעסערער פאַרצווייפלונג, פון א יאוש־כוואַליע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבער אים און געדראָט אים איינגאַנצן צו פאַרטרינקען. ס׳איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל ווי ער האָט אַזעלכע זאַכן געטראַכט, אָבער ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געטראַכט מיט אַזא פאַרביסנקייט. שוין אין זיינע קינדער יאָרן פלעגט ער זיך אַזוי גריזשען, און אַז ער האָט שפּעטער שוין שלום געמאַכט מיטן לעבן, האָט ער אָבער נישט געקאָנט מאַכן שלום מיטן אופן פון לעבן,

מיט דער אומגערעכטיקייט און מיטן שלעכטס, וואָס פילט־אָן די וועלט. דעמאָלט האָט ער געחלומט צו ווערן א משיח, כמעט א גאָט, ווי נאָר ער אליין וואָלט געקאָנט אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס און ווי נאָר ער אליין וואָלט געוואוסט דעם סוד ווי אויסצוואווארצלען דאָס שלעכטס. אָבער איצט האָט דניאל שוין געהאט הינטער זיך זיבן און צוואַנציק יאָר, און ער האָט פארשטאנען, אז אויף דער וועלט זיינען פאַראַן מיליאָנען מענטשן ווי ער, מיטן זעלביקן דורשט נאָך יושר, און אז ער אליין איז אפשר גאָר אומפעאיק צו זיין א קעמפער פאר אָט דעם יושר, ווייל שוין ביי דער ערשטער ערנסטער שליחות, וואָס מ'האָט אים אָנפארטרויט לטובת זיין אידעאל, איז ער דורכגעפאלן, ווי א נאריש שול־אינגל. איצט איז ער צוריקגעקומען צו דער ערשטער פון זיינע „קינדערשע" פראַגעס:

— צו וואָס דארף מען אינגאנצן דאָס לעבן?...

די פראַגע האָט אים פלוצים אָנגעפילט מיט שרעק, ווי זי וואָלט געהאט א שייכות צו דעם פארבאָרגענעם פאַרגעפיל, וואָס ער האָט געזוכט צו דער־שטיקן, און ער האָט גיך זיך אָנגעכאפּט אָן א תירוץ:

— אָ, יאָ, מ'דארף דאָס לעבן... מ'דארף לעבן צוליב — ליבע!

צווישן אים און דעם מיטשמועסער, וואָס איז אין אים געזעסן, איז אָנ־געגאנגען א שטומער דיאַלאָג:

— ליבע, דניאל? אר־ווא! ליבע? וואָס איז ליבע? נו, זאָג, נו...

— ליבע, מיין פריינד, איז דער דראַנג ווייטער צו לעבן, דער פארלאנג צו שאפן נייעם לעבן...

— אָט איז עס דאָך, דניאל! דער טייוולאָנישער קאפּריז...

— מ'דארף לעבן צוליב... גאָט!

— אָ, יאָ, גאָט! האָסט דאָך אמאָל געבעטן צום אים, ווען ס'איז דיר שלעכט געווען... אוודאי, דעמאָלט, ווען דו ביסט אין זומפּ געלעגן... גע־דענקסט?

— יאָ, איך געדענק... „ממעמקים קראתיך, י'!" — —

— וואָס איז גאָט?!

— כי־כי־כי... איך ווייס נאָר וואָס יעקב בליצשטיין האָט געזאָגט: גאָט — זאָגט בליצשטיין — איז עלעקטריע... עלעקטריע, כא־כא־כא! אָט טו איך א קוועטש דאָס קנעפּל אין וואנט און ס'באווייזט זיך... גאָט!

— ווי נאריש, דניאל! ווי נאריש!

דניאל האָט זיך אויפגעהויבן און געשפּאנט איבערן צימער. ער האָט געשפּירט א שווערקייט אין די גלידער און דער קאָפּ איז צעדריקט געוואָרן

פון אַן אומגעזעענער משא. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעטל, נאָר באַלד זיך אויפגעהויבן. זיינע געדאַנקען — אויסטערלישע, יאָושדיקע, חור־זקדיקע — זיינען אַנגעלאָפן פון אַלע זייטן צו זיין מוח און נאָך גרעסער געמאַכט די שווערקייט און די אַנגעלאָדנקייט אין אים.

— צי בין איך קראַנק? — האָט צום ערשטן מאָל דורכגעבליצט אַ געדאַנק, וואָס ער האָט ביז איצט ערגעץ פאַרשטיקט און וואָס האָט נאָר געוואַרט אויף אַ שעת־הכושר זיך צו באַפרייען.

און דער אומרו האָט זיך צעוואַקסן, צעוואַקסן. איצט האָט דער געדאַנק זיך איינגעגעסן אין אים אָפן און פרעך, זיך באַזעצט אין אַלע ווינקעלאַך פון זיין מוח און ווי אויף להכעיס געמאָלט מוראַדיקע בילדער. דאָס זיינען געווען בילדער און מחשבותלאַך קליינטשינקע, אָן אַ טאָלק און אָן אַ זין, וואָס דניאל האָט פיינט געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן. ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז אייגנטלעך האָט געלט פּאַרט עפּעס אַ ווערט, — אַ סימן: איצט, ווען ער ווערט קראַנק, האָט ער אַפילו נישט מיט וואָס זיך צו היילן...

— וואָס, נישט אַזוי, דניאל? — האָט יענער מוראַדיקער געדאַנק געחוזקט פון אים.

דניאל האָט, וואָס אַן אמת, קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט פון אַזאַ זאַך, ווי קראַנקהייט, און אַז כדי זי בייצוקומען, וואָלט ער געדאַרפט האָבן כאָטש אַ קליינעם רעזערוו־קאַפּיטאַל. איצט איז עס אים אויף אַ מאָדנעם אופן קלאָר געוואָרן.

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ, דאָס צירקולירן פון בלוט אין זיינע אָדערן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט און זיך צוגעהערט אַן איבערראַשטער, ווי ער וואָלט אַנטדעקט אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך. ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז אומגעריכט קאָן זיך אָפּשטעלן דאָס האַרץ און דעמאָלט וועט ער זיין... טויט!

אין דעם אויגנבליק איז ער טאַקע ווי באַרירט געוואָרן פונם אָטעם פון טויט. אַ קעלט איז פאַרבייגעלאָפן זיין חוט־השדרה. נאָר דער געדאַנק וועגן טויט האָט אים געגעבן אַ נייעם אָנהאַלט, אַ געלעגנהייט ווייטער צו פילאָזאָפירן:

— טויט. הער, דניאל, טויט! וואָס איז טויט?

איין מאָל אין לעבן האָט ער געזען ווי אַ מענטש שטאַרבט. יענער מענטש איז געלעגן אין אַ קאַלוזשע בלוט. ער האָט זיך געשטעלט אויף די קני, געשאַרט זיך, געקראַמפּט זיך אין קאַנוואולסן און — אַ פּאַל געטאָן, ווי אַ

אונטערגעזעגטער בוים. געבליבן אומבאַוועגלעך, דאָס פּנים פאַרקרימט אין א מיאוסער און מוראדיקער גרימאַסע. ער איז געווען... טויט!

— דאָס בלוט, וואָס האָט צירקולירט אין זיינע אָדערן, האָט — ווי פון א צעבראָכענער כלי — זיך אויסגעגאָסן פון זיין גוף, און ער איז געווען טויט!

דניאל איז געזעסן ווי א פאַרגליווערטער און ער האָט ווידער געזען די ווילד־אַרויסשפּאַרנדיקע אויגן פון יענעם מענטש, וואָס רייסט זיך מיט די לעצטע כוחות און קראַמפּנדיקע הענט צו זיין ביקס און וויל נקמה נעמען פאַר זיין יונג־איבערגעריסענעם לעבן.

— און דו, דניאלקע, האָסט עפּעס געהאַט צו טאָן דערמיט... דו, דו, דו...

ער האָט א פּיר געטאָן מיט א האַנט איבערן קאָפּ, ווי צו פאַרטרייבן א געשפּענסט, וואָס האָט זיך געריצט מיט אים און אַריינגעביכעט אין פּנים. ער האָט זיך פאַרניורעט אין די זכרונות, וואָס האָבן געטויכט פון די טיפע־נישן פון זיין דמיון:

די מאַמע, זיצנדיק אויף איר פּוס־בענקעלע אין קיך, פלעגט דערציילן ווי אַזוי דער זיידע — איר פאָטער — איז געשטאָרבן. ניין, ביים זיידן האָט דאָס בלוט זיך נישט אויסגעגאָסן פונם גוף, נאָר מסתמא פאַרגליווערט געוואָרן אינעווייניק. ער איז געווען א איד א הויכער, א שטאַרקער, מיט א שיטער, רויטלעך בערדל און א רויטע נאָז. נאָר אין א שיינעם טאָג האָט ער זיך דערפילט שלעכט. ער האָט זיך דערפילט שלעכט... קראַנק, כאַ־כאַ... א טאָג א פראָסטיקער געווען און דער זיידע האָט געהאַקט האָלץ אויפן הויף און זיך באַגאָסן מיט שווייס, מיט שווייס... (דניאל אליין האָט ביי דער דערמאָ־נונג זיך באַגאָסן מיט שווייס). און ווען ער האָט אוועקגעלייגט די האַק, האָט אים דורכגענומען דער פראָסט. רואיק איז ער אין שטוב אריין און זיך צוגעלייגט אָפּרוען, און פון דעמאָלט אָן רוט ער אויף אייביק... אויפן דריטן טאָג — האָט דערציילט די מאַמע — האָט ער ראַפּטום גענומען כאָרכלען, שטיקן זיך, כאָרכלען... נישט באַוויזן אפילו ווידוי אָפּצוזאָגן... דער זיידע איז געווען טויט!

די דערמאָנונג האָט דניאלן שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט אַזש געפּי־בערט. אָט ווי ער אַליין וואָלט עס געווען, נישט דער זיידע...

יאָ, דער זיידע איז געלעגן אויף דער ערד, אין ווייסן, און אַרום האָבן געברענט ליכט. נשמה־ליכט רופט מען זיי. דניאל האָט זיך דעמאָלט אויפ־געכאַפּט באַגינען. ער געדענקט עס, ווי היינט. די תהילים־זאָגערס האָבן איינגעדרימלט און די פלעמלאַך האָבן געצאַנקט, געצאַנקט, צעציטערנדיק גרוי־

סע שאָטנס איבערן שטוב, שאָטנס, וואָס האָבן אים אויסגעוויזן ווי פאַר־בלאָנדזשעטע נשמות... נאָר דער זיידע אונטערן לײַלעך האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן. ער איז געווען טויט.

דאָ האָט דניאל אײַנגאַנצן זיך אונטערגעגעבן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך אליין געזען א געשטאָרבענעם. און יענער שרעקלעכער גע־דאַנק האָט אונטערגעזאָגט:

— ס'קאָן דאָך זײַן, דניאל... היינט, מאָרגן... אפילו באַלד... אָט!

נאָר מאָדנע: אין אָט דעם מאָמענט האָט ער זיך באַרואיקט און לײַכט איז איצט געלאָפן זײַן פאַנטאַזיע:

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי אומגעריכט טוט זיך א שטעל־אָפּ דאָס בלוט אין זײַנע אָדערן. ס'הערט־אויף דאָס קלאַפּן פון האַרץ, דער אָטעם רייסט זיך איבער און — ער איז טויט. פון איצט אָן קוקט ער שוין ווי א זייטיקער אויף אַלץ, וואָס מ'טוט מיט אים און ארום אים. מ'לייגט זײַן פאַרגליווערטן גוף אויף דער ערד, מ'פאַרדעקט אים מיט א ווײַסן לײַלעך און מ'צינדט־אָן ליכט. נשמה־ליכט רופט מען זיי. ער גיט זיך נישט קיין ריר. ער איז געלעמט. זײַן גוף איז טויט. אָבער ווער זעט דאָס אַלץ, וואָס מ'טוט מיט זײַן גוף? — דניאל! דער גוף האָט געהייסן דניאל, ווען ער האָט גע־לעבט, זיך באַוועגט. איצט אָבער לעבט אַן אַנדער דניאל, א דניאל, וואָס קיינער זעט אים נישט און הערט אים נישט, נאָר ער הערט און זעט אַלץ. אָט קוקט ער אויף די נשמה־ליכט, וואָס ארום זײַן גוף, און אויף די פאַר־טרויערטע פּנימער, וואָס טיקן־אויף איינער נאָכן אַנדערן. זע נאָר, אָט איז יוסף מילער — א צעווייקטער אין טרערן. דניאל לאַכט: אָרימער מילער! ווייזט־אויס, ער האָט אים טאַקע ליב געהאַט, דניאלן, כאָטש ער האָט זיך באַצויגן צו אים אזוי גראָב, אזוי אומדאַנקבאַר, נישט געוואָלט אָנערקענען זײַן קונסט. אך, ווי זײַן טויט טוט אים וויי, מילערן! דער נאַר... און אָט איז יעקב בליצשטיין — אַן ערנסטער, א גרויער, א שווייגנדיקער. ער זעט אים גאָרנישט, בליצשטיין... עלעקטריע, כאַ־כאַ! עלעקטריע, בליצשטיין!... און שיינע־שרה כליפּעט, כליפּעט... טוליעט זיך צו איר חתן, וואָס פאַרשטויסט זי, און זוכט אין אים טרייסט... פוי, פאַלשע וועלט! און אָט... און אָט... וואַרט נאָר, דאַכט זיך, עס קומט — זי! עלזע! עלזע? — ניין, ס'איז גאָר עדיט, דאָס קאַפּע־מיידל... שיינע, אָרימע עדיט!

דניאל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זײַן האַלב־חלום. א קרומער שמייכל איז געלעגן אויף זײַן פּנים.

— נאַרישקייטן — האָט ער מיט א האַנט־באַוועג געטריבן די זעאונגען.

ס׳איז אים געווען קאַלט און דער געדאַנק וועגן זיין מעגלעכער קראַנקהייט האָט ווידער אַ בויער געטאָן אין אים. ער האָט געמורמלט:

— עלעקטריע... עלעקטריע, זאָגט בליצשטיין... כאַ־כאַ. זאָל זיין אַזוי.

ס׳איז אים געוואָרן אומהיימלעך אין זיין אַלקער. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן צום אַנדערן צימער, וואו ס׳איז געווען זיין שילדן־וואַרשטאַט, נאָר אין שרעק זיך צוריקגעצויגן און ער איז צוגעפאַלן צום טיש. דאָרט איז געלעגן אַ באַרג מיט באַמאַלטע לייוונטן און פּאַפּירן, אין וועלכע ער האָט אַזויפיל טרויער און אַזויפיל נשמה אריינגעטאָן אין משך פון יאָרן. איינס נאָכן אַנדערן, האָט ער אַרויסגענומען זיינע געמעלן און צייכענונגען און זיי באַטראַכט מיט איבערראַשונג, ווי ער וואָלט זיי געזען צום ערשטן מאָל.

עלזע... עלזע... אַזויפיל בילדער פון אָט דער קליינער, נאַרישער מיידל, וואָס מען רופט „די שיינע עלזע״! אַן אילוזיע, וואָס פאַרשווינדט, וואָס וועט קיינמאָל נישט ווערן פאַרווירקלעכט. אַך, ווי לעבערלעך!

און אָט: לאַנדשאַפטן, פאַנטאַסטישע פּאַסירונגען, קעפּ. דאָס טויטנבילד! דאָס טויטנבילד, וואָס יוסף מילער האָט געזאָגט אויף דעם, אַז ס׳פעלט נשמה און אינהאַלט. אפשר איז ער גערעכט, מילער. נישט אין דעם טויטנבילד איז דאָ זיין נשמה און זיין אינהאַלט. אַמאָל אפשר געווען, אָבער נישט איצט... גאָר עפּעס אַנדערש פילט־אַן זינט אַ צייט זיין גאַנצן מהות.

טויט גאָר... אָט האָט ער איצט געחלומט וועגן טויט, אָבער דאָס בילד רירט אים נישט. קאַריקאַטור איז עס, נישט מער...

ער האָט ווייטער געזוכט צווישן די פּאַפּירן און לייוונטן אויפן טיש. נישט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון זיינע ווערק, ווי אין זיי וואָלט ער געפונען דאָס, וואָס ער האָט געגאַרט: ער האָט געגאַרט נאָך טרייסט, נאָך אַן אָנשפּאַר, כדי נישט צו בלייבן הענגען אויף אייביק אינם פינצטערן חלל, וואָס האָט זיך געשפּרייט אַרום אים.

זיינע פינגער האָבן גענומען בענקען נאָך שאַפונג. ער האָט געפילט ווי עס באַוועגן זיך זיינע שלייפן אונטערן שלאָג פונם פולסירנדיקן בלוט. די אויגן האָבן זיך אויסגעברייט שטאַרע, דערשראָקענע, ווי זיי וואָלטן געקוקט אין דער אומענדלעכקייט אַריין. און ווי ער וואָלט אין דער אומענדלעכקייט זי דערזען, איז אים פּלוצים קלאָר געוואָרן אַן אידייע און ער איז מאַמענטמאָל געוואָרן אָנגעפילט מיט איר, אַן אידייע, וואָס האָט אים שוין לאַנג געמאַטערט אומבאַוואוסט פאַר אים אַליין און האָט געזוכט געשטאַלטיקונג. איצט האָט ער זי אין דמיון דערזען מיט אַלע פּרטים, מיט אַלע ליכט־ און שאָטן־שפּילן, און ער האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס זי איז אים ערשט איינגע־

פאַלן, בעת זי איז אזוי קלאָר געווען אין זיין מוח שוין פון לאַנג, אפשר זינט יענעם אָוונט, ווען בליצשטיינס הויז אין שאַרלאָטענבורג איז באַפאַלן געוואָרן פון נאַצי־יונגען, און אפשר נאָך פון פריער, פון יאָרן צוריק...

אַלע געדאַנקען, געפילן, זכרונות, אַלע איז פאַרשוואונדן פאַר דער איי־נער אידייע, וואָס האָט אים איצט באַהערשט. ער האָט פאַרזיכטיק גענומען זי צייכענען אויף א בלאַט פאַפּיר. אזוי האָט ער זיך נוהג געווען: צוערשט פלעגט ער אנטוויקלען זיין אידייע מיט לייכטע בלייפעדער־שטריכן און שפּעטער זיך נעמען צום לייוונט.

ער האָט געפירט מיטן בלייפעדער איבערן פּאַפּיר און גערעדט צו זיך אַליין:

— זיי טאַנצן אַרום גרויסע, שוואַרצע צלמים מיט בלוטנדיקע יעזוס־בילדער. אָבער גלייכצייטיק צעבלוטיקן זיי ווידער דעם מענטש, וועלכן זיי האָבן אין א גאָט פאַרוואַנדלט... אין א גאָט, ווייל זיי גלויבן נישט אין מענטש... דער מענטש קאָן זיך ביי זיי נישט מקריב זיין; נאָר א גאָט קאָן זיך מקריב זיין... און דעם מענטשן צעבלוטיקן זיי אַליין, שפּייען אויף אים, מאָרדן אים, קרייציקן אים אין גאָטס נאָמען, אין נאָמען פון דעם לײַדנדיקן גאָט. יאָ, מיין ליבער, דאָס איז דער סוד. וואָס איז גאָט? — אַן אויסרייד פאַר זייערע בלוטיקע אינסטינקטן... נעם, דניאל, ברענג עס אַרויס! האָסט כּוח? עך, ווי שוואַך דו ביסט!

ער איז א מאָמענט געבליבן אָפּהענטיק, נאָר באַלד האָט זיך ווידער דערהערט דאָס שאָרשקען פון בלייפעדער אויפן פּאַפּיר. צייטנווייז האָט ער זיך פאַרקוקט אין חלל, ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט דעם אָריגינאַל, פון וועלכן ער האָט קאָפּירט... דערנאָך האָט ער באַטראַכט זיין צייכענונג:

א איד מיט א לאַנגער, ווייסער באָרד. פאַרגלאָצטע אויגן, ווי אין א תּפילה. אידישע אויגן און יעזוס־אויגן צונויפגעגאָסן. די הענט האַלב אויסגע־שפּרייט צום הימל, אזוי, אז דער אַלטער, מידער גוף איז געוואָרן א מין צלם. הינטן האָבן פון אַלע זייטן געריסן זיין לאַנגע קאַפּאָטע און מיט שפּי־ציקע ציין זיך איינגעביסן אין זיין פלייש. קעגן דעם זקן — א פרומער גלח, מיט א גרויסן, שוואַרצן צלם און א בלוטנדיקן יעזוס־בילד. אין הינטער־גרונט — פלאַמען פון שייטערהויפן, וואָס האָבן באַלויכטן אַן אַמפיטעאַ־טער פול מיט מענטשן, קעפּ אויף קעפּ, אַלע מיט צלמים אין די הענט. פון דער אַנדערער זייט — סאָלדאַטן, מיט בלוטדורשטיקע פּנימער און מיט צלמים אויף די ברוסט און העלמען. זיי האָבן דעם אידן געשלעפּט, גע־

שטופּט צום שייטערהויפן, דראָענדיק מיט שווערדן קעגן זיין אנטבלויזטער ברוסט.

דער סוזשעט איז כמעט געווען פאַרטיק. איצט האָט דניאל געצייכנט טראָפּנס בלוט, וואָס האָבן — ווי אויף די יעזוס־בילדער — געטריפט פונם אַלטנס שטערן, הענט און פיס. דניאל האָט געקוקט אויף זיין סוזשעט און געמורמלט:

— איצט וועלן זיי פאַרשטיין. זיי וועלן פאַרשטיין און וועלן שילטן. אַ, ניין, דאָס וועט זיי נישט געפעלן ווערן. קיינעם נישט... אידן, גויים... קיינעם נישט... נאָר וואָס אַרט עס דיך? אַבי דו ברענגסט אַרויס וואָס דו האָסט געזען... אין דער אומענדלעכקייט דערזען... זאָלן זיי אָנקוקן אַזאַ בילד און נישט וויסן ווער ס'איז דער געקרייציקטער... ביידע אין צלמים פאַרוואַנדלט און פון ביידע טריפט בלוט... איינער איז אַ גאָט, דער צווייטער — אַ איד, אַ מענטש...

ער האָט ווייטער געאַרבעט, געמעקט און פאַרריכט, רעדנדיק צו זיך:

— אַז מ'שאַפט אַ בילד, דניאל, דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז אַנדערע וועלן אויך קוקן אויף אים, און זיי דאַרפן פאַרשטיין, כדי נישט צו פאַרשטיין... אַלע וועלן לויפן עס אָנקוקן, אפילו מילער...

ער האָט זיך צעלאַכט. איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז מילערס געשטאַלט איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים די גאַנצע צייט, בעת ער האָט געצייכנט, און ער, דניאל, האָט געזוכט זיך אויסצופיינען פאַר אים.

— איצט וועט ער אויך זאָגן, אַז ס'פעלט נשמה, אינהאַלט? האַ, דניאל! אַ, יאַ, ער איז פּעאיק אויף דעם, מילער... אַהאַ!

און פּיבערהאַפט האָט ער זיך גענומען צוגרייטן דעם לייוונט.

די ערשטע אָנצוקוקן דאָס בילד איז געווען שיינע שרה. זי איז געקומען ווען דניאל האָט שוין געהאַלטן ביי די לעצטע פּענזל־שטריכן נאָך אַן אומאויפהערלעכער פּילטאַגיקער אַרבעט, בעת וועלכער ער האָט אינגאַנצן נישט געעפנט דאָס געשעפט. ווען ער האָט פּיבערדיק געמאָלן אין דער איינזאַמקייט פון זיין צימער, האָט ער אַלץ שטאַרקער געשפּירט ווי עס ברעכן אים די אבֿרים און ווי עס האַקן אים די שלייפן. אויפן דריטן טאָג איז ער אפילו נישט אַרויסגעגאַנגען עפּעס עסן. ער האָט יענעם טאָג נאָר געטרונקען וואַסער. וואָס מער וואַסער, צו לעשן זיין וואַקסנדיקן דורשט. שפּעטער האָט ער דערשפּירט אַזאַ מידקייט, אַז ער האָט געמוזט אָוועקלייגן די פּאַליטרע אין די פּענזלען און ער איז מיט אַן אָפּגעהאַקטן און שרפענדיקן אָטעם גע־

פאַלן אויפן בעט. אָבער מיט אומגעהויערן אימפּעט האָט ער זיך באַלד א הויב געטאָן, ווידער אויסגעטרונקען א פּאָר גלעזער וואַסער און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס שאַפט ער זיין לעבנסווערק, דאָס לעצטע און דאָס וויכטיקסטע. ער האָט דאָס בילד געוואָלט ענדיקן וואָס גי־כער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן. ער האָט געאַרבעט אפילו ביינאַכט, ביי א גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ, הגם מיטן באַוואוסטזיין, אַז עס וועט אפשר נישט אַרויסקומען וואָס ער האָט געוואָלט, ווייל ביי קינסטלעכן ליכט קאָן מען נישט זען אַלע ניואַנסן פון די פאַרבן. ווען דאָס בילד האָט געהאַלטן אין פאַרענדיקט ווערן, האָט ער אַלץ שטאַרקער דער־שפּירט די מידקייט און דעמאָלט האָט אים ווידער גענומען טאַטשען די מחשבה וועגן קראַנקהייט און טויט.

דניאל איז געשטאַנען מיט דער פאַרבן־פּאַליטרע קעגן זיין בילד, זוכנדיק צו פאַרריכטן די לעצטע הסרונות. ער איז געווען פאַרוואונדערט פון זיין איי־גענער שאַפונג, פון דעם געקרייציקטן אידישן זקן, פון די פלאַמען פונם שייטערהויפן, פון דער פרומקייט פון דעם גלח מיטן צלם. זיינע אויגן און זיין אָטעם האָבן געברענט מיט א פאַרצערנדיקן פייער און פון די שלייפן ביז צום הינטערשטן טייל פון זיין קאָפּ האָט זיך געשפּרייט א שטאַרקער ווייטיק. ער האָט א קוק געטאָן אין שפּיגל און זיך דערשראָקן: זיין הויט איז געווען געלבלעך־בלאַס; אונטער די אויגן — גרויסע, טונקעלע רייפן, און די נאָז איז לענגער געוואָרן. אויף די טרוקענע ליפּן און אויף דער פאַר־שפּיצטקייט פון דער נאָז איז געלעגן ווי א שאָטן פון טויט.

אין יענעם מאָמענט איז אָנגעקומען שיינע־שרה. זי איז שטיין געבליבן אין טיר א דערשראָקענע:

— דניאל, זע נאָר ווי דו זעעסט־אויס! וואָס איז מיט דיר, דניאלקע? זי איז אריינגעקומען און האָט זיך צעוויינט.

— שיינע־שרה, זעט וואָס איך האָב געשאַפן — האָט דניאל אומעטיק געשמייכלט און געוויזן אויפן בילד.

נאָר שיינע־שרה האָט קוים געוואָרפן א בליק אויף דניאלס „לעבנס־ווערק":

— א שיין בילד, דניאלקע. אָבער וואָס איז מיט דיר? ביסט קראַנק?

— שיינע־שרה — האָט ער געשעפּטשעט. — קוקט זיך צו: פלאַמען, שייטערהויפן... ווער איז יעזוס? ווער איז דער געקרייציקטער? זאָגט איר, זעט...

שיינע־שרה איז געזעסן אַ פּאַרטרויערטע אויפן עק בעט און זיך געווישט די אויגן. זי האָט נישט געקוקט אויפן בילד און נישט אויף זיין שאַפּער. באַליידיקט, צעוויינטקט און טויט־מיד, האָט דניאל גערעדט מיט אַ שוואַך קול:

— ניין, שיינע־שרה, איך בין גאָר נישט קראַנק... כ׳בין אונטערן איינדרוק פון מיין ווערק... אַ גרויס ווערק, האַ? כ׳האָב שטאַרק געאַרבעט. אוי, ווי איך האָב געאַרבעט! און אַז קראַנק... איז וואָס?... זעט־נאָר, שיינע־שרה, קוקט־אָן דאָס יעזוס־פּנים פון דעם זקן... זאָגט, ער זעט נישט אויס ווי אַ געקרייציקטער, האַ? שיינע־שרה, זעט...

נאָר שיינע־שרה, פאַרגעסנדיק איר זאָרג פאַר דניאלס צושטאַנד, איז שוין געווען פאַרנומען מיט זיך. בעת דניאל האָט זיך דערנענטערט און דערווייטערט קעגן זיין בילד, געבנדיק דאָ און דאָרט אַ שמיר מיט אַ פּענזל, האָט זי גערעדט אַזוי גיך, אַז ער האָט קוים פאַרנומען אירע ווערטער:

— שטעל זיך נאָר פאָר וואָס יאַקאָב איז, דניאלקע. איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז ער קאָן זיין אַזאַ בולוואַן. אויס אוגסבורגערשטראַסע, דניאל! אויס, אַלץ אויס. ער האָט מיך פאַרלאָזן, ליקווידירט די שטוב און אַוועק. פאַרוואָס? פאַרוועגן? אַוועק און שוין! צי ער האָט זיך טאַקע דערשראָקן פאַר די נאַצי־יונגען, צי וואָס. ניין, דניאל, איך וועל זיך נישט שעמען פאַר דיר: ער האָט געוואָלט פון מיר פּטור ווערן און דאָס גאָר. דער איבערפאַל איז געווען אַזוי צוגעפּאַסט דערצו, ווי נאָר ער אַליין וואָלט אים אָרגאַניזירט, כדי צו האָבן אַ תירוץ... ווי מיינסטו, דניאל? ניין, יאַקאָב איז נישט פּעאיק אויף אַזאַ זאַך, אמת, דניאל? אַבסורד. ער איז דאָך חבר בליצשטיין! — האָט זי אויסגערופן מיט גאַל. — הער זיך נאָר איין וואָס ער האָט געטאָן, וועסטו שוין פאַרשטיין: אין אַ שיינעם פרימאָרגן רופט ער מיך אַריין און זאָגט מיט זיין געשליפן צינגל: „סאַראַ, זאָגט ער, איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז דאָ איז געפערלעך ווייטער צו וואוינען... שוין צייט מיר זאָלן דאָס אַלץ אויפגעבן"... הערסט דיבורים? אַלץ אויפגעבן! אונזער חברשאַפט, אונזער ליבע, אַלץ, אַלץ... „דו, זאָגט ער, גיי דיר דיין אייגענעם וועג און איך וועל גיין מיין וועג און לאָז מיך צורו, סאַראַ"... הער, הער דיבורים פון חבר יעקב בליצשטיין! ווען נישט איך, וואָלט דאָך זיין שווערסטער אים אפילו אויפן שוועל נישט געלאָזט! און איצט — נאַ־דיר אַ דאַנקבאַרקייט, אַ גערעכטיקייט, אַ גערעכטיקייט פון חבר בליצשטיין! „איך וועל דיר געבן וויפל דו ווילסט, זאָגט ער, און לאָמיר זיך וואוינען באַזונדער — דו אין דיין צימער, איך אין מיין צימער, ווי קיינמאָל גאָרנישט"...

הערסט? ווי קיינמאָל גאָרנישט! געלט וועט ער מיר געבן, דער לײדאַק! איך דאַרף נישט זיין געלט! אויף כּפּרות דאַרף איך זיינע מתּנות... נעמט און דינגט מיך אָן אין אַ פּענסיאָן, באַצאָלט פאַר אַ חודש — און לאָזט מיר נישט אַפילו זיין אַדרעס. גיי, זוך אַ ווינט אין פעלד... דאָס האַרץ קאָן דאָך פּלאַצן פון פאַרדרוס און ווייטיק! שטעל זיך נאָר פאָר, דניאל: אַזויפיל יאָרן צוזאַמען, אַזויפיל יאָרן.

זי האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן.

— חברים, זאָגט ער, בלייבן מיר. חברים — דאָס יאָ, זאָגט ער... מיר געהערן דאָך צו איין פּאַרטיי. און גוטע־פריינד בלייבן מיר... ניין, חבר בליצשטיין, נישט אַזוי באַהאַנדלט מען אַ חברטע און אַ גוטע פריינדין. צוגעגעסן אים געוואָרן. אָנגעזעטיקט זיך מיט מיר, — האָט ער מיך אַוועקגעוואָרפן, ווי אַ גאַסניונג וואַרפט אַוועק אַ גאַסנמיידל. דאָס איז חבר יעקב בליצשטיין! אַך, וואָס טוט מען, דניאל? איך בין אַזוי עלנט, אַזוי אומגליקלעך. און כ'וועל דיר דערציילן אַ סוד: היינט האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז איך האָס אים. כ'האָב אים פיינט! ס'איז דאָך זיין טעאָריע.. אַזוי האָט ער דיר געלערנט, געדענקסט? — „מיר, האָט ער געזאָגט, טאָרן נישט ליב האָבן, ווייל מיר מוזן האַסן"... אָבער איך קען זיך אויף אים. איך ווייס דעם אמת: ער לעבט שוין מיט אַן אַנדערער, דער חזיר. אַ יונגערע פון מיר. אַ שענערע פון מיר. ער האָט מיר נישט געגעבן קיין אַדרעס, אָבער נישט געזאָרגט, כ'וועל שוין אויסגעפינען. און כ'וועל זיי די אויגן אויסדראַפּען... וואָס זאָגסטו, דניאלקע? דו ביסט דאָך אַזאַ קלוגער, אַזאַ פּעאיקער... זע נאָר, דניאל! וואָס איז מיט דיר?!

וואָס לענגער זי האָט גערעדט, אַלץ ווינציקער האָט ער זי געהערט. איצט האָבן זיינע אויגן זיך אויסגעברייט, ווי אין וואַנזין. ער איז געשטאַנען מיט דער פּאַליטרע אין האַנט קעגנאיבער זיין בילד און געשעפּטשעט אָן כּוחות:

— זעט, מענטשן, זעט... מיין בילד... שייטערהויפן ברענט... געקרייציקטער... גאָט!

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ מיט ביידע הענט און אים פאַרשטעלט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרטיידיקן קעגן אַן אומגעזעענעם שונא, און ער איז צוזאַמענגעבראָכן אינמיטן דעם אַלקער.

קאַפּיטל 6.

זון אין די כמאַרעס

דניאל האָט אַ פאַרצווייפלטער זיך געראַנגלט קעגן דער קראַנקהייט, אָבער דער פיבער איז שוין נישט אָפּגעטראָטן. אַ צעמישטער האָט ער אויסגעהערט די רייד פון דעם דאָקטאָר, וואָס שיינע־שרה האָט צו אים געבראַכט, און ער איז געווען צופרידן וואָס דער דיאַגנאָז איז געווען אַ לייכטער: „מאָגן־אינפעקציע, דאָס אַלץ".

ער האָט געהאַסט די מעדיצינען און זיך צו זיי נישט צוגערירט. ווען ער איז געבליבן אַליין, איז די שטוב אים געוואָרן ענג און דער פיבער איז געשטיגן. ער האָט געחלומט וועגן פרילינגדיקע לאַנקעס, בעת אין גאַס האָט נישט אויפגעהערט צו פאַלן דער נאַסער שניי. זיינע פינגער זיינען געווען ווי איינגעשרומפּן נאָך די אומאויפהערלעכע אַרבעטס־טעג, און דאָס בילד, וואָס ער האָט געשאַפן, האָט אים מער נישט אינטערעסירט. ער איז געלעגן אין בעט, וואו שיינע־שרה האָט אים איבערגעוואַלט אַריינגעשטופּט, און פאַר זיין דמיון האָבן זיך אַנטפּלעקט זעאונגען פון אויפגייענדיקע זונען, טייכן און בליענדיקע פעלדער, און אינמיטן דער פריש־דערוואַכנדיקער וועלט איז געווען עלזע.

עלזע איז געווען די געשטאַלטיקונג פון פרילינג. ער האָט אַמאָל טאַקע געמאָלן אַזאַ פרילינג־בילד, וואָס שטעלט־פאָר עלזעס שמייכל און אירע ליכטיקע, אַלץ־באַשטראַלנדיקע אויגן. עלזע איז אויף דעם בילד געשטאַנען אין אַ לייכטן טיול, וואָס צווישן זיינע פאַלבן און קנייטשן האָט איר צאַרטער גוף אַרויסגעכשופט — נישט מיט תאווה, נאָר מיט אַן אויסטערלישן חן, — עפּעס מלאכישס און ערדישס צוזאַמען; דאָס איז געווען זון — אַ בליק פון גאָטס אויג, וואָס גיט דער ערד צייטיקייט און לעבן... אַזוי האָט דניאל זי געזען און זי באַשאַפן. ער איז געווען פאַרליבט אין דעם בילד —

און אפשר דערפֿאַר האָט ער, נאָך יאָרן האָפֿנונגלאָזיקייט און בענקשאַפֿט, גישט געקאָנט פֿאַרגעסן עלזען.

אַז די פֿרילינג־ווּיזיע האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון זיינע פֿיבער־ברענענדיקע אויגן, איז אים באַפֿאַלן אַן אומענדלעכע בענקעניש. איצט האָט ער עלזען געזען אַ האַרבסטיקע, בלאַס און אומעטיק, מיט דינע, צוקנדיקע ליפּן, וואָס גאַרן נאָך באַרירונג.

— נאָר איין קוש און דערנאָך שטאַרבן — האָט ער געמורמלט אַ פֿאַר־חלשטער.

זיינע אייגענע ליפּן האָבן געצוקט און געגאַרט נאָך איר באַרירונג, ווי אַ דורשטיקער מדבר־וואַנדערער נאָך וואַסער.

— פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס בין איך אַזוי אומגליקלעך? — האָט ער גע־זיפֿצט אין דער איינזאַמקייט פֿון זיין צימער. ער האָט טיפֿער פֿאַרניורעט דעם קאָפּ אין די קישנס און זיך מיט טרערן באַנעצט.

שיינע־שרה האָט צוגעזאָגט צוריקצוקומען נאָך דעמזעלביקן טאָג, שפּעטסטנס אויפֿצומאָרגנס אינדערפֿרי. זי האָט געדאַרפֿט זוכן יעקב בליצ־שטיינען, האָט זי געזאָגט, און זיך געגרייט צו גיין צו עמאַן וועגן דעם. דאָרט וועט זי זען עלזען... ווי גליקלעך שיינע־שרה איז געווען אין זיינע אויגן!

נאָך שיינע־שרה איז נישט צוריקגעקומען. ס'איז געווען אַ גרוי־בלוי־לעכער און ענדלאָזער בין־השמשות און דניאל האָט גערעדט אומפֿאַרשטענד־לעכע רייד צו די נאַקעטע ווענט פֿון דעם אַלקער. ער האָט געפּרוּאווט זיך אויפֿהויבן, נאָר די אברים האָבן נישט געפֿאָלגט. דערנאָך איז געקומען אַ לאַנגע, לאַנגע נאַכט, פֿול מיט אויסטערלישע זעאונגען און כסדר־איבערגע־ריסענעם שלאָף. און אין די מאָמענטן, ווען ער איז צווישן איין חלום און דעם אַנדערן צו זיך געקומען, האָט ער זיך כסדר דערמאָנט:

— נישט געקומען שיינע־שרה... נישט געקומען...

און ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויפֿן נייעם טאָג.

אין די צעפֿיבערטע חלומות האָט ער נאָכאַנאַנד געזען עלזען. זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט פֿייערדיקע צונגען, וואָס האָבן געצערטלט אירע צעלאָזטע, שוואַרץ־זיידענע האָר, איר ראָז־דורכזיכטיקן טיול, איר איבער־געשראָקענעם פּנים. נאָר דניאל האָט באַמערקט, אַז דאָס איז נישט עלזע, נאָר איר בילד, איר פֿרילינג־בילד, וואָס ער האָט געמאָלן. דאָס בילד צינדט זיך אָן, צעפֿלאַקערט זיך און די פֿלאַמען כאַפּן־אַרום אויך די אַנדערע ביל־דער, אַלע זיינע לייוונטן און פּאַפּירן. פֿון דער ערד ביז צום הימל שטייגט אויף אַ שייטערהויפֿן, וואָס ווערט אַלץ רויטער, ליכטיקער, און אינמיטן די

פלאַמען שטייט אַ אידישער זקן, מיט די הענט צום הימל אויסגעשפּרייט, און ווי אַ פאַקל ברענט ער אין דער פינצטערניש. מיטאַמאָל האָט ער אין דעם ברענענדיקן זקן דערזען זיין אייגן פּנים; ער, דניאל, האָט געברענט. דאָס פייער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביים האַלדז, ווי עס וואָלט אים גע־שטיקט מיט גליענדיקע רייפן, פאַרצערט זיין גומען, זיין מויל, זיינע אויגן און זיין קאָפּ, און זיך געשפּרייט אַלץ ווייטער איבער זיין גוף.

דניאלס ליפּן האָבן פאַרחלשטע געבעטן:

— וואַסער... וואַסער...

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער נאָך געשפּירט בחוש ווי ער ברענט און ער האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס ער זעט נישט די פלאַמען אַרום זיך.

נאָר באַלד האָט דאָס בילד זיך אַ בייט געטאָן:

אַ זומערטאָג. היים — דערשטיקט צו ווערן. אַ קירך, אַ גרויסע, גרויסע קירך, אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן, וואָס בוקן זיך צו אַ בלוטנדיקן יויזל אויף אַ גאָלדענעם אַלטאַר. פון הינטער דעם אַלטאַר שטייגט־אַרויס עלזע, מיט לייכטע גאָזל־טריט, ווי זי וואָלט געשוועבט, אין ווייסן געהילט, אין דורכ־זיכטיקן ווייס.

— אַך, עלזע, עלזע. גיב כאָטש איין קוק אויף מיר, עלזע.

אַזוי וויינט דניאלס האַרץ. נאָר עלזע קוקט זיך נישט אום. איר פּנים איז ווייס, ווי דער טיול, וואָס הילט זי איין. זי קניט. דער בלוטנדיקער יויזל סעגנאָיבער איר שמייכלט. נאָר מיטאַמאָל געשעט עפּעס:

פון אַרום און אַרום הויבן זיך אויף די קניענדיקע מענטשן. אַלע זיינען אָנגעטאָן ווי סאָלדאַטן. ס'בלאַנקען די מעשענע קנעפּ אויף זייערע מונדירן, און ווי די קנעפּ, צעבלאַנקען זיך זייערע אויגן. די בלאַנקענדיקע אויגן ווערן אָנגעגאָסן מיט ווילדער רציחה, אַלץ ווילדער, ווילדער. און שווערדן ציען זיך פון שיידן אַרויס און בליאַסקען איבער די קעפּ, ציען זיך צו דער בלאַ־סער יונגפרוי, וואָס קניט אויפן גאָלדענעם אַלטאַר. די שווערדן קומען אַלץ נענטער, רינגלען זי אַרום, פאָכען אַרום איר, לאָזן זיך אַוועק אין אַ שווערדן־טאַנץ איבער איר קאָפּ, קעגן איר ברוסט, קעגן איר האַלדז. און עלזע באַ־וועגט זיך נישט! זי איז טויט־בלאַס. אירע אויגן זיינען פאַרמאַכט. זי זעט גאָרנישט. זי הערט גאָרנישט.

דניאל, אין אַ ווינקל פאַרניורעט, אָן אָטעם, באַגאָסן מיט שווייס, קוקט זיך צו — און ער אינגאַנצן ווערט איין געשריי:

— עלזע!!!

דאָס געשריי האָט צונויפגעשנורט זיין האַלדז און צונויפגעקאַרטשעט אַלע זיינע נערוון. נאָר אינמיטן דרינען איז עפּעס געשען און — דניאל האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ער איז געווען אַזוי מיד, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט באַוועגן.

— וואָסער — האָבן געלעכצט זיינע פאַרטריקנטע ליפּן.

ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, מורא געהאַט זיי צו פאַרמאַכן — טאָמער זעט ער ווידער דאָס מאָוימדיקע בילד.

ווען דער מאָרגנשטערן האָט גענומען גרויען, האָט ער געהאַט אַן אויס־טערלישן חלום, וואָס איז אויף אייביק געבליבן איינגעקריצט אין זיין זכרון:

אַרום און אַרום — אַן אומענדלעכער, גרויער נעפּל, אַ חלל פון גרוי־קייט, אָן איין שטראַל ליכטיקייט, אָן דער מינדסטער ענדערונג אין קאָליר. אַ גרויקייט, ווי פון ערב־באַשאַף, פון איידער גאָט האָט געזאָגט: „זאָל זיין ליכט". ס'איז געווען שטיל, טויט־שטיל, אָן איין קלאַנג, אָן איין ציטער, אָן איין באַוועג. און ער אַליין, דניאל, איז געווען ער און נישט־ער, — ווי אַ שוואַרצלעך פּינטעלע אינם גרויען חלל, אַ פּינטעלע אין רוים, אין אָפּגרונט פון נישט־זיין אָדער ערב־זיין. דאָס פּינטעלע, ווי דער גרויער אַרום, האָט זיך נישט באַוועגט, האָט גאָרנישט באַגערט, נישט געחלומט. ער איז געווען און נישט געווען. פונדעסטוועגן האָט אין אים עפּעס געפּלאַטערט, ווי פון אינעווייניק אַרויס, ווי אַן אַטאָם, וואָס אויבנאויף איז עס אומבאַוועגלעך, אָבער אינעווייניק שלאָגט אַ האַרץ, פּולסירט אַ לעבן...

מיטאַמאָל האָט פון ערגעץ טיף, פון ערגעץ ווייט — אַ ווייטקייט, וואָס איז געווען נאָענט, ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, — זיך דערהערט אַ קול, אַ קול אַ סקריפּנדיקס, אַ כריפּנדיקס, אַ רואיקס און אַ באַקאַנטס:

— דער זיידע האָט געזאָגט: ס'איז גאָרנישט...

אין דער סעקונדע האָט דאָס פּינטעלע דניאל זיך אַ ריר געטאָן, ווי עס וואָלט אויפגעמאַכט זיינע נישט־אויגיקע אויגן, און מיט אומגעהויערן שרעק געפרעגט:

— וואָס אַזוינס איז גאָרנישט?

— גאָרנישט... אויך דאָס איז גאָרנישט... — האָט געכריפּעט דאָס רואיקע קול.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. דאָס באַקאַנטע קול, האָט זיך אים געדאַכט, איז געווען אברהם פרידמאַנס.

לאַנג איז ער געלעגן אונטערן איינדרוק פון דעם חלום און אין זיין מוח האָט זיך געפּלאָנטערט:

— ס׳איז גאָרנישט... אויך דאָס איז גאָרנישט..

אין דער פרישקייט פונם ווינטערדיקן פרימאָרגן איז אַפּגעטראָטן דער פיבער. ווען נישט די שוואַכקייט, וואָס האָט טעמפּ געמאַכט אַלע זיינע אברים, וואָלט דניאל זיך אויפגעהויבן. צווישן שטיקער וואָלקנס האָט זיך אין פענצטער אריינגעריסן אַ בלאַנקענדיקע זון, פול מיט האָפנונג אויפן נייעם טאָג.

דערנאָך איז געקומען דער דאָקטאָר. ער איז געווען אַ הויכער מאַן, מיט העלע באַקנבערד און אַ ליכטיקן בליק. ער האָט לאַנג באַטראַכט דניאלן, אויסגעפרעגט וועגן זיין צושטאַנד, וועגן דער פאַרגאַנגענער נאַכט, און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— מיין ליבער פריינד, איך באַדויער זייער איך צו זאָגן... כ׳מוז אייך זאָגן דעם אמת... איר זייט דאָך אַ דערוואַקסענער מענטש. אייער קראַנקהייט איז אַ סך ערנסטער ווי מיר האָבן געמיינט. איר מוזט גיין אין שפּיטאָל. איר האָט טיפוס. און איר וועט אַנטשולדיקן, מיין יונגער פריינד, אָבער מיין פּראָפעסיאָנעלע פליכט... כ׳וועל מוזן מעלדן.

רואיק האָט דניאל אויסגעהערט דעם דאָקטאָרס פּסק, און ווי אַ פאַר־משפּטער, וואָס אים איז שוין אַלץ איינס וואָס מ׳זאָל מיט אים נישט טאָן, האָט ער נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— טוט ווי איר פאַרשטייט, דאָקטאָר.

און אַז דער דאָקטאָר איז אַוועק, האָבן אין דניאלס מוח זיך ווידער געפּלאָנטערט די ווערטער:

— דער זיידע האָט געזאָגט: ס׳איז גאָרנישט...

— גאָרנישט...

געדאַנקענלאָז, רואיק, אָן איין באַוועג, ווי דאָס פּינטעלע אינם גרויסן נעפּל פון זיין חלום, איז ער געלעגן אויפן בעט, אַ נישט־אויסגעטועטער, אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט געהייסן, ווען שיינע־שרה איז אָנגעקומען. אימיצער האָט הינטער איר זיך אריינגעשליכט אינם צימער, מיט נישט־זיכערע טריט. מיטאַמאָל איז דניאל באַגאָסן געוואָרן מיט שווייס. — עלזע!!

אַ צעמישטע, מיט צעצונדענע באַקן און אַ שעמעוודיקן בליק, האָט עלזע אויסגעשטרעקט צו אים איר קליין, פּוכיק הענטל און געשמייכלט. נאָר דניאל איז געלעגן אַ פאַרגליווערטער פון איבעראַשונג און ער האָט זיך נישט דערוועגט אָנצונעמען די האַנט, וואָס האָט זיך צו אים געשטרעקט. שיינע־שרה האָט געלאַכט:

— זע־נאָר זע, ווי שעמעוודיק דער בחור איז עס געוואָרן! דניאל! ביסט

מיר גאָרנישט דאַנקבאַר פאַר דעם סורפּריז, וואָס כ'האָב דיר געבראַכט? זעץ זיך, עלזע. זעץ זיך דאָ, לעם בעט. ער איז, נעבעך, גוט קראַנק, מיין קליי־נער דניאַלקע, און עלנט, ווי אַ שטיין.

— פאַרוואָס האָט ער זיך אַרויסגעצויגן פון אונזער הויז? — האָט ווי דער ערשטער אַקאָרד פון אַ סימפאָניע, אַ קלונג געגעבן עלזעס שטים. — ביי אונז וואָלט הער דניאַל נישט געווען עלנט.

— אַך, עלזע! — האָבן דניאַלס ליפּן זיך באַוועגט. איבער זיינע בלאַ־סע, איינגעפאַלענע באַקן האָבן זיך געצויגן שנירעלאַך טרערן.

עלזעס בליק האָט געבוירערט די ערד, בלויז פון צייט צו צייט זיך אויפ־געהויבן — און דעמאָלט זיינען אירע אויגן געווען ווי צוויי גרויסע, פינק־לענדיקע שטערן.

— זאָלסט וויסן, דניאַלקע, אַז ס'איז אַ טאָפּלטער סורפּריז — האָט שיינע־שרה געזאָגט, אַ גליקלעכע פאַר איר טאַט. — דיך האָב איך געוואָלט איבעררראַשן ווייל כ'האָב נישט געקאָנט צוזען ווי עלנט דו ביסט; און איר האָב איך געוואָלט איבעררראַשן מיט דיינע בילדער. זי ווייסט דאָך גאָרנישט וואָס פאַר אַ קינסטלער ס'איז פאַרליבט אין איר. זע, עלזע, זע. אָט ביסט דו. זע, ווי שיין ער האָט דיך געמאָלן! און ס'איז נישט דאָס איינציקע בילד דיינס. זע, זע, עלזע. דאָס בילד הייסט „פרילינג". זע, אָט ביסטו ווידער. ער האָלט דאָך אין איין חלומען וועגן דיין פּנים. אַזוי האָט מען מיך אויך אַמאָל ליב געהאַט — האָט זי אַ זיפץ געטאָן.

עלזע האָט אַ שטראַלנדיקע באַקוקט איין בילד נאָכן אַנדערן און די אַקאָרדן פון איר שטים האָבן כסדר איבערגעחזרט אין אַנטציקונג:

— אַך, ווי וואונדערלעך! אַך, ווי שיין!

דניאַל, מיט צוגעמאַכטע אויגן, האָט זיך צוגעהערט צו איר שטים, ווי מ'הערט זיך צו אַמאָל צו אַ צאַרטער, כשופדיקער קאַמער־מוזיק. פון צייט צו צייט האָט ער אויפגעציטערט, געזוכט איר בליק און געמורמלט אין עקסטאַז:

— אַך, עלזע... עלזע...

שיינע־שרה האָט זיי געלאָזט אַליין. דניאַל האָט מיט גרויס אָנשטרענ־גונג זיך אויפגעזעצט אויפן בעט. ער האָט געזיפצט:

— עלזע... איך בין אַזוי גליקלעך... מער דאַרף איך גאָרנישט... צו וואָס זייט איר געקומען? אַך, עלזע, ס'איז שוין צו שפּעט.

— פאַרוואָס צו שפּעט? — האָט עלזע געלאַכט מיט אַ ריין, פּערלדיק

געלעכטער. — ס'איז קיינמאָל נישט צו שפּעט גליקלעך צו זיין, „מיין יונגבען".

דניאל האָט זיך אָנגענומען מיט אַלע זיינע כוחות, צו קאָנען ריידן. זיין קול, שוואַך און צאַרט, איז געווען ווי פון אַ חלום אַרויס:

— עלזע... ווי וואונדערלעך קלינגט דער נאָמען: עלזע... יאָרנלאַנג, אַ גאַנצע אייביקייט האָב איך דעם נאָמען איבערגעחזרט, בייטאָג, ביינאַכט, אויף דער וואָך און אין חלום. כ'האָב אים גערופן, גערופן, און ער האָט נישט געענטפערט. עלזע... עלזע... פאַרוואָס ביסטו געווען אַזוי גרויזאַם צו מיר? אַך, ווי גרויזאַם... יאָרן האָב איך געוואַרט אויף דער איצטיקער מינוט... געחלומט... קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו האָפן... ווי שיין דו ביסט, עלזע! עפן דיינע אויגן. קוק אויף מיר. צום לעצטן מאָל... כ'וויל זיך באָדן אין דיין ליכט... אויגן־ליכט... נשמה־ליכט... אַך, צום לעצטן מאָל! עלזע, וועסט ברענגען בלומען אויף מיין קבר? זאָג מיר צו, עלזע. איך גיי אַוועק... דו וועסט בלייבן... און ברענגען בלומען... ביסט דאָך ווי אַ מלאך פון הימל! אַז דו וועסט ברענגען בלומען, וועט עס זיין, ווי דער מלאך וואָלט מיך נעמען אונטער זיינע פליגל און מיך אַוועקטראָגן ווייט, אין דער אייביקייט... עלזע! דו לאַכסט? אַך, עלזע, איך וואָלט געוואָלט אָפּווישן דיינע הייליקע טרערן. טרערן... און אַזאַ גאָלדענער שמייכל!... זון אינמיטן רעגן... אַ שטראַל ליכט צווישן שוואַרצע וואָלקנס פון שטורעם... עלזע, זאָגסט מיר צו? ברענגען... בלומען... אויף מיין קבר, עלזע...

דניאל האָט אַ פאַל געגעבן אויפן בעט. עלזע איז אויפגעשפּרונגען דער־שראָקן:

— וואָס איז אייך, הער דניאל? איר פילט זיך שלעכט?

ער איז ווידער געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. איר בליק האָט אים גע־טראָפן, ווי אַ בליץ. ער האָט געפילט די באַרירונג פון איר צאַרטער, ווייכער האַנט אויף זיין פייכטן שטערן, און ער האָט געמורמלט:

— עלזע... נעם נישט אַראָפּ די האַנט. בענטש מיך. איך בין אַזוי גליקלעך, אַזוי גליקלעך...

— יאָ, יאָ — האָט עלזע געשעפּטשעט אין דעמזעלביקן טאָן. — איך בין אויך גליקלעך. כ'האָב אויך געחלומט וועגן דיר יאָרנלאַנג. מיין קינסט־לער, מיין העלד!

זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן איבערן בעט און אָפּגעפּרעסט אַ קוש אויף זיין שטערן.

ער איז געלעגן אין וואונדערלעכן עקסטאַז און אויף זיינע הייץ־פאַר־

טריקנטע ליפּן איז געווען פאַרגליווערט אַ שמייכל פון גליקזעליקייט. ער האָט כמעט נישט געאָטעמט. פון וויטן האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער איז טויט.

דערנאָך האָבן זיך געעפנט זיינע אויגן. זיי זיינען געווען פייכט און דורכזיכטיק. זיין בליק האָט ווי מיט אַ ים ליכטיקייט באַגאָסן עלזען, אַ ליכטיקייט אַ ווייטע, אַ געהיימע, אַ נישט־ערדישע. זיינע ליפּן האָבן זיך נערוועז באַוועגט, אָבער נישט אַרויסגעבראַכט קיין קול. פּלוצים האָבן זיינע אויגן זיך פאַרקוועטשט און זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרימט. זיינע הענט האָבן קאָנוואולסיווע געפּאַכעט אין דער לופט, ווי זיך צו פאַרטיידיקן קעגן אַ געשפּענסט, וואָס האָט אים געוואָלט דערשטיקן. דערנאָך האָט זיין האַלדז אויסגעבאָרכלט אָפּגעהאַקטע, אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

זי איז ווידער אויפגעשפּרונגען און האָט אַ דערשראָקענע אַרויפגעלייגט איר הענטל אויף זיין שטערן. דניאל האָט גענומען דרייען זיין קאָפּ, ווערנדיק זיך אין אַנגסטן קעגן איר באַרירונג. זיינע קראַמפּנדיקע פינגער האָבן אָנגענומען איר האַנט און זי אַראָפּגעריסן פון זיך:

— ניין... ניין... עלזע! ניין...

ער האָט געשלוכצט, געשטיקט זיך מיט זיין געוויין, און עלזע איז געשטאַנען אַ בלאַסע, נישט פאַרשטייענדיק וואָס מיט אים איז געשען.

ס'איז אַנגעקומען שיינע־שרה, מיט פּעקלאַך פּרוכט און נאַשוואַרג פאַרן קראַנקן. מיט שרעק און איבעראַשונג איז זי געבליבן אין טיר. זי האָט געוואוסט, אַז דניאל איז אַ סענטימענטאַלער מענטש, אָבער אין אַזאַ צושטאַנד האָט זי אים נאָך נישט געהאַט געזען. זי האָט געקוקט מיט פאָרוואורף אויף עלזען, מיינענדיק, אַז זי איז די שולדיקע; נאָר עלזעס פּנים האָט אויסגעדריקט אַזויפיל אַנגסט, אַז שיינע־שרה האָט נישט געוואָגט איר עפּעס צו זאָגן. זי האָט אַ וואָרף געטאָן די פּעקלאַך און געאײַלט צום בעט.

— וואָס איז דיר, דניאלקע טייערער?

דניאל האָט געקעמפט מיט זיינע טרערן, וועלכע האָבן גענומען פליסן, ווי פון אַ צעעפנטן קוואַל. לסוף האָט ער זיך באַהערשט, און נישט עפענענדיק די אויגן, האָט ער געשעפּטשעט:

— באַרירט מיך נישט... גייט אַרויס, אַלע אַרויס... לאָזט מיך שטאַרבן.

— אָבער דניאלקע! עלזע, וואָס האָסטו געטאָן דניאלן?

— גאָרנישט, מיין ליבע... פאַרקערט, כ'האָב אים געטרייסט... — און זי איז רויט געוואָרן.

— וואָס איז דיר, דניאל טייערער? — האָט שיינע־שרה איבערגעחזרט

מיט געבעט און זיך דערנענטערט.

ווידער האָט דניאל זיך געוועדט קעגן דער פרעמדער באַרירונג. ער האָט געשיפּעט:

— רירט מיך נישט אָן... איך בין סם... סם איז מיין הויט, מיין אָטעם... גייט אוועק, אוועק! אַך, צו וואָס האָב איך עס דערלויבט?!... כ'האָב טיפוס, טיפוס... לאָזט מיך שטאַרבן... אַך, לאָזט מיך... סם... טיפוס... עלזע...

שיינע־שרה איז בלאַס געוואָרן און באַלד האָט זי נערוועז זיך צעלאַכט:

— דאָס אַלץ, דניאל? אַך, ווי נאַריש דו ביסט! נישקשה, איך האָב פּאָר טיפוס קיין מורא נישט. שוין נישט איין טיפוס־קראַנקן אָפּגעהיט. כ'בין דאָך כמעט אַ קראַנקענשוועסטער, דו ווייסט, דניאל? נאָר הער זיך איין: דער דאָקטאָר האָט טאַקע פעסטגעשטעלט, אַז ס'איז טיפוס?

— מ'וועט באַלד קומען פון פּאָליציי. ער האָט געזאָגט, ער וועט מעלדן. אַך, עלזע, זיי מוחל... קום נישט צו מיר. גיי אוועק, עלזע. גיכער, וואָס גיכער.

די צוויי פרויען האָבן פילבאַדייטנדיק זיך איבערגעקוקט און זיך דער־ווייטערט פון דניאלס בעט. אין דער מינוט האָט מען שטאַרק געקלאַפּט אין טיר און שיינע־שרה איז געלאָפן עפענען. ס'איז אריינגעקומען דער הויז־ווירט: אַ רויטער, מיט אַלקאָהאָל־פאַרשמאָלצענע אויגלאַך, אַ פּיפּקע אין מויל און אַ ציכטיק־ווייסן שירץ אויף זיין ארויסשטאַרטשענדיקן בויך. ער איז אויך געווען דער באַלעבאָס פון דער דערבייאיקער קנייפּע. שטייענדיק אינם אריינגאַנג, האָט ער זיך טיף פאַרנויגט:

— מיינע דאַמען, עס פרייט מיך וואָס איר זייט דאָ. כ'האָב צו פאַרענ־דיקן אַ קליין געשעפט מיטן יונגן הער. דער יונגער הער מוז באַלד פאַרלאָזן דאָס הויז. ער איז טיפוס־קראַנק, און איר פאַרשטייט דאָך, איך קאָן נישט דערלויבן... כ'בין געווען געצוואונגען צו מעלדן דער סאַניטאַרישער פּאָלי־ציי. דער יונגער הער וועט אַנטשולדיקן. ער איז אַ גוטער לאָקאַטאָר, וואוינט שוין דאָ יאָרן. נאַטירלעך, אַז דערווייל בלייבט דאָ אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג. דאָס הויז ווערט פאַרחתמעט און דעזינפעקטירט. מיין יונגער הער דאַרף בלויז באַצאָלן פאַראויס פאַר זעקס חדשים דירה־געלט. איר פאַרשטייט דאָך, מיינע דאַמען, מ'קאָן נישט וויסן... אויב נישט, וועל איך זיין גע־צוואונגען... איך זע, ער האָט דאָ געוויסע ווערט־זאַכן... די קראַנקהייט, מיינע דאַמען, איז זייער אַ געפערלעכע... דער יונגער הער קאָן שטאַרבן...

—אַך, ווי אומפאַרשעמט! — האָט אויסגערופן שיינע־שרה, און עלזע האָט באַהאַלטן דאָס פּנים צווישן די הענט.

ס'איז פאָרגעקומען אַ פּיינלעכע סצענע: דניאל האָט נישט געוואוסט

וואו זיך אהינצוטאָן פאַר חרפּה, דערמאָנענדיק זיך, אַז ער קאָן אַזויפיל געלט נישט צונויפקלייבן. אויך שיינע־שרה האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. דניאל האָט פאַרגעלייגט אָפּצוצאָלן פאַר צוויי חדשים פאָראויס, אָבער דער הויזווירט, וועלכער איז אַלץ געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און האָט כסדר אויסגעדרייט דעם קאָפּ, כדי צו אָטעמען די לופט פון דרויסן און נישט פונם צימער, האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי זיין פאָדערונג. ער איז אַוועק אַ דראָענדיקער און מורמלענדיק עפּעס צווישן די ציין.

עטלעכע מינוט שפּעטער איז געקומען אַ רעגירונגס־דאָקטאָר און סאַני־טאַרן האָבן אַריינגעבראַכט אַ טראָג־בעטל. דניאל האָט געלאָזט טאָן מיט זיך אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט. ער האָט מער נישט געעפנט די אויגן און זיינע ליפּן האָבן זיך נישט באַוועגט. ער איז געווען אַ פּינטעלע אין אַן אומענדלעכן ים פון גרויען נעפּל און איין איינציקע מחשבה איז געשטאַנען אין זיין מוח:

— גאָרנישט... אַלץ איז גאָרנישט...

דער דרויסן איז געווען אַ שטראַלנדיקער, פול מיט גאָלד פון אַ ווינטער־דיקער זון, וואָס האָט אָנגעזאָגט אויף פרילינג.

קאפיטל ד.

אין שפיטאל

פון די ערשטע וואכן פון זיין קראנקהייט, איז אין דניאלס זכרון פאר־בליבן נישט מער ווי א קאשמאר און א געפיל פון עלנט, וואס האט אים אבער נישט געמאכט שטארק ליידן. אט ווי יענע גרויקייט, וואס ער האט געחלומט איידער מ׳האט אים אין שפיטאל אוועקגעפירט, וואלט זיך באמת אראפגע־לאזט ארום אים און ווי ער אליין וואלט אין דער גרויקייט געווען א טונקל פינטעלע, אן אומבאוועגלעכס, א שטארס, מיט עפעס א צאפל פון לעבן אין זיך...

קיינער איז צו אים אין שפיטאל נישט געקומען. אלע האבן ווי פאר־געסן, אז עס לעבט נאך אויף דער וועלט א דניאל שטאפלער. אזוי שיינע־שרה, אזוי יוסף מילער, אזוי עלזע, — אלע, אלע. ער איז געלעגן אין אן אפגעזונדערט צימערל מיט צעעפנטע שויבן־טירן, וואס מ׳האט פארמאכט בלויז אין צייט פון שטורעמווינט, ווען שניי און רעגן האבן אריינגעזעצט דורך זיי. לעם זיין בעטל איז געשטאנען א טישעלע מיט פלעשלאך און סלאיקעס. איבערן בעטל, אויף דער וואנט, — א פאפיר מיט קרומע ליניעס, וואס זיינען געלאפן בארג־ארויף, בארג־אראפ, פארדרייט זיך און פאר־שפיצט זיך און מיטאמאל אראפגעפאלן; דאס איז געווען דער טעמפעראַ־טור־רעקארד, די מאס און דער שטח פון לעבן און טויט, וואס האבן זיך דערנענטערט און דערווייטערט, דערנענטערט און ווידער דערווייטערט. קעגנ־איבער די אפענע שויבן־טירן האט געבליט א הויך־צעוואקסענע יאלקע, וואס אירע נאדלען האבן ווי אויף להכעיס פונם שניי ארויסגעגרינט. דער בוים האט אפט געשאקלט זיך און גערוישט, ווי ער וואלט געשעפטשעט תפילות פאר דעם חולה, וואס האט זיך געשיצט אונטער זיין שאטן. וואכנ־לאנג האט דניאל דעם בוים נישט באמערקט; ער איז געלעגן מיט פאר־מאכטע אויגן אדער ער האט געקוקט צו איין פינטל אויפן סופיט, מורמלענ־

דיק אומפאַרשטענדלעכע רייד און טרייבנדיק פון זיך מוראדיקע זעאונגען.

זעלטן־ווען איז געקומען אַ קראַנקענשוועסטער, אין ווייסן געקליידט, געשטאַנען איבער אים, עפּעס געטאָן, עפּעס גערעדט; און נאָך זעלטענער האָט זיך געוויזן דער דאָקטאָר. זיי ביידע זיינען אין זיין זכרון פאַרבליבן, — נישט אַזוי די קראַנקענשוועסטער, ווי איר ווייסער הויב, און נישט אַזוי דער דאָקטאָר, ווי זיין בלויער, שטאָל־קאַלטער בליק. פאַר דעם בליק האָט ער זיך געשראָקן און גלייכצייטיק געבענקט נאָך אים, און ער איז געווען אומגליקלעך ווען ער האָט זיך מיט אים נישט באַגעגנט. איין טאָג איז דניאל פול געוואָרן מיטן געדאַנק, אַז ער גייט שטאַרבן. ער האָט אַ סך מאָל גע־צויגן דאָס גלעקל, און ווען די קראַנקענשוועסטער האָט זיך באַוויזן, האָט ער פאַרצווייפלט געבעטן ס'זאָל קומען דער דאָקטאָר. אין דניאלס אויגן איז דעמאָלט געווען אַ בלאָנדזשענדיקער אומרו; די נאָז איז געוואָרן פאַר־שפּיצטער, אויסגעצויגענער; ביי די ליפּן־ווינקלען — אַ קרומער שאָטן פון נישט־דאַאיקייט. און אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן און שטאַרקער איז געוואָרן דער תפילה־רויש פונם בוים קעגנאיבער דער טיר, האָט דניאל, אין טויט־שרעק, זיך צוגעהערט צום קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ. דעמאָלט האָט זיך ווידער אָנגעשטעלט אויף אים דער בלויער, שטאָל־קאַלטער און טרויעריקער בליק; די שוועסטער, אין ווייסן, האָט זיך אייליק ארומגעפּאַרעט אינם צימער און גערעדט צו אימיצן, וואָס איז געלעגן אויף זיין, דניאלס, בעט, און פון וועמען מ'האָט דורך אַ קרישטאָלענער רער ארויסגעפּאָמפּעט אַ רויטע פלי־סיקייט...

ווען די קרומע ליניעס אויפן פּאַפּיר האָבן זיך גענומען ווינציקער פאַר־שפּיצן, האָט דניאל צום ערשטן מאָל באַמערקט, אַז אימיצער זיצט לעם אים און גלעט זיין אומבאַוועגלעכע האַנט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם פּנים און ס'איז אים געוואָרן אַלץ באַקאַנטער, ביז זיינע פאַרטריקנטע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט אין אַ שמייכל:

— עדית!

— יאָ, דניאל, איך בין עדית. איך זיץ שוין צוויי טעג ביי דיין בעט און דו דערקענסט מיך נישט. אַצינד בין איך גליקלעך, מיין ליבער. דו וועסט נישט שטאַרבן, נישט שטאַרבן. ביסט דאָך אַזאַ גוטינקער. איך האָב גאָט געבעטן, ער זאָל דיר שענקען דאָס לעבן — און גאָט האָט זיך צוגע־הערט צו מיין תפילה. אָך, טייערער, איצט בין איך אַזוי גליקלעך, ווי נאָך קיינמאָל נישט! — האָבן אויפגעלויכטן אירע שיינע אויגן.

דניאל איז לאַנג געלעגן אין שטילשווייגן. שפּעטער האָט ער געפרעגט:

— וואו איז... עלזע?

— יאָ, מיין ליבער, עדיט, עדיט בין איך — האָט זי געענטפערט, נישט פאַרשטייענדיק זיין פראַגע. — היינט האָב איך דיר בלוט געגעבן און דאָס האָט דיך געשטאַרקט. פון איצט אָן מוזסטו ווערן געזונט, מיין אינגל. אינגיכן וועסטו זיין אַזוי געזונט, ווי אין יענער נאַכט, ווען מיר האָבן זיך באַקענט... געדענקסט יענע נאַכט, דניאל? אַך, סאַראַ גליקלעכע נאַכט דאָס איז געווען פאַר מיר! דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל געוואוסט וואָס ס'איז ליבע... אפילו מיין ערשטע ליבע איז נישט געווען אַזוי... דניאלקע, דו ווייסט? ער איז געווען אַ אינגל אָן אומשולדיקער, אַ נאַרישער, אפילו נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי ליב צו האָבן... דיין אומשולדיקייט האָט מיר דערמאָנט אָן יענעם אינגל... אָבער דו ביסט נישט קיין נאַר! — האָט איר געלעכטער אַ קלונג געטאָן. — דו ביסט זייער אַ קלוגער און דיין אומשולד האָט מיך פאַרכשופט... דניאלקע, דו ווייסט? כ'האָב דיך לאַנג אַרומגעזוכט, ביז כ'האָב דיך געפונען. ביסט געווען אַ שלעכטער יענע נאַכט, וואָס דו האָסט אַליין מיר נישט געגעבן דיין אַדרעס. כ'האָב זיך שטענדיק געבעטן ביי דיין חבר מילער, ער זאָל מיר זאָגן וואו דו וואוינסט, ביז וואַנען איינמאָל האָט ער מיך אַוועקגעפירט צו דיין הויז — און דאָרט האָב איך זיך דערוואוסט אַזאַ שרעקלעכע זאַך. שטעל זיך פאָר אַליין, וואָס מ'האָט מיר אָנדערציילט וועגן דיר: דו ביסט דאָך אַ גרויסער מאָלער, מיין אינגל! ווי שלעכט דו ביסט געווען צו דיין עדיט. פון דיין הויז בין איך גלייך געלאָפן אַהער, אין שפּיטאָל אַריין. און איך בין אַזוי צופרידן, וואָס איך קאָן דיר העלפן, — אויב נישט מיט געלט, איז כאָטש מיט אַביסל בלוט... ביסט נישט אין כעס, וואָס איך בין געקומען צו דיר? זאָג, מיין ליבער: ביסט נישט אַזוי גליקלעך ווי איך? איך האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר זינט יענער נאַכט...

זי האָט זיך דערשראָקן פאַר איר אייגענער פּלוידעריי און איז אַנטשוויגן געוואָרן. דניאל איז ווידער געווען אַ פינטעלע אין גרוי, נאָר אינם פינטעלע האָט געוויינט אַ האַרץ און פאַר אים האָט אין נעפּל אַרומגעשוועבט אַ לייכטער שאָטן פון עפּעס, נאָך וואָס ער האָט יאָרנלאַנג געבענקט, וואָס איז אַוועק און וועט שוין אפשר קיינמאָל מער נישט צוריקקומען. דער שאָטן איז געווען: עלזע.

ס'איז געווען אַ העלער פרימאָרגן און דניאל איז צום ערשטן מאָל אַ־

רויסנעפירט געוואָרן פון זיין צימער. ער איז געלעגן אין אַ גרויסן פאָר־שטול און צו זיינע פיס איז געזעסן עדית.

— עדית, איך זע טרויער אין דיין בליק. עפּעס באַהאַלטסטו פון מיר.

— אָך, ניין, טייערער, איך באַהאַלט גאָרנישט פון דיר; פאַר דניאלן האָב איך נישט קיין סודות. אויב איך בין טרויעריק, איז עס ווייל ס'איז קראַנק געוואָרן מיין האַר, מיין קיניג.

— עדית, איך האָב פאַרט דעם איינדרוק, אַז עפּעס באַהאַלטסטו; עפּעס ווילסטו מיר נישט אויסזאָגן, כדי מיך נישט צו מאַכן ליידן. זיי מודה, עדית, זאָג דעם אמת.

— ניין, מיין ליבער, ניין. כ'האָב דיר אַלץ אויסגעזאָגט, אפילו דעם גרעסטן סוד פון מיין האַרצן האָב איך אַנטפּלעקט פאַר דיר, — אָבער דו ביסט נישט גערירט געוואָרן; דו ביסט געבליבן גלייכגילטיק, קאַלט צו דער ליבע, וואָס פאַרצערט מיך. דו טראַכסט נאָך אַלץ וועגן אַן אילוזיע, וואָס איז אַזוי ווייט... דערפאַר בין איך טרויעריק, בלויז דערפאַר, מיין ליבער דניאלקע.

— עדית, דו האָסט נישט קיין רעכט מיך ליב צו האָבן. יענע אי־לוזיע וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּטאָן פון מיר, דו ווייסט? טאָג און נאַכט חלום איך וועגן איר — און דאָס גיט מיר נישט קיין רו.

— זי איז אַ שלעכטע, דניאל. יאָ, יאָ, דניאלקע! אַ סך מאָל פאַלט מיר איין, איך זאָל גיין צו איר אין דיין נאָמען און בעטן: האָב אים ליב, מיידל! דו דאַרפסט ליב האָבן דעם, וואָס איך פאַרגעטער. זיין האַרץ דער־וועקט זיך נישט מיט ליבע צו מיר, ווייל איך בין אַן אומגליקלעכע און אַ פאַרשטויסענע... איך האָב פון זיין קערפּער געגאָסן ווי נאָך פון קיין קער־פּער נישט אויף דער וועלט, אָבער זיין האַרץ געהערט צו אַן אַנדערער... און זי איז אַ שלעכטע, אַן אומברחמנותדיקע, אַ פרוי אָן אַ האַרץ איז זי... אָך, דניאל, בעסער לאָמיר נישט ריידן וועגן דעם. ביסט נאָך נישט געזונט, און איך וויל, דו זאָלסט געזונט ווערן וואָס גיכער. מיינע ביטערע ווערטער זיינען סם פאַר דיין בלוט. דו ווייסט, דניאל, איך האָב דאָך אין דיין בלוט אַ טייל פון מיין בלוט אריינגעגאָסן, — צי דו ווילסט צי נישט... דו האָסט זיך דעמאָלט געראַנגלט צווישן לעבן און טויט. דיינע ליפּן, פאַרטריקנטע פון פיבער, האָבן געפּלאַפּלט אומזיניקע רייד וועגן טויט און אויך וועגן דער אילוזיע, וואָס פאַרפאָלגט דיך... איך האָב דעמאָלט באַשלאָסן דיר צו געבן מיין בלוט און דערמיט דיך איבערגעוואָלט אָפּרייסן פון איר. נאָר

ווייזט אויס, כ'האָב דיר צו ווייניק פון מיין בלוט געגעבן, און דערפאַר...
און דערפאַר..

— ווייַן נישט, עדיט, ווייַן נישט. מיין האַרץ איז פול מיט רחמנות צו דיר. אָבער... רחמנות איז נישט קיין ליבע, עדיט! מיינסטו, אַז מיט רחמנות אַליין קאָנען מיר...?

— ביסט גערעכט, דניאל, איך וויל נישט קיין רחמנות. ניין! בעסער שטאַרבן...

דניאל האָט געשריבן:

„עלזע, מיין פאַרגעטערטע, מיין איינציקע!

„איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ טאָג ס'איז היינט. איך ווייס אויך נישט אויף זיכער וואָס פאַר אַ טאָג ס'איז געווען דעמאָלט, ווען מ'האָט מיך אהערגעבראַכט, און וויפל טעג איך געפין זיך שוין דאָ, אינם שפּיטאָל. נאָר וואָס איז דאָס וויכטיק? ווען איך טראַכט וועגן דיר, לעב איך אין אייביקייט... און היינט איז דער ערשטער טאָג, ווען איך שפּיר מיך גענוג שטאַרק צו שרייבן צו דיר. האָב נישט קיין פאַריבל וואָס עס ציטערט מיין האַנט. מאָרגן וועט מיין פולס שוין זיין פעסטער, רואיקער.

„הער וואָס כ'האָב באַשלאָסן, עלזע: צו ריידן מיט דיר טאָג־איין טאָג־אויס, מעג עס זיין קעגן דיין ווילן. כ'וועל שרייבן אַ טאָגבוך און דערביי זיך פאָרשטעלן אין מיין דמיון, אַז דאָס רעד איך צו דיר, דערצייל דיר פון מיינע חלומות, טראַכטונגען און איבערלעבענישן. ווען איך וועל אַרויס פריי פון דער דאָזיקער קראַנקענטורמע, וועל איך דיר אָפּשיקן דעם טאָגבוך, ווי עס וואָלט געווען אַ בריוו.

„איך בין קראַנק געוואָרן מיט דיין אָפּבילד אין מיר. בעת מיינע שווערע פיבער־טעג האָב איך אַלץ, אַלץ פאַרגעסן; וואָס איך האָב ביז איצט דורכגעלעבט, איז געווען אַ פּלאַנעטער, אַן אומענדלעכער, גרויער נעפּל; דער נעכטען, דער היינט און דער מאָרגן — אַלץ איז געווען פאַרטרונקען אין גרוייקייט. אָבער דיין אָפּבילד — ווי אַן איינציק שטערנדל אין נאַכט — האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון מיינע טיפוס־שכורע אויגן.

„דו ווייסט עס דען נישט? אָ, דו ווייסט, דו ווייסט. וואָרן איך בין דיר געקומען צו חלום אין די נעכט פון קאַשמאַר און דיר געשראָקן מיט מיין בלייכקייט און מיט מיין פאַרליבטקייט. האָסט מורא געקראָגן און מיך ליב געהאַט, מיך ליב געהאַט אַפילו קעגן דיין ווילן... און איך ווייס, אַז דו וועסט קומען צו מיר — אויך קעגן דיין ווילן... דו מוזט קומען, ווייל אַזוי

איז אונזער גורל, פונקט ווי דאָס נאַרישע קאַפּע־מיידל — עדיט הייסט זי — איז געקומען צו מיר קעגן מיין ווילן. זי איז געקומען מיר אָפּגעבן אַ טייל פון איר לעבן, אַריינצוגיסן בלוט אין מיינע אָדערן. אָבער דו, עלזע, וועסט מיר אָפּגעבן דיין גאַנץ לעבן, ביזן לעצטן אָטעמצי.

„אָבער פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען ביז אַצינד? פאַרוואָס, עלזע? אפשר לאָזן דיך דיינע עלטערן פון שטוב נישט אַרויס? איז דאָס מעגלעך?

„איך שיק דיר אַ טרער פון פאַרגעבונג. און זיי מיר מוחל, עלזע, וואָס איך קאָן מער נישט שרייבן היינט; מיין פולס ציטערט צו שטאַרק. אַדיע, ביז מאָרגן".

„דאָנערשטיק. היינט זוים איך ענדלעך וואָס פאַר אַ טאָג עס איז. עדיט האָט מיר געבראַכט די ידיעה. זי זאָגט, אַז היינט איז פאַר איר אַ מזלדיקער טאָג, און אַז דערפאַר וועל איך זי ליב קריגן...

„אָרימע עדיט! כ'האָב איר געמאַכט שטאַרק ליידן — און אַלץ צוליב דיר, עלזע.

„כ'האָב פיינט צו זען מענטשן ליידן. מיין האַרץ ווערט דורך דעם אָנגעפילט מיט אַזאַ רחמנות, אַז איך מיין אָפּטמאָל: ס'איז ליבע.

„און עדיט ווייסט עס. זי האָט פיינט רחמנות; אָבער אין איר פאַרצווייפלונג האָט מיין רחמנות־ליבע זי געטרייסט נאָכדעם ווי כ'האָב איר אַזוי וויי געטאָן.

„כ'האָב איר פאַרווערט צו קומען נאָכאַמאָל. זי איז אַוועק אַ צעווייטיקטע. איצט בין איך ווידער אָנגעפילט מיט רחמנות צו דער אומגליקלעכער קאַפּע־מיידל.

„עלזע, האַכט זיך, אַז איך פיבער ווידער. כ'בין שטאַרק צעטרייסלט".

„זונטיק. היינט איז ביי „זיי" דער טאָג פון רו... און פון האַס. נאָך אַ צוויי־טאָגיקן פיבער, האָט מען מיך היינט דערלויבט זיצן אויף דער וועראַנדע, אויפן פאָרשטול, וואָרן גיין קאָן איך נישט. גלאָקן האָבן געקלונגען, רופנדיק צו דער מאָרגן־תפילה. אַנדערע פּאַציענטן האָבן געוואָרפן אויף מיר זייטיקע בליקן, און צוויי זיינען געשטאַנען נישט ווייט פון מיר און זיי האָבן געלאַכט פון מיין נאָז, פון מיינע האָר און אַנדערע סמנים פון מיין „נישט־אַרישן" אויסזען... דאָס האָט אויפגעקאָכט מיין בלוט און כ'האָב זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו מיינע אָפּשפּעטערס. דעמאָלט האָב איך געהערט ווי הינטער מיין פּלייצע האָט אימיצער אויסגערופן: „אומע־

טום די פֿאַרשאָלטענע אידן!" ס'איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קראַנקענשוועסטער מיט אַ יונגן דאָקטאָר. זיי האָבן מיך העפֿלעך געגריסט; אָבער אָפּשטעלנדיק זיך לעם מיינע אָפּשפּעטערס, האָבן זיי עפּעס גערעדט צווישן זיך און באַלד זיך צעלאַכט אויפֿן קול. מיטאָג האָט מען מיר דערפֿאַר היינט געשיקט שפּע־טער ווי אַלעמאָל און איך בין געווען דער לעצטער צו עסן. כ'האָב שוין געגעסן גאַל.

„דערנאָך האָב איך לאַנג געטראַכט וועגן מיין היימיש שטעטעלע, וועגן טאַטע־מאַמע און וועגן דיר, עלזע. ס'האָט מיך אַרומגענומען אַ מוראדיקע בענקעניש.

„ווען די קירכנגלאָקן האָבן זיך ווידער צעקלונגען, האָב איך זיך דער־מאָנט אָן אַ בילד, וואָס כ'האָב געמאָלן איידער מ'האָט מיך אַהער גע־בראַכט — אַ בילד פֿון אַ איד, וואָס ווערט געפֿירט צום שייטערהויפֿן. און שטעל זיך פֿאָר וואָס ס'איז נאָכדעם געשען: ווען כ'האָב אַזוי געטראַכט, איז אוידער געקומען עדיט און זי האָט מיר דערציילט, אַז... שטעל זיך נאָר פֿאָר! און זיי מוחל מיין אויפֿרעגונג... אַז מיינע בילדער... מיינע בילדער עקזיסטירן נישט מער!!

„אַך, צו וואָס איז זי געקומען און צו וואָס האָט זי עס מיר דער־ציילט!

„עלזע, עלזע, ווידעראַמאָל איז דיין דערמאָנונג מיין איינציקע טרייסט. אַז דיין נאָמען קומט אויף מיינע ליפּן, ווייס איך, אַז איך דאַרף לעבן אויף דער וועלט, אַז מיין לעבן האָט אַ זין. ווען נישט דאָס... אַך, עלזע! פֿאַרוואָס קומסטו נישט? פֿאַרוואָס האָסטו מיך פֿאַרלאָזן אין מיין עלנט?

„אַלץ איז צעשטערט, חרוב, פֿאַרשוואונדן. מיין הויז איז צעטראָגן געוואָרן, אויספּאַרקויפֿט פֿאַר דירה־געלט, וואָס איך בין גאָר נישט שול־דיק געווען. דאָס האָט געטאָן — האָט עדיט דערציילט — דער גראָבער דייטש פֿון דער קנייפּע, פֿרידריך האַאַסע, וועלכער איז געוואָרן דער באַלע־באָס איבער מיר און מיין גורל... ער האָט נישט געוואָלט וואַרטן ביז איך וועל געזונט ווערן... און איצט דאַרף מען אָנהויבן פֿון דאָס ניי: מיין שילדן־אַטעליע, מיינע בילדער־חלומות און — שטעל זיך נאָר פֿאָר! — אפילו דו! דיין פּרילינג־בילד און אַלע פֿאַרגעטערונגען פֿון דיין געשטאַלט, וואָס זיינען אַרויס פֿון אונטער מיין פּענזעל!

„שעהענלאַנג בין איך געווען געפּלעפּט, נאָר איצט בין איך ווידער פֿול מיט ענערגיע. אָט דער גראָבער דייטש פֿון דער קנייפּע טאָר נישט זאָגן דאָס לעצטע וואָרט! ווען דער דאָקטאָר זאָל מיר דערלויבן, וואָלט איך

באַלד, שוין איצט, אַראָפּגעשלײדערט פון זיך דעם שפּיטאָל־כאַלאַט און זואָלט אַוועק, אַוועק צוריק צו דער טומלדיקער, אומזיניקער וועלט, פון וועלכער כ'האָב דורך מײַן קראַנקהייט זיך אַביסל באַפרייט. כ'דאַרף אָנ־הויבן איבעראַניים, און וואָס גיכער, פון די פונדאַמענטן אָן, פון וואָרצל אוים... עלזע, נאָר דײַן ליבע קאָן מיר העלפן שטאַרק זײַן!

„אַרום מיר איז שנאה, שפּאָט, טרויער. אין מיר איז אַ וויסטעניש און אַלע האָבן מיך פאַרלאָזן, אַלע! אפילו דו, עלזע, וואָס בלויז איין מאָל האָסטו מיר געזאָגט די אומפאַרגעסלעכע ווערטער, אַז דו האָסט מיך ליב.

„איך קאָן נישט מער! איך קאָן נישט מער!"

„אַ טאָג. כ'ווייס ווידער נישט וואָס פאַר אַ טאָג ס'איז היינט. שוין לאַנג ווי מ'לאָזט מיך נישט אַרויס אויף דער וועראַנדע און מײַן פאָר־שטול איז מער נישטאָ.

„כ'האָב ווידער געפיבערט און מיט מײַנע אייגענע כוחות זיך צוריקגע־שטעלט אויף די פיס. זינט יענעם זונטיק פון קירכנגלאָקן און שנאה, איז אַלץ אַנדערש געוואָרן אַרום מיר: נישט קיין מעדיצין, נישט קיין שפּייז צו דער צייט, נישט קיין ריינע וועש, נישט אפילו קיין פרײַנדלעכער בליק. בלויז דער הויפּט־דאָקטאָר איז ווי שטענדיק — אַ ליבער, אַ צוגעלאָזענער, וואָס זיינע בלויע אויגן דרינגען טיף אין דער נשמה אַריין מיט זייער שטאַל־קאַלטן, אָבער טרויעריקן גלאַנץ. ער גיט פאַראָרדנונגען, נאָר דער פערזאָ־נאַל פאָלגט נישט, און איך דערוועג זיך נישט צו באַקלאָגן. זייער אָפט הער איך פאַר מײַן טיר: „שמוציגער יודע!", „יודאַ פערעקע!". כ'גלויב, אַז אויך דער דאָקטאָר האָט עס שוין געהערט, נאָר ער שווייגט און שמייכלט.

„איצט זיץ איך אָנגעלענט אויפן בעט. מײַן האַנט ציטערט און די אותיות ווערן געבוירן קרומע און לאָמע. זיי מוחל דערפאַר, עלזע. אינגיכן וועל איך פאַרט געזונט ווערן — אויף צו להכעיס דעם גראָבן דייטש פון דער קנייפּע און אַלע, וואָס וואַרטן אויף מײַן טויט, — און דעמאָלט... אַך, דעמאָלט!... ווידער שטעלן ערשטע טריט... ערשטע טריט... ווי אַמאָל..."

„נאָך אַ טאָג אַוועק אין דער אייביקייט. די לעבנס־ליניע אויפן פּאַפּיר, וואָס הענגט איבער מײַן בעט, איז כסדר געלאָפן אַרויף, ווי ס'וואָלט מיט אַלע כוחות זיך געצויגן צום הימל, ווי זי וואָלט געפּרואווט זיך אָנכאַפּן אָן אַ וואָלקן אין טיפן בלוי אָדער אָן אַ שטערנדל, אויף וועלכן כ'האָב גע־קוקט אַוונט נאָך אַוונט און וואָס האָט מיר דערציילט סודות פון אַנדערע

וועלטן... דערנאָך האָב איך ווי פאַרלוירן דעם ציל... כ'בין צוריקגעפאַלן צו דער ערד... די ליניע אויפן פּאַפּיר האָט זיך אַ צי געגעבן באַרג־אַראָפּ.

„איצט איז שפּעט ביינאַכט, זייער שפּעט. איך ווייס נישט די שעה און ווייס נישט דעם טאָג, אין וועלכן איך לעב. בעסער אַזוי. אַזוי לעב איך אין אין־סוף און האָב קיין מורא נישט פאַרן טויט, וועגן וועלכן איך טראַכט לעצטנס אַזוי פיל.

„אויב איך שרעק זיך פאַר עפּעס, איז עס פאַר דעם טאָג, ווען די ליניע אויפן פּאַפּיר וועט נעמען לויפן אויף אַ גלייכן וועג, אָן בערג און טאָלן, אָן שפּיצן און טיפענישן... אָ, ווי מאָנאָטאָן עס וועט ווערן דאָס לעבן! דעמאָלט וועט דער דאָקטאָר שמייכלען מיט דער שטאָלענער בלויקייט פון זיינע אויגן און די ווייסע קראַנקענשוועסטער וועט אַריינקומען און אַ זאָג טאָן: „הער שטאַפּלער, מיר דאַרפן אייער צימער". און אַן אַנדער מענטש וועט ליגן אין מיין בעט און אפשר חלומען וועגן וואָלקנס און שטערן, לויפנדיק איבער בערג און אָפּגרונטן פון ליניעס אויף פּאַפּיר... און איך —

„איך וועל זיין עלנט!

„אָך, ווי איך שרעק זיך פאַר אָט דעם עלנט!

„בעת איך שרייב צו דיר די שורות, מיין פאַרגעטערטע, צי איך אונטער אַ חשבון פון מיין לעבן, און איך זע ווי פּוסט, ווי אומנוציק ס'איז דאָס אַלץ און ווי גרינג ס'איז פון דעם אַלעם זיך צו באַפרייען. מ'דאַרף נאָר אַביסעלע מוט. אויף מיין טישל שטייען עטלעכע פלעשלאַך מעדיצין, לעם די פלעשלאַך — אַ גלאָז; כ'דאַרף די אַלע מעדיציגען אַריינגיסן צוזאַמען אין דער גלאָז און אויסטרינקען, ווי מ'טרינקט־אויס אַ שטאַרקן שנאַפּס... דעמאָלט וועט זיין אויס — אויס עלנט, אויס בענקעניש, אויס קאַמף. וואָס וועט עס מיך אַרן? אָ, דעמאָלט — איך בין זיכער אין דעם! — וועסטו, עלזע, ווידער קומען צו מיר; און צום ערשטן מאָל וועסטו נאָכגעבן מיין קאַפּריז, אויספילן מיין קליינע בקשה, וואָס כ'האָב דיר איבערגעגעבן איין־מאָל, אין אַן אומפאַרגעסלעכן טאָג: ברענגען בלומען צו מיין קבר. כ'האָב זייער ליב בלומען, מיין טייערע, בפרט ווען דו וועסט זיי טראָגן אין דיין קליין, צאַרט הענטל.

„הער ווי עס האַלט מיין חשבון, עלזע:

„איך בין נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט מיך... יאָ, יאָ, איך ווייס עס. איך בין אַ שלעכטער מענטש, וואָרן נאָר שלעכטע מענטשן קאָנען זיך אויפפירן אַזוי ווי איך. ערגעץ אין אַ קליין שטעטעלע אין פּוילן לעבן מיינע אָרימע טאַטע־מאַמע, אַ טאַטע מיט אַ ציטערנדיקער באָרד, וואָס איז ווייס

געוואָרן פאַר דער צייט, ווי איינגעטונקט אינם קאַלך, פון וועלכן ער איז זיך מפרנס; און אַ מאַמע מיט אַ פלאַמענדיקער באַק — פלאַמענדיק פון אַ פּאַטש, וואָס איך, איר בן־זקונים, האָב איר אַמאָל געגעבן אין אַן אַנפאַל פון ברוטאַליטעט. כ'האָב דאַרט אויך אַ שוועסטערל — אַן אומעטיקע, אַ פאַרבענקטע, וואָס וואַרט מיט אומגעדולד אויף מיינס אַ וואָרט, — און איך האָב זיי שוין אויף פינף בריוו נישט געענטפערט, זיך נישט צו־געהערט צו זייער אנגסט־געשריי, נישט באַרואיקט זייערע פאַרגעפילן, אַז עפּעס בייז גייט פּאַסירן מיט זייער זון, פאַר וועלכן זיי האָבן אַזויפיל חלו־מות געוואָרעמט און אַזויפיל וואַרעמקייט געחלומט. און אַ ברודער האָב איך ווייט איבער ימים, אַ ברודער, צו וועמען איך וואָלט געדאַרפט האָבן בלויז געפילן פון דאַנקבאַרקייט, און איך האָב אים אינגאַנצן פאַרגעסן נאָכדעם ווי כ'האָב אים אויסגעלאַכט.

„אַמאָל האָב איך געוואָלט ווערן אַ פרייהייט־קעמפער, אַן „אויסליי־זער" פון פאַרשקלאַפטע און אַ „זעטיקער" פון הונגעריקע, ווייל איך, נאַ־רישער וואָרים, האָב געמיינט, אַז איך בין באַרופן דערצו. איך ווייס נישט, אויב דו וועסט עס פאַרשטיין, עלזע. דו געהערסט דאָך צו אַן אַנדער סאָרט מענטשן, צו די, וואָס איך רוף — און וואָס דיין פעטער יעקב בליצשטיין רופט — „דער עקספּלואַטאַטאָרן־קלאַס". קעגן אָט די מענטשן האָב איך געקעמפט, אָבער נישט קעגן דיר, עלזע; דו ביסט אַן אויסנאַם: דו האָסט אַ האַרץ פון אַ מלאך, און איך ווייס, אַז ווען פון דיר זאָל עס זיין גע־ווענדט, וואָלסטו מיטגעגאַנגען מיט אונזערע קעמפער־רייען, ווייל דו וואָלסט אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ דראַנג נאָך יושר און קרבנות־גרייטקייט. אָט דער דראַנג האָט אויך מיך אַמאָל אָנגעפילט. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין האַרץ ווערט פאַרברענט פון זיין ווילן נאָך גרויסע, באַפרייערישע מעשים. אָבער אַלץ איז נאָר אַ חלום געווען, אַ קינדערשע אילוזיע אָדער אַ גרויסקייט מאַניע. כ'האָב אַן איינציקע געלעגנהייט געהאַט זיך אַריינצוּוואַרפן מיט לייב און לעבן אינם קאַמף — און די געלעגנהייט האָב איך פאַרנאַכלעסיקט. שטעל זיך פאָר, ווי שטאָלץ איך האָב געדאַרפט זיין, ווען מ'האָט מיר אָנ־פאַרטרויט אַ שליחות פון באַפרייאונג, פון ממשותדיקער, פיזישער באַ־פרייאונג פון אַ מענטשן; אָבער איך בין דורכגעפאַלן אין דער שליחות, דורכגעפאַלן אַזוי מיאוס, אַז פון דעמאָלט אָן קוק איך אָפּט אויף מיר אַליין ווי אויף אַן אומווערדיקן וואָרים, וואָס איז קוים ווערט דאָס ביסל בלאָטיקע ערד, אין וועלכן ער גראָבט זיך...

„איצט, מיין טייערע, האָב איך פאַרגעסן מיין אַמאָל. נישט נאָר האָב

איך פאַרגעסן די מיליאָנען פאַרפּייניקטע און פאַרהונגערטע שקלאַפן, נאָר אפילו מיין אייגן פאָלק. און נישט נאָר מיין פאָלק, נאָר אפילו מיין משפחה. אַזוי בין איך פאַרטאָן געוואָרן מיט זיך אַליין, מיט מיינע נאַרישע אילוזיעס וועגן גרויסקייט, וואָס איז דאָך נישט מער ווי נישטיקייט. און טאָמער האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ נערוו פון פּראָטעסט קעגן די ליידן פון מיין פאָלק און פון אַלע אונטערדריקטע און ליידנדיקע, איז עס געווען ערשט דע־מאָלט, ווען זייערע שונאים האָבן אין מיין אייגענעם פּנים געשפּיגן און מיינע אייגענע וואונדן צעראַצט. איך ווייס, איך ווייס, דער פּראָטעסט איז נאָר אַ רעזולטאַט פון מיין עגאָאיזם און נישט פון עפּעס אַנדערש. ווען נישט אָט די אייגנליבע — וואָס וואָלטן מיר אַנגעגאַנגען זייערע ליידן, האַ? וואָס וואָלט מיר געאַרט זייער פאַרגאָסן בלוט, זייער צעבראָכנטער פּיין?

„זיי מוחל, עלזע, וואָס איך גיס אַריין אַזויפיל גאַל אין מיינע ווערטער. אַ מענטש מוז דאָך אַמאָל זיך מתוודה זיין, דערהויפּט פאַרן טויט. און איך קאָן זיך מתוודה זיין פאַר דיר נאָר אויף דעם אופן — דורך ווערטער נישט אַרויסגערעדטע צו ריידן וואָלט איך סיי־ווי־סיי קיין מוט נישט געהאַט), נאָר אַרויסגעשריגענע פון שוואַרצן טינט, שוואַרץ ווי מיינע זינד, ווי מיין פאַר־שטיינערטע נשמה, ווי מיין פעלדזיק האַרץ און ווי מיין שטומפּיקער מוח.

„אַמאָל האָב איך זיך מתוודה געווען פאַר אַ גאָט, אין וועלכן כ׳האָב נישט געגלויבט און גלויב נישט. אין די ערגסטע שעהען פון מיין צער האָב איך געברומט צו אים און — שטעל זיך נאָר פאָר! — ער האָט זיך צוגע־הערט צו מיין ברום. און פונדעסטוועגן גלויב איך נישט אין אים! אפשר איז עס דערפאַר, ווייל בכדי צו גלויבן, דאַרף ריין זיין דאָס האַרץ, ווי אַ טויב, און שאַרף דער מוח, ווי אַ חלף. ניין, איך קאָן נישט גלויבן, איך האָב קיין רעכט נישט צו גלויבן. פּוסט איז אַרום מיר און אין מיר, פּוסט און פינצטער. איך טרעט איבער אַן אָפּגרונט, און איך ווייס, אַז אָט־אָט וועט ער מיך איינשלינגען.

„און דו, עלזע, דו ביסט ווייט, אַזוי ווייט, ווי אַן אומענדלעכקייט וואָלט אונז צעשיידט. און איך האָב נישט קיינעם, קיינעם, סיידן די שוואַרצע טינט פון מיין פּען.

„וואָס בין איך? ווער בין איך? וואוהין גיי איך? אָט דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אַ שטיינדל, וואָס פאַלט אין פינצטערן תהום אַריין. איצט בין איך אינם פּראָצעס פון פאַלן. איך שפּיר דעם ציטער פונם פאַל, די צוציאונג פונם אָפּגרונט, דעם פאַרלאַנג וואָס גיכער צו קומען צום ציל, צו דעם ציל, וואָס עפּעס אַ קאַפּריזנער אינגל האָט אין מיר אַריינגעגעבן, ווען ער

האָט מיך אַ שלײַדער געטאָן אין רוים... ווען ס'זאָל זײַן געווענדט פון מיר, וואָלט איך דעם ריטמישן פאַלן פאַרוואַנדלט אין אַ שפּרונג — גלײַך אין אומענד פון דער פינצטערניש אַרײַן!

„נאָר אָט גיב איך אַ טראַכט: פאַרוואָס אַזוי פאַרצווייפלט? עס פאַלט מיר אײַן, אַז דאָס איז גאָר קיין פאַרצווייפלונג נישט, נאָר קינדישע מורא. ס'גלוסט זיך מיר לאַכן פון מיר אַליין, ווען איך דערזע מיטאַמאָל ווי לעכערלעך איך בין, ווי שוואַך און פול מיט אַנגסט פאַר מײַן אומבאַהאָלפנקייט... זאָג דו אויב ס'איז נישט אמת: כ'האָב זיך דערשראָקן, ווען כ'האָב דערזען, אַז די ליניע פון מײַן טעמפּעראַטור איז אַראָפּגעשטיגן, און כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז אינגיכן וועל איך דאַרפן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל און ווידער זיך נעמען צום טאָגטעגלעכן קאַמף פאַר ברויט, — אַלץ פון דאָס נײַ, ווי אַ קינד, וואָס האָט אָנגעהויבן אַליין צו גיין, איז קראַנק געוואָרן און צוליב זײַן שוואַכקייט מוז עס זיך ווידער לערנען צו שטעלן די ערשטע טריט.

„דאָס איז אַלץ, עלזע. איך בין פאַריתומט. נישטאָ ווער ס'זאָל מיר לערנען און צערטלען... און כ'האָב מורא... כ'האָב אַזוי מורא...

„פּחדן! פּחדן!

„זײַ מוחל, עלזע, פאַר מײַנע קרומע שורות. מײַן פּולס ציטערט איצטער פון געלעכטער. עס לאַכט נישט נאָר מײַן קול, נאָר אויך מײַן האַנט, מײַן גאַנצער גוף. ער לאַכט פון זיך אַליין, פון מיר, און הערט נישט אויף צו שרײַען: פּחדן! פּחדן!

„עס נעמט שוין טאָגן — און איך בין מיד, זייער מיד. זײַ מוחל".

יענעם פרימאָרגן האָט דניאל שטאַרק געשריען פון שלאָף. ס'זײַנען זיך אָנגעלאָפן קראַנקענשוועסטערס און עטלעכע פּאַציענטן זײַנען צאַרנדיקע אַרויס פון זייערע צימערן. איינער, שוין כמעט אינגאַנצן אַ געזונטער, האָט דניאלן געגעבן מיט אַ פויסט אין פּנים. דניאל האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך אַ זעץ געטאָן אין בעט, ווי אַ ווילדער, און אַלע אַרומשטייענדיקע האָבן זיך צעלאַכט. דערנאָך איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט מורמלערײַען און קללות, און די הויפּט־שוועסטער האָט געמאַכט אַ פאָרמעלע אָנקלאַגע אין דער אַדמיניסטראַציע, אַז „דער איד דניאל שטאָפּלער שטערט די אָרדנונג פונם קראַנקענהויז".

און די ליניע אויפן פּאַפּיר האָט זיך ווידער געדראַפּעט באַרג־אַרויף.

קאפיטל 8.

נאך א שטורעמדיקער נאכט

פאראן מאמענטן, ווען דאס לעבן זעט דיר אויס ווי אן אומענדלעכע חושכדיקע נאכט, אין וועלכער דו וואנדערסט איבער ווילדע סטעפעס, דורך דערנער און גריבער, ארומגערינגלט פון שלאנגען און עקדישן און פאנטאסטישע חיות־רעות, וואס ווילן דיך פארצוקן. ס'דאכט זיך דיר דעמאלט, אז פון יעדן צווייג וויקלט זיך ארונטער א שלאנג און פון יעדן פעלדזןשפאלט לויערט א טיגער, גרייט זיך צו ווארפן אויף זיין קרבן. און די נאכט איז טיף־שווארץ, און דער ווינט וואיעט אזוי עלנט איבער די סטעפעס, ווי אין אים וואלט געיאמערט דיין אייגן הארץ. דו פילסט בחוש, אז דו ביסט פארבלאנדזשעט געווארן אין א ווילדעניש, פון וועלכער דו קאנסט זיך נישט ארויספלאנטערן. דו ביסט אליין, אומגעהויער אליין, און דו נויטיקסט זיך אין א חבר. זוכסט, נאר אומזיסט איז דיין זוכן. דו ווייסט, אז דו ביסט איינזאם אין דער ווילדעניש און אז דו מוזסט אומקומען, און ס'וועט נישט זיין קיינער, קיינער, וואס זאל דיך טרייסטן. דו ווערסט אנגעפילט מיט פחד פארן טויט און גלייכצייטיק גארסטו, ער זאל קומען וואס גיכער, כדי א סוף צו מאכן צו דיינע ליידן. אין די מינוטן פון טיפסטן יאוש הויבסטו־אויף דיין קול צום הימל און אן האפנונג זוכסטו דיין חבר אין אין־סוף. דו נעמסט גלויבן אין כוחות און אין ווזנס, וואס דו האסט קיינמאל אין זיי נישט געגלויבט און קיינמאל זיך צו זייערע געהיימע שטימען נישט צוגעהערט. מיטאמאל פארשטייסטו דאס וואונדער פון דיין אייגן לעבן — און דו אנסט, אז דו ווערסט געפירט פון א פארבארגענער האנט, וואס האט נישט קיין מורא פאר פינצטערניש און חיות־רעות און וואס באהערשט אלע געפארן. און א געפלעפטער פרעגסטו זיך: וואס פאר א האנט פירט עס מיך דורך דער פינצטערניש פון נאכט? פארוואס ווערן נישט פארפלאנ־

טערט מײַנע טריט אינם גאַנג צווישן אָפּגרונטן? פאַרוואָס אָט דאָס גלײַכ־געוויכט, וואָס לאָזט מיך נישט אומקומען?

און מיטאַמאָל גייט־אויף אין דײַן האַרץ אַן אומגעהויערע ליבשאַפט צו אָט דעם געהיימען כוח, וואָס פירט דיך און וואָס פירט אַלע אומגליק־לעכע און בלינדע איבער די ווילדע סטעפּעס און מדבריות פון לעבן. פלור־צים דערזעסטו אַ שטערנדל צווישן די שטורעם־כמאַרעס, וואָס האָבן זיך אײַנגעזאַמלט איבער דײַן קאָפּ, און דו ווייסט, אַז דאָס איז דאָס אויג פון גאָט — אַ ליכטיקער בליק פון דעם כוח, וואָס פירט דיך און לאָזט דיך נישט פאַרלירן דאָס גלײַכגעוויכט. און דו ווערסט געטרייסט. דו לעבסט־איי־בער די וואונדערלעכע נאַכט און דו בענטשסט דעם מאָרגנשטערן, וואָס שײַנט־אויף אויפן האָריזאָנט. אין דיר גייט־אויף די שײַן פון דער זון. און דעמאָלט וואונדערסטו זיך, ווי אַזוי דו האָסט געקאָנט פאַרבלאָנדזשען אין דער נאַכט און פאַרוואָס דו האָסט נישט געזען די שיינע מענטשלעכע ישו־בים אַרום דיר, מײַנענדיק, אַז דו ביסט אין אַ ווילדעניש, צווישן עקדישן און שלאַנגען, צווישן דערנער און אָפּגרונטן. דו נעמסט פאַרשטיין זאַכן, וואָס האָבן דיר פריער אויסגעוויזן אומפאַרשטענדלעך; דו נעמסט זען דאָס, וואָס איז אַזוי זעבאַר און וואָס דו האָסט ביז דעמאָלט נישט געזען. און דו ביסט דאַנקבאַר דעם לעבן. און דו טוסט תפילה צום ליכט, וואָס האָט פאַר דיר זיך אַנטפּלעקט:

„ליכטיקייט, ליכטיקייט, טו זיך נישט אָפּ פון מײַנע אויגן!"...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָט דאָס אײַנגעטלעך איז די געשיכטע פון דניאל שטאַפּלערן אינם שפּיטאָל.

דאָס לעבן האָט פאַרלוירן פאַר אים יעדע צוציאונג און יעדן אָנרעג. דער סך־הכל פון זײַן חשבון־הנפש איז געווען אַ טרויעריקער, ווי פון איי־נעם, וואָס געפינט זיך ערב באַנקראָט. אַזוי האָט אויסגעזען דער חשבון:

דניאל שטאַפּלער — דער זון, ברודער, משפּחה־מענטש — אַן אויס־וואורף, וואָס איז נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט אים.

דניאל שטאַפּלער — דער קעמפער, דער באַפרײַער פון אונטערדריק־טע — אַן אומפאַרגעבלעכער דורכפאַל.

דניאל שטאַפּלער — דער איד, דער זון פון אַן אוראַלטן פאָלק — נול, און דערצו נאָך באַליידיקט און באַשפּיגן.

פּרעמדע שטים אין זיין געהער אַריינגעשושקעט.

דניאל שטאַפּלער — דער קונסט־מאָלער — ער איז עס קיינמאָל נישט געווען און איצט איז אינגאַנצן אויס.

דניאל שטאַפּלער — דער ליבהאָבער — איז שטענדיק געווען אומגליקלעך און איצט איז ער אויסגעלאָכט און לחלוטין אַנטוישט.

דניאל שטאַפּלער — דער קליינבירגער, דער פאַרדינער אויף זיינע טעגלעכע באַדערפעגישן — עקזיסטירט נישט מער.

דניאל שטאַפּלער — ווי אַ פיזישע באַשעפעניש — איז קראַנק, צעבראָכן און קאָן נישט געזונט ווערן; דערצו איז ער אין אַן אומזיסטן שפּיטאָל, אַרומגערינגלט פון שנאה און חוזק.

אויסערדעם:

עלנט, אָן איין פריינד, אָן שום האָפנונג, אָן פּערספּעקטיוו פאַר דעם טאָג, ווען ער וועט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, אָן וועלכן ס'איז אָנהאַלט אין לעבן און אָן כוח ווידער אָנצוהייבן אַלץ פונדאָסניי.

דער פּועל־יוצא פון דעם חשבון־הנפש איז געווען אַ קלאָרער: באַנקראָט. דניאל שטאַפּלער איז באַנקראָט.

קיין איין ליכט־שטראַל האָט נישט געקאָנט דורכדרינגען דעם חושכדיקן אָפּגרונט. ער האָט געחשבונט און ווידער געחשבונט — אפשר האָט ער ערגעץ אַ טעות געהאַט, — ניין; דער סך־הכל האָט געשטימט און קיין אויסוועג איז נישט געווען.

„מ'דאַרף האָבן מוט — האָט ער געזוכט זיך צו איבערצייגן פולשטענדיק. — מ'דאַרף קאָנען קוקן דעם אמת גלייך אין די אויגן. קיין פּאַרטייִדיקונג, דניאל! דו האָסט נישט קיין רעכט ווייטער צו לעבן אויף דער וועלט; און טאָמער וועסטו לעבן, וועסטו נאָך, אויסער דעם אַלעם, זיין אַ פּחדן און דו וועסט דאַרפן צושטעלן נאָך אַ נול צו דיין טרויעריקן חשבון...״

ס'האָט אויסגעזען ווי אַ באַשלאָסענע זאַך. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו קוקן קאַלט אויף זיין באַשלוס, אַזוי אָביעקטיוו, ווי נישט ער וואָלט געווען דער נוגע־בדבר, נאָר אימיצער אַנדערש, אַ פאַרברעכער, וואָס האָט קיין פאַרגעבונג נישט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אַלטן פעלער — זיין

שוואַכקייט צו פאַרווירקלעכן באַשלוסן — און זיך דערשראָקן: נאָך אַ נול צום חשבון...

— אַט די שוואַכקייט איז דאָך דער מקור פון די אַלע נולן, וואָס דו האָסט דאָ צונויפגערעכנט — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. — נו, איז וואָס? איז וואָס?...

און די מחשבות זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן אין זיין מוח.

ער האָט זיך פאַרגיורעט אינם בעטל און מיטאַמאָל האָט ער דערשפּירט טרערן אויף זיינע באַקן. צוערשט האָט ער הנאה געהאַט פון די טרערן, נאָר באַלד האָט ער זיך גענומען מוסרן:

— ווידער די פאַסקודנע שוואַכקייט, די פּחדנות? פוי, דו עקלסט מיך, דניאל! האָסט אַנערקענט, אַז דו ביסט באַנקראָט, — טאָ צי אַלע קאַנסעק־ווענצן. שוין צייט זאָלסט זיין אַ מאַן!

עטלעכע מאָל איז עלזע אים אויפן זין געקומען, נאָר ער האָט זי פאַר־טריבן, כדי נישט צו ווערן סענטימענטאַל.

— ווער קאָן עס צווינגען ליב צו האָבן? — האָט ער פאַרענטפערט עלזען. — אויב זי האָט דיך נישט ליב, איז עס דערפאַר, ווייל זי איז עלזע און דו ביסט דניאל. פשוט דערפאַר. צוויי מענטשן — צוויי וועלטן.

פונדעסטוועגן האָט ער די סענטימענטאַליטעט נישט געקאָנט אינגאַנצן פאַרטרייבן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי ער וואָלט זיך אויסגעוויינט אויף איר ברוסט, ווען זי זאָל קומען — אַזוי־זיך, אומגעריכט, — און אים טאַקע ליב האָבן. דאָס האָט אָבער אויסגעוויזן אוממעגלעך. איינמאָל איז זי געקו־מען צו אים, ווייל שיינע־שרה האָט זי אוודאי מיטגענומען איבערגעוואָלט, און זי האָט אים אַ מאָמענט גליקלעך געמאַכט מיט איר ליבע צוליב רחמ־נות, ווייל ער איז געווען קראַנק און אומבאַהאָלפן. און אויך אין דעם איז אוודאי שיינע־שרהס קאָפּ געלעגן... ניין, עלזע האָט אים נישט ליב. דאָס איז קלאָר.

— און עדיט?

אַ קאָפּע־מיידל. עלנט ווי ער. אויך זי דאַרף האָבן אימיצן, זיך אויס־צוּוויינען אויף זיין ברוסט. יאָ, אויך זי! — ער האָט אויף איר רחמנות געהאַט, ווי אויף אַן אָפּשטויסנדיק און אומגליקלעך באַשעפעניש, ווי אויף אַ בעטלער אין גאַס, ווי אויף אַ דאַרער שקאַפע, וועלכער מ׳צווינגט צו שלעפּן אַ שווערע משא. אָבער עדיט האָט אים גענעקלט. צו וואָס קומט זי צו אים? צו וואָס קומט זי צו אים?!

— ניין, דניאל, דאָסמאָל ועסטו זיך נישט אויסדרייען!... — האָט אַ

ער האט זיך א זעץ געגעבן אין בעט, צארנענדיק קעגן זיך אליין, קעגן זיינע געדאנקען און קעגן זיין שוואכקייט. נאר באלד האט ער זיך ווידער פארטראכט:

ווען ער וואלט געהאט א גאט... זאל זיין אן אפגאט... וואס איז גאט? אן אויסדרוק פון מענטשלעכער שוואכקייט... נישט מער. נישט מער! דער מענטש איז נאר א לעמפל... מיט נאפט, וואס גייט־אוים ביסלעכוויז, ביס־לעכוויז... אזוי ווי בליצשטיין האט אים געלערנט... „און אז ס׳ווערט דיר צוגעגעסן דאס צאנקענדיקע ליכט פונם זשארענדיקן קנויט, פונם קנויט וואס האלט אין אויסגיין, דארפסטו אים פארלעשן... ארייננדרייען דעם קנויט מיטאמאל, מיט איין מאל"...

די ווערטער „מיטאמאל, מיט איין מאל" זיינען פארשטיקטע, בארכלענ־דיקע ארויס פון זיין גומען. ער איז געבליבן זיצן דערשראקן פארן מאדנעם קלאנג פון זיין קול — א קול, ווי פון א ווילד־פרעמדן, אן אומבאקאנטן, וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געהערט.

דניאל האט א פינצטערער געווארט אויפן אנקום פון דער לעצטער נאכט, אבער איידער די זון האט זיך געזעצט, איז צו אים געקומען אן אומ־געוויינלעכער גאסט — א מענטש, וואס ער האט געקענט און זיך נישט דער־וועגט צו האפן אפילו, אז ער וועט קומען צו אים אין שפיטאל. דאס איז געווען אברהם פרידמאן.

ווען פרידמאן האט זיך באוויזן, האט דניאל זיך דערמאנט, אז ערגעץ טיף אין זיך האט ער געטראכט וועגן אט דעם מענטשן און געגארט אים צו זען.

פון פרידמאנס בליק ארויס האט זיך געוועבט א ווארימער שמייכל, ווי א שטראל פון דער ליבער זון. דניאל האט געפילט, ווי אט דער שמייכל נעמט אים ארום און הילט אים איין מיט זייןווארעמקייט. דאס געפיל האט זיך נאך מער פארשטארקט, ווען אברהם פרידמאן האט גערעדט:

— איר וואונדערט זיך, מיין ליבער פריינד. איר קאנט נישט פארשטיין פארוואס איך בין געקומען. יא, מיין פריינד, מענטשן זיינען אזוי צוגע־וואוינט צו שלעכטס, אז זיי קאנען קוים פארשטיין ווי אזוי דאס עלעמענ־טאר מענטשלעכע איז מעגלעך... ביקור־חולים איז דאך אזא אלטע, שיינע טראדיציע ביי אונז. און כ׳וועל אייך אויסזאגן א סוד: שוין עטלעכע טעג האב איך דאס געפיל, ווי איר וואלט מיך גערופן. זייט נישט איבערראשט, מיין ליבער שטאפלער. איך ווייס, אז כ׳האב זיך נישט טועה געווען. איך

בין געקומען אין אַ מאָמענט, ווען איר נויטיקט זיך אין מיר אַמייסטן. איך דערקען עס אין אייער פּנים, אין אייערע אויגן. זייט אויפריכטיק צו מיר, צו זיך אַליין. איז עס אמת?

דניאלס פאַרוואונדערונג איז געוואַקסן אונטערן מילדן קלאַנג פון די ווערטער. אַ געהיימער שנור האָט אים צונויפגעבונדן מיט יענעם אויסטערלישן מענטשן.

— אמת — האָט ער געשעפּטשעט, איינזוויגנדיק זיך אין פרידמאַנס שטראַליקן בליק. — כ'האָב געפילט... כ'דאַרף אַ מענטשן... פאַר וועמען...

— זיך אָראָפּצורײדן פון האַרצן, אויסצולאָדן די משא, וואָס דריקט אייער נשמה — האָט פרידמאַן פאַרענדיקט דניאלס זאַץ. — איך ווייס, מיין ליבער פריינד. איר האָט מיך גערופן און אפשר אַליין זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג דערפון. דאָס האָט מיך גערופן אייער צווייטער „איך"... דער „איך" פון דערקענטעניש... דער אַלץ־ווייסער...

— וואָס... וואָס מיינט איר?

— מיר האָבן אַמאָל שוין געשמועסט וועגן דעם. דאַכט זיך, אין אייער אַטעליע. דערמאָנט אייך נאָר: אויב איך מאַך קיין טעות נישט, האָבן מיר גערעדט דעמאָלט וועגן אַ זאַך, וואָס מ'רופט „טעלעפּאַטיע".

דניאל האָט זיך נישט געסאַנט דערמאָנען; פונדעסטוועגן האָבן פרידמאַנס ווערטער אים געקלונגען אומגעהויער באַקאַנט. זיי זיינען געווען אַזוי פול מיט ליכטיקייט און טרייסט, אַז כּהרף־עין זיינען צערונען געוואָרן די פינצטערע מחשבות, ווי שווינדנדיקע שאָטנס פון דער נאַכט אינם אויפשיין פון דער מאָרגן־זון.

אברהם פרידמאַן האָט ווייטער גערעדט — ווערטער אָפּט אומפאַרשטענדלעכע, אָבער טרייסטנדיקע. ער האָט דערציילט דניאלן וועגן די „זיבן איכן", וואָס שטעלן צונויף דאָס מענטשלעכע וועזן. און ער האָט גערעדט וועגן דעם זין און דעם אומזין פון קראַנקהייט און פאַרצווייפלונג, וועגן דער אומדויערהאַפטיקייט פון אָט דער זאַך, וואָס מענטשן רופן גליק אָדער וואוילזיין, וועגן גלגול הנשמות און וועגן דער אייביקייט פון לעבן. דניאל האָט זעלטן־ווען אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט אָדער אַ פראַגע. אברהם פרידמאַן אַליין האָט גערופן זיינע לערעס „די תורה פון ליכט" און ער האָט פאַרענדיקט דעם שמועס מיט אַן אויסטערלישער לעגענדע. מיט אַ שטים, וואָס האָט געקלונגען ווי פון ווייטע רוימען אין אַ נאַכט פון לבנה און חלום, און ווי אַ טיף־גלויביקער חסיד דערציילט וועגן די נסים פון זיין רבין, האָט פרידמאַן גערעדט:

— פאראן אויף דער וועלט א קליינע צאל אויסדערוויילטע, דערהויבענע וועזנס. אידן רופן זיי די ל"ו צדיקים און ביי די אומות העולם הייסן זיי „די איניציאירטע". און זיי וויסן, מיין פריינד, אז אט די וועזנס האבן די זעלטענע פריווילעגיע צו קאנען הערשן איבער זייער גוף און זיינע תאוות און איבער די בלינדע כוחות פון שלעכטס, וואס זיינען צעבושעוועט איבער דער וועלט. און א שיטה איז פאראן, אז אט די צדיקים וואלטן מיט זייער כוח געקאנט פארוואנדלען די גאנצע וועלט אין א גן־עדן; אבער אזויווי זיי וויסן די סודות פון ערדישן קיום און זייער מאכט וואלט צעשטערט די הארמאניע פון לעבן — אפילו ווען זיי זאלן די מאכט זייערע אנווענדן נאר לטובה, — לאזן זיי די וועלט זיך פירן ווי זי פירט זיך, מיט אלע אירע שלעכטסיקייטן, צרות און פורעניות. און ווייטער ווערט דערציילט, אז איין מאל אין טאג — ביים זון־פארגאנג — דרינגען־אריין די צדיקים אין דער געטלעכקייט, וואס אין זיי און וואס אין אוניווערס, און זיי טוען תפילה פאר אלע ליידנדיקע און קראנקע און פארצווייפלטע און זיי שפרייטן־אויס א ברכה פון ליכט און גנאד איבער דער ערד — פאר די, וואס נויטיקן זיך אין ליכט און אין גנאד. און דערפאר ווערט די ערד נישט איינגעזונקען אינם תהום פון אירע אייגענע זינד, פון מענטשלעכן שלעכטס, קראנקהייט און טויט. און דער קראנקער, וואס וויל געהיילט ווערן, און דער פארצווייפלטער, וואס וויל געטרייסט ווערן, דארף אין אט דער שעה פון זונפארגאנג צונויפגיסן זיין נשמה מיט דער נשמה פון די צדיקים; אין אט דער שעה דארף ער זיך אריינלעבן, מיט אלע זיינע מחשבות און מיט אלע זיינע געפילן, אין דער תפילה און אין דער ברכה, וואס גיסט זיך, ווי א קוואל פון אומגעזעענער ליכטיקייט, איבער דער וועלט — און דער קראנקער ווערט געהיילט, און דער פארצווייפלטער ווערט געטרייסט, און דער בלינדער ווערט זעעוודיק — נישט מיט די אויגן פון זיין גוף, נאר מיט די אויגן פון זיין נשמה, וואס זעען מער, טיפער, קלארער און שענער... און דעמאלט דערזעט דער מענטש וויזיעס וואונדערלעכע און ער לעבט אין אייביקייט — אייביקייט, וואס איז קריסטאליזירט אין א סעקונדע... און ער לעבט אין אומענדלעכקייט — אומענדלעכקייט, וואס איז פארקערפערט אין די ד' אמות פון זיין אייגענעם גוף... צייט, רוים הערן־אויף צו עקזיסטירן. מען באגרייפט די שיינקייט פון דער קאסמישער הארמאניע... מ'נעמט פארשטיין דאס געזעץ, וואס זיין אויסדרוק איז לעבן — לעבן, לעבן!

— טראכט וועגן דעם, מיין יונגער פריינד — האט אברהם פרידמאן זיך אויפגעהויבן א ליכטיקער. — מארגן וועל איך ווידער קומען.

דניאל איז געזעסן פאַרכשופט פון דער אילוזיע, וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַר אים, און שכור פונם קול, וואָס האָט נאָך געקלונגען אין זיין געהער.

אברהם פרידמאַנס הויכער סילועט איז פאַרשוואונדן געוואָרן דורך דער אָפענער טיר, איבערן פאַן פון אַ גאָלדיק־רויטלעכן הימל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין לעשן.

דניאלס קאָפּ איז אוועקגעפאַלן אַ מידער אויפן קישן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאַרנעמט אַ דין־דינע מוזיק פון ווייטע, איבערשטערנדיקע רוימען, — דאָרט, פון וואַנען עס שפּרייט זיך די תפילה און די ברכה פון די צדיקים... און אין דניאלן איז אויפגעגאַנגען אַ שטילקייט, אַ ליכטיקייט, אַ רואיקייט, — אייביקייט פון איין סעקונדע אין דער אומענדלעכקייט פון זיין גוף...

יענע נאַכט האָט דניאל געהאַט אַן אויסטערלישן חלום, וועלכן ער האָט פאַרגעסן באַלד ווי ער האָט די אויגן געעפנט; אָבער אין אים איז פאַרבליבן פון דעם חלום אַ מטושטשער איינדרוק פון עפּעס אומגעוויינטלעכס, צאַרטס און ליכטיקס. אומזיסט האָט ער געוואָלט זיך דערמאָנען די מיטנאַכטיקע זעאונגען, און ווי דאָס וואָלט געווען פאַרבונדן מיט אָט די זעאונגען, האָט ער אין אומגעדולד געוואַרט אויף אברהם פרידמאַנען.

אַן אויפגעהייטערטער איז ער אַרויס פון זיין צימער. אויף דער וועראַנדע פון העלן, געקעסטלטן מאָזאַיק זיינען קראַנקע געזעסן אויף זייערע פאַר־שטולן, וואַרעמענדיק זיך אונטער דער ערב־פרילינגדיקער זון. דער העלער פרימאָרגן, דאָס קילע ווינטל, וואָס האָט געשורשקעט צווישן די צווייגן פונם נאָדלבוים, די פלאַקערנדיקע שויבן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צעשמאָלצענער זילבער, די געררויטלטע פּנימער פון די אַרומזיצנדיקע מענטשען, — דאָס אַלץ האָט געקראָגן פאַר אים אַ נייעם זין, און ער האָט זיך געוואונדערט, ווי אַן אומבאַקאַנטע וועלט וואָלט פּלוצים אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר זיין בליק. איצט האָט ער קלאָר געדענקט די זון־פאַרטרונקענע, פרילינגדיקע פעלדער און וועלדער פון זיין היים־שטעטל. נאָך אַ לאַנגער צייט, האָט ער ווידער דערזען דעם טיף־בלויען באַטיסט פון הימל, און ער האָט געזען וואָלקנס, וואָס זיינען געהאַנגען איבער זיין קאָפּ, ווי פולע אייטערס. ער האָט דערהערט שטימען אין דער לופט, ווי ווייטע אָפּקלאַנגען פון אויפ־

גייענדיקן לעבן. מענטשלעכע געשטאַלטן האָבן געשמייכלט און אויגנבלוי האָט זיך צונויפגעוועבט מיט הימלבלוי. אַ מאָמענט האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס זיצן צדיקים אין גן־עדן און זיינען נהנה מזיו־השכינה — און אַן אומענדלעך שירה־געזאַנג איז אויפגעגאַנגען אין זיין נשמה און אין דער נשמה פון דער גאָרער וועלט...

קאפיטל 9.

„די תורה פון ליכט"

אַן אומגעדולדיקער פלעגט דניאל שטאָפּלער וואַרטן אויף אברהם פריד־מאַנען. ער האָט געבענקט נאָך אים, ווי מ׳בענקט נאָך אַ געליבטע, און גלייכצייטיק פאַר אים מורא געהאַט. ווי געוויינטלעך, האָט ער געזוכט צו אַנאַליזירן זיינע אייגענע געפילן, אָבער זיי זיינען געבליבן פאַר אים אַ סוד. ער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען עס נעמט זיך די בענקשאַפט און פון וואַנען דער שרעק. פרידמאַנס פּנים האָט אים נישט אויסגעזען סימפּאַטיש און פונדעסטוועגן האָט עס אים געצויגן. אין זיינע ווערטער איז געווען עפּעס אויסטערלישס; זיי האָבן אין זיך געהאַט אַ מין פאַרגעפיל און האָבן געקלונגען פרעמד און באַקאַנט אין דערזעלביקער צייט.

ווי אַ דורשטיקער אין מדבר שלינגט פון אַ פּלוצים אַנטדעקטן קוואַל לעבעדיקן וואַסער, אַזוי האָט דניאל געשלונגען פרידמאַנס ווערטער.

— היינט איז אַ וואונדערלעכער טאָג — האָט איינמאָל געזאָגט אברהם פרידמאַן, קוקנדיק צום לויטערן הימל. — דער פרילינג קומט היינטיקן יאָר, זעט־אויס, פריער ווי געוויינטלעך. — און באַלד האָט ער אַ זיפץ געטאָן: — אַך, ווי מענטשן זיינען בלינד! שטעלט אייך נאָר פאָר, מיין ליבער דניאל, ווי מענטשן וואָלטן געקאָנט גליקלעך זיין, ווען זיי זאָלן זיין אימשטאַנד צו זען די שיינקייט פון דער נאַטור, אירע שימערירנדיקע פאַרבן, וואָס האַלטן זיך אין איין בייטן און שאַפן דורך דעם אַן אומבאַגרייפלעכע האַרמאָניע, אין וועלכער אַלץ ווערט צוזאַמענגעגאָסן: בוים און בלאַט, ערד און זון, בלום און הימל, פויגל און וואָלף און מענטש, — אַלץ, אַלץ, וואָס עקזיס־טירט... ווען מענטשן זאָלן זיין פעאיק צו דערהערן כאָטש איין מאָל אַלע קלאַנגען, ווידערקלאַנגען און קעגנקלאַנגען, וואָס גיסן זיך אַריין אין דער סימפאָניע פון אומענדלעכן לעבן... אָ, דעמאָלט וואָלטן זיי געווען גליקלעך! מענטשן וואָלטן גלייך געווען צו געטער... איר, מיין ליבער שטאָפּלער, זייט

דאָך אַ מאָלער. איר וואָלט געדאַרפט באַשאַפן אַ לאַנדשאַפט אַזאַ, פול מיט אַלערליי מעגלעכע קאָלירן און קאָלירן־ניואַנסן, וואָס זאָלן זיך צוזאַמענגיסן אין אַט דער האַרמאָניע, וואָס יעדער קאָן דערזען ביים ערשטן אָנבליק. ווען איך זאָל זיין אַ מוזיקער, וואָלט איך געשאַפן די סימפאָניע פון איין מינוט לעבן — און איך פאַרזיכער אייך, אַז דאָס וואָלט געווען די סאַמע גרעסטע און דערהויבנסטע סימפאָניע אין דעם אוצר פון מוזיק...

דניאל האָט געחלומט מיט אָפענע אויגן. פרידמאַנס אידייע וועגן אַן אויסטערלישן געמעל פון האַרמאָניע האָט אים פאַרכאַפּט — און ער האָט ווידער געבענקט נאָך פאַרב און פּענזעל. אָבער פרידמאַן האָט שוין גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש:

— פּונקט אַזוי, מיין ליבער פריינד, איז די האַרמאָניע פון מענטש־לעכן לעבן און טויט — האָט ער געזאָגט. — און פּונקט אַזוי ווי עס בייטן זיך די קאָלירן און די קלאַנגען, אַזוי בייטן זיך די עלעמענטן פונם מענטש. טויט און לעבן, ווי מיר פאַרשטייען זיי, זיינען אַבסורד. געבורט איז נאָר אַנטפּלעקונג פון דעם, וואָס האָט שטענדיק עקזיסטירט און וועט שטענדיק עקזיסטירן. און טויט איז נישט פאַרניכטונג, נאָר אומוואַנדלונג. קיין זאַך קאָן נישט גיין לאיבוד, וואָרן עס קאָן נישט ווערן אַ בלויז אין דער גאַנצ־קייט פון זיין...

אָ! וואו זיינען געווען די זעלבסטמאָרד־מחשבות, מיט וועלכע דניאל שטאַפּלער האָט זיך געהאַט אָנגעזאָפּט, ווי אַ שוואָם מיט וואַסער? זיי זיינען צעגאַנגען, ווי שניי אונטער דער זון; זיי האָבן זיך — לויט פרידמאַנס לערע — אומגעוואַנדלט אין ליכט...

יאָ, פרידמאַנס ווערטער האָבן פאַרמאָגט אַן אויסטערלישן כוח. די נשמה איז דורך זיי געוואָרן אָנגעפילט, ווי קערנער ווערן פול מיט זאַפט. דער ערשטער פּרינציפּ, וואָס פרידמאַן האָט אים געלערנט און כסדר איי־בערגעחזרט, איז געווען דער פּרינציפּ פונם „איך", וואָס איז אייביק און אַלמעכטיק, וואָס קאָן אַלץ דערגרייכן, ווייל קיין קערפּערלעכע מניעה עק־זיסטירט נישט פאַר אים.

— „איך" בין דער צענטער פון דער וועלט — האָט ער אים געלערנט איבערצוחזרן. — איך, דניאל. דער גוף, וואָס טראָגט מיין נאָמען, איז בלויז אַ לבוש, וואָס וועט זיך בייטן און קריגן אַ נייעם נאָמען; אָבער איך בלייב איך...

אַן אַנדערש מאָל האָט ער געהייסן דניאלן איינחזרן אומצעליקע מאָל

זיין אייגענעם נאָמען: „דניאל... דניאל... דניאל...", — בכדי דורכדעם צו דערפילן וואָס אַזוינס עס איז „איך".

— זיי וויסן, דניאל: אין דיין אייגענעם נאָמען איז איינגעשלאָסן דער גאַנצער קאָסמאָס. דיין „איך" איז אין אַלץ און איבער אַלץ... ווען דו וועסט קריגן אַזאַ געפיל, דניאל, וועסטו זיין דער אַבסאָלוטער הערשער איבער דיין גוף, איבער דיינע תאוות, איבער דיין געדאַנק און איבער דעם אַלעם, וואָס דו מיינסט, אַז דאָס ביסטו אַליין...

דניאל האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך מיט יאָרן צוריק האָט ער אַ סך גע־טראַכט וועגן זיין אייגענעם נאָמען און אַז דעמאָלט האָט ער געשפּירט ווי דער מוח קערט זיך אים איבער. איצט האָט ער ווידער איינגעחזרט זיין נאָ־מען, אַזוי ווי פרידמאַן האָט אים געהייסן. אין דער פינצטערניש פון נאַכט און אין דער איינזאַמקייט פונם שפּיטאָל־צימער האָט אים נאָכאַמאָל אַרומ־געכאַפּט דער פּחד פון אַמאָל, ווי ער וואָלט אַריינגעקוקט אין אַן אָפענעם תהום, און דעמאָלט האָט ער אויף אַ מאָמענט פאַרשאָלטן פרידמאַנען מיט זיין לערע.

אָבער אברהם פרידמאַן האָט אים אויפצומאַרגנס רואיק געזאָגט:

— דער וועג איז נישט אויסגעשפּרייט מיט רויזן, מיין ליבער פריינד. דאָרנדיק, פּחדיק, פול מיט אָפּגרונטן און געפאַרן איז דער וועג. נאָר אויב דו ביסט אויף אים אַרויף, וועסטו אים שוין נישט פאַרלאָזן... דו האָסט דערזען דאָס ליכט און דו ביסט גליקלעך... אַ סך מאָל וועסטו נאָך אָבער פאַרשילטן דאָס ליכט און דאָס לעבן און בענקען נאָך טויט און פינצטער־ניש. ענדלעך וועסטו אַרויס דער זיגער. קאָנסט אַמאָל מאַכן אַ פאַלשן טראָט, וואָס זאָל דיך צוריקשטויסן אויף מרחקים — און דאָס וועט דיר קאָסטן נייעליידן. פונדעסטוועגן וועסטו זיגן. און נישט נאָר דו. אַלע וועלן זיגן, אַלע, פריער אָדער שפּעטער. אונזער וועג, דער וועג פון אַלע מענטשן, איז דער וועג צום ליכט...

אין איינעם פון די ביכער, וואָס פרידמאַן האָט אים געגעבן, האָט דניאל געלייענט:

„ווען דער תלמיד איז גרייט, באַווייזט זיך זיין רבי"...

— בין איך, הייסט עס, גרייט? — האָט ער זיך געפרעגט מיט פרייד.
— איז אברהם פרידמאַן, הייסט עס, מיין רבי?...

און אין די שפּעטע נאַכט־שעהען האָט ער גערעדט צו פרידמאַנס דמיון־בילד:

— זאָג מיר, רבי, ווי אַזוי זאָל איך ווייטער גיין אויפן וועג פון ליכט,

וואָס דו האָסט פאַר מיר אַנטפּלעקט אין דער שעה פון טיפסטן יאוש? זאָג, ענטפער מיר!

אַנדערע מענטשן וואָלטן אים אוודאי געהאַלטן פאַר משוגע, ווען זיי זאָלן וויסן זיינע טראַכטונגען. אָבער וואָס זיינען אים, דניאל שטאָפּלערן, אַנגעגאַנגען אַנדערע מענטשן? צי זעט ער נישט דאָס, וואָס אַנדערע זיינען אומפעאיק צו זען? און אַפילו ווען דאָס אַלץ זאָל זיין אַ חלום, — צי איז ער נישט גליקלעך דורך אָט דעם חלום? און אפשר זיינען גאָר די אַנדערע מענטשן משוגע — זיי און נישט ער?

— ניין — האָט ער זיך געענטפערט, — זיי זיינען נאָר אומגליקלעך, און זייער אומגליק איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס זיי וויסן נישט, אַז זיי זיינען אומגליקלעך...

ער האָט געלייענט:

„אונזער תורה איז פאַר די ליידנדיקע, פאַר די, וואָס האָבן שוין אַלץ פאַרלוירן אויף דער וועלט, אַלע האָפנונגען און אַלע אויסזיכטן דערלייזט און געהאָלפן צו ווערן אין לעבן"...

— אומגליקלעכע, טרייסטלאָזע, קומט צו מיר און איך וועל אייך וויזן דאָס ליכט! — האָט ער מיט התלהבות אויסגערופן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

ער האָט זיך צוגעהערט צו דער נאַכט, און ער איז פול געוואָרן מיטן באַוואוסטזיין, אַז די נאַכט לעבט און פאַרשטייט אים.

אין איינער אַזאַ נאַכט האָט דניאל געוואָלט הערן „די שטים פון דער שטילקייט", וועגן וועלכער פרידמאַן האָט אים דערציילט. און ער האָט מתפלל געווען:

— גאָט, וואָס דו ביסט אין מיר, אַרום מיר, אין אַלץ וואָס איז! לאָז מיך הערן די שטים פון דער שטילקייט, אַזוי ווי שמואל הנביא האָט זי געהערט אין דער אומפאַרגעסלעכער נאַכט צווישן די הייליקייטן... זע, איך האָב אַלץ פאַרלוירן און מער וויל איך גאָרנישט. יעדע האָפנונג פון ערדישן לעבן האָט זיך אויסגעלאָשן פאַר מיינע אויגן. גיב מיר כוח צו זען דיין אמתע ליכט. גיב מיר רואיקייט און גיב מיר ליבשאַפט, איך זאָל קאָנען הערן דיין קול!

ער האָט געלייענט:

„איידער די נשמה קאָן זען, דאַרפן בלינד ווערן די אויגן פונם גוף פאַר יעדער אילוזיע;

„איידער די נשמה קאָן הערן, דאַרף דאָס אָפּבילד — דער מענטש — טויב ווערן צום געברום, ווי צום געפּליסטער;

„איידער די נשמה קאָן פאַרשטיין, דאַרף זי ווערן איינס מיטן שטילן ריידער —

„און ערשט דעמאָלט וועט די נשמה הערן און זיך דערמאָנען; און צום אינעווייניקסטן געהער וועט נעמען ריידן דאָס קול פון דער שטילקייט”...

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט. ס'איז אָבער געווען צופיל. ער האָט יענע נאַכט דורכגענעצט זיין קישן מיט טרערן, נאָר די שטים פון דער שטילקייט האָט ער נישט געהערט...

— —

אברהם פרידמאַן האָט אויפגעטאָן וואונדער: איבערגעוואַלט האָט ער דניאלן אַוועקגעשלעפּט פונם אָפּגרונט און, ווי דורך אַ כשוף־שפּרוך, האָט ער אים איבערגעפורעמט און געשאַפן אַ נייעם דניאל. ס'האָט אויסגעזען, ווי פרידמאַנס לערעס וואָלטן געשלאָפן אין אים און האָבן נאָר געוואַרט אויף אימיצן, וואָס זאָל קומען זיי אויפוועקן.

פרידמאַן האָט אים געזאָגט אויף זיין מיסטישן לשון:

— דו ווייסט, מיין ליבער דניאל, כ'האָב דעם איינדרוק, אַז דו ביסט זייער אַן אַנטוויקלטער וועזן נאָך פון ווייטע לעבנס צוריק... מיין נישט, אַז כ'האָב דיר עפּעס געלערנט. כ'האָב דיר נאָר דערמאָנט... האָסט דאָס אַלץ שוין לאַנג געוואוסט און דו ווייסט אפשר אַ סך מער ווי איך...

די נשמה־רואיקייט, וואָס פרידמאַן האָט אין אים אויפגעוועקט, האָט געבראַכט אויך אַנדערע רעזולטאַטן: דער דאָקטאָר האָט זיך געוואונדערט פון דער גיכער בעסערונג פון זיין פּאַציענט, און איינמאָל האָט ער אים געמאָלדן, אַז ער קאָן שוין פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל.

אין יענעם מאָמענט האָט דניאל זיך ווי אויפגעכאַפּט פון אַ לאַנגן שלאָף. ער האָט אָנגעקוקט דעם דאָקטאָר מיט אומפאַרשטענדעניש און דער קלאַנג פון די ווערטער איז לאַנג געשטאַנען אין זיין געהער, ביז ער האָט זיי ווי געהעריק באַגריפן.

— הייסט עס... מאָרגן?

— יאָ, מאָרגן באַלד אינדערפרי דאַרפן מיר אייער צימער — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט טרוקן.

אימיצער, וואָס איז געשטאַנען הינטער דניאלן, האָט שטעכעדיק אַ לאַך געטאָן:

— „יודא פערעקע!”...

קאפיטל 10.

צווישן וועלט

א צעמישטער איז דניאל שטאפלער ארויסגעקומען פונם שפיטאל, א געפלעפטער פאר דער ברייטער וועלט, וואס האט זיך צעעפנט ארום אים. ער האט געפרואווט זיך קוויקן מיט דער אנהויב־פרילינגדיקער מארגן־זון, וואס האט שפעדיק געגאסן מיט ליכט איבער דער שטאט; ער האט אנגעשטרענגט אלע כוחות צו פארבלייבן אינערלעך רואיק, ווי פרידמאן האט אים געלערנט; אבער ווידער האט אין אים זיך געקלאמערט אן אומרו פאר דאס אומבאקאנטע. ווי א פרעמדער איז ער געגאנגען איבער די גאסן פון דער שטאט, וואו ער האט פארבראכט אזויפיל יארן. אפגעוואוינט פון מענטשן־געווימל, פון קלינגערייי און טראסקעריי פון באנען און אויטאבוסן, האט ער זיך געפילט ווי א שיכור. ס'האט זיך אים געדאכט, אז ער טרעט אויף שפיגלען און ווערט פארבלענדט פון דער זון, וואס פלאקערט פון אלע זייטן. פון צייט צו צייט האט ער זיך א כאפ געטאן אן א וואנט, כדי זיך נישט אויסצוגליטשן.

און נישט נאר די וועלט, וואס האט זיך ווידער צעעפנט ארום און ארום, איז אים געווען פרעמד; אפילו ער, דניאל, איז געווען א פרעמדער צו זיך אליין. ער האט דערזען זיין געשטאלט אין אן אויסשטעל־פענצטער און ער איז געבליבן ווי צוגעקלעפט צום ארט; — א מאדנער מענטש האט זיך באוויזן פאר אים: דער אנצוג צעקנייטשט פון דער שפיטאל־דעזינפעקציע; דער קאפ אפגעגאלט; די נאז — לאנג און בלאס; ארויסשטארטשענדיקע באקן־ביינער; אויגן כמעט קיילעכדיקע, מיט טיפן טרויער און הילפלאזיקייט, ווי ביי א הונגעריקן בעטלער. ער האט לאנג געקוקט אויף דער מאסקע אינם שפיגל און אויף די בלאסע ליפן פון יענער אפשטויסנדיקער געשטאלט האט זיך באוויזן א שמייכל. „א נייער דניאל" — האט דער

שמייכל באטייט. „יענער, וועמען מ'האט אוועקגעטראָגן אויף אַ סאַניטאַרן־בעטל, איז שוין לאַנג געשטאָרבן"...

ער איז געוואָרן נייגעריק וועגן יענעם „געשטאָרבענעם" דניאל שטאָפּלער, וועמען מ'האט אמאל אוועקגעטראָגן אין שפּיטאָל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די פאַרגאַנגענע יאָרן, קרובים, באַקאַנטע, מיידלאַך וואָס ער האָט ליב געהאַט, בילדער וואָס ער האָט געמאָלן... „דניאל שטאָפּלערס משפחה... דניאל שטאָפּלערס פריינד... דניאלס שוואַכקייטן...", האָט ער געטראַכט.

מיטאַמאָל האָט ער זיך דערזען אין דער געגנט פון זיין אַמאָליקן שילדן־וואַרשטאַט. אין דעם מאָמענט האָט געפּלאַצט דער פאַרשטאַרטער אומרו, וואָס האָט אים אָנגעפּילט. ער האָט זיך אַ וואַקל געגעבן. צוויי „דניאלס" האָבן זיך אַ מיש געטאָן פאַר אים און ער איז ווי געבליבן הענגען איבער אַ תהום. ער איז געפאַלן אויף אַ האַרטער וואַנט, ביי וועלכער ער איז געגאַנגען. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אימיצער האָט אים אונטערגעהאַלטן. אַ פאַרשעמטער האָט ער געדאַנקט:

— קיין בייז, קיין בייז, מיין הער... אַ, אַ דאַנק, פרייליין. אַ, יאָ, איך בין שוין באַלד אין דער היים... יאָ, מיין הער, איך קום פון שפּיטאָל. בין שוין געזונט. נו, אַוודאי, אַביסעלע אָפּגעשוואַכט...

מ'האט אים געלאָזט גיין. אימיצער האָט נאָכגעקוקט. אַ יונגע פרייליין האָט געזיפצט:

— „אָרמער יונגע!"

דניאל איז ווידער געוועזן דניאל און איצט האָט ער קלאָר געוואוסט וואוהין און צו וואָס ער גייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— פאַרוואָס זיינען מענטשן אַזוי שלעכט? וואָס איז געשען אין דער דאָזיקער שטאָט? — האָט דניאל זיך געפרעגט, ווען ער איז, אַ באַליידיקטער, אָן אַנטוישטער, אַרויסגעקומען פון דער קנייפּע פון זיין געוועזענעם הויז־אייגנטימער, הער פרידריך האַאַסע. — גיין אים אַנקלאָגן, פאָדערן גערעכטיקייט? ביי וועמען? אפשר ביי אָט די פּאָליציי־קאָמיסאַרן, וואָס דאָס בלוט זעצט זיי אין פּנים, ווען זיי רעדן וועגן „אידן־סקאַנדאַלן"?

— „גם זו לטובה" — האָט ער זיך אַ זאָג געטאָן, אַזוי ווי אַברהם פרידמאַן האָט אים געלערנט. — ליכט קומט נאָר דורך פינצטערניש...

אייגנטלעך, איז דאָך דאָס אַלץ נישט געוועזן קיין איבעררעאַשונג. צי האָט אים עדיט נישט דערציילט אין שפּיטאָל וועגן דעם חורבן פון זיין אַטעליע? ער האָט דאָך געוואוסט, אַז ער גייט נאָר מאַכן דעם לעצטן פּרוּוו;

ער גייט, הייסט עס, קריגן די באשטעטיקונג פון דעם גרויזאמען פסק, וואס א גראבער קנייפע־דייטש האט אויף אים ארויסגעגעבן. און אט איז דער פסק באשטעטיקט. טא פארוואס זיין אזוי איבערראשט, אזוי אנטוישט?

עפעס איז אבער געשען דארט, אין דער קנייפע, וואס האט אים נישט געלאזט רוען. פרידריך הואסע האט באליידיקט נישט נאר אים, זיין גע־וועזענעם לאקאטאר, נאר זיין פאלק. ער פארדינגט נישט מער זיין הויז צו „שמוציגע יודען", האט ער געזאגט. „די יודען", האט ער געבורטשעט, האבן שוין גענוג אנגעראבעוועט אין דייטשלאנד...

— ארימער, אלטער נאר! — האט דניאל אים באדויערט. מער האט ער נישט געוואלט טראכטן וועגן דאס געשעענע. ער האט באשלאסן, אז ער דארף ווידער אויסזוכן זיין אמאליקן באלעבעסל און קריגן ביי אים ארבעט.

— אלץ פונדאסניי, פונדאסניי, דניאל! — האט ער זיך געמוטיקט. און א לייטזעליקער שמייכל האט זיך צעשפרייט אויף זיין פנים, ווען ער האט זיך דערמאנט אן דעם אמאליקן באלעבעסל, וואס ער, דניאל, איז שוין געוועזן זיין קאנקורענט.

אברהם פרידמאנס „תורה פון ליכט" האט געהאט אין זיך עפעס אזוינס, וואס האט געקאנט אנפילן א מענטשן מיט טרייסט און אפטימיזם. „קוק אויף אלץ פון דעם שטאנדפונקט פון אייביקייט און פון דיין אייביקן „איך" — האט עס געהייסן אין אט דער לערע. — „דיין איצטיקע פערזענלעכקייט איז נאר אן עפיזאד אינם אייביקן לעבן און אינם אנטוויקלונג־וועג פון דיין נשמה... דאס, וואס דו מיינסט, אז דאס ביסט דו, איז נישט דו, נאר דיין לבוש, דיין אויסערלעך קלייד... דו ביסט עפעס אנדערש; ביסט א ני־צוץ פון דער געטלעכקייט... שמייכל פון אלץ, וואס איז פארבייגייענדיק. און וויסן זאלסטו, אז דער אמתער וועג איז דער וועג פון ליידן, ווארן נאר ליידן קאנען דערהויבן און לייטערן דיין רעאלע פערזענלעכקייט..."

אזוי האט אים געלערנט אברהם פרידמאן — און ער, דניאל, האט עס פארשטאנען און זיך געטרייסט מיטן „גם זו לטובה". אויף שנאה האט ער געדארפט ענטפערן מיט ליבשאפט און רחמנות, ווארן שנאה איז פאר־בייגייענדיק, ווי אלדאס ערדישע; פריער אדער שפעטער וועט פארשווינדן דאס בייז פון דער ערד און מענטשן וועלן זיין גליך צו גאט...

ס'איז געוועזן דער ערשטער טאג נאך זיין ארויסקומען פונם שפיטאל; און שוין אין די ערשטע שעהען האט ער געקראגן ביטערע קלעפ פונם לעבן — א לעבן, וואס האט אים אלץ מער גענומען אויסווייזן ווי א ווילדע און שרייענדיקע סתירה צו דער „תורה פון ליכט". נאך דעמזעלביקן טאג האט

דניאל דערפילט, אַז אָט די תורה איז ווי אַ קליין, אומזיכער שיפל אויף די כוואַליעס פון אַ שטורעמדיקן ים.

ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער די ברייטע, זון־פאַרגאָסענע גאַסן. נאָר אָט איז זיין וועג געוואָרן איבערגעריסן פון אַ לאַנגער ריי פאַרצווייפל־טע מענטשן, וואָס זיינען שווייגנדיקע געשטאַנען אויפן טראָטואַר. דאָס זיינען געווען מענער אויסגעצערטע, בלוי־בלאַסע פון הונגער, מיט נישט דערשלאָפענע און הונגעריקע אויגן, מיט צעריסענע קליידער און שיך. ס׳איז געווען קענטיק, אַז זיי וואַרטן שוין שעהען־לאַנג און אַז דאָס וואַרטן איז זייער איינציקע האָפנונג, פון וועלכער ס׳איז אָפּהענגיק לעבן און טויט. אויף אַ ברייטן טויער, אין וועלכן ס׳האָט זיך אַריינגעשטאָכן דער שפּיץ פון דער מענטשן־ריי, איז געווען אַ שילד: „אַרבעטסלאָזע־פאַרזאָרגונג״.

דניאל איז שטיין געבליבן מיט פאַנאַנדערגעריסענע אויגן, ווי ער וואָלט דאָס געזען צום ערשטן מאָל. ס׳איז אים באַפאַלן אַ פּחד פאַר זיין אייגענעם גורל און פאַר דעם גורל פון יענע מענטשן. אַ מינוט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז שטיין געבליבן ביי אַ פינצטערן אָפּגרונט, אַן אָפּגרונט פון אייביקער נאַכט, וואָס האָט זיך צעעפנט אונטער די שטראַלן פון דער מאָרגן־זון, אַ זון, וואָס שמייכלט היפּאָקריטיש, פול מיט פאַלשע הבטחות צו די מענטשן־קינדער.

מיט שרעק און מיט איילנדיקע טריט איז ער אַוועק ווייטער. און ווידער איז זיין וועג געוואָרן איבערגעריסן פון אַ מענטשן־ריי, נאָך אַ לענ־גערע פון דער ערשטער. מענטשן האָבן זיך דאָרט געשטופּט מיט פויסטן און עלנבויגנס. קללות פון הונגעריקע האָבן געבוירערט די לופט. דאָס האָבן די מענטשן זיך אַ לאָז געגעבן צו אַ נאַרוואָס געעפנטער אַרבעט־פאַרמיט־לונג־ביוראָ און צווישן זיי האָבן פּאָליציילייט מיט אייזערנע קאַסקעס גע־שריען און דראָענדיק געפאָכעט מיט קאַנטשיקעס איבער די קעפּ.

— מענטשן זיינען הונגעריק — האָט דניאל געמורמלט אין שרעק. און ער האָט געפילט, ווי זיין שיפל וואָלט אַ פאַל געגעבן איבער די ריזיקע כוואַליעס פונם פינצטערן ים...

פאַבריקן האָבן געפייפט. טראַמווייען און באַנען זיינען געלאָפן אין שווינדלענדיקער גיכקייט, מיט געקלאַנג און געבראַזג. און דניאלן האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז ווי אַ פּילקע, וואָס אימיצער האָט אַ וואָרף געטאָן און קיינער ווייסט נישט איר ציל. די פּילקע האָט זיך געקוילערט, געקוילערט, פאַרהאַלטן געוואָרן אינמיטן לויף, אַ שפּרונג געגעבן אין דער לופט און ווייטער זיך געקוילערט, נישט ווייסנדיק וואוהין.

וואו זיינע אויגן האָבן אים געטראָגן, האָט ער באַגעגנט הונגער און בייז. מענטשן אין ענדלאָזע רייען, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַרבעט אָדער שטיצע; קינדער, וואָס האָבן זשעדנע געזוכט איבער די גאַסן אָפּפאַלן פון שפּייז אָדער קאָריקעס פון ציגאַרעטן; אַלטיטשקעס, וואָס האָבן זיך קוים אויף זייערע שטעקנס געהאַלטן און געשטרעקט ציטערנדיקע הענט נאָך אַ נדבה; אינוואַלידן, וואָס האָבן אָפּגעשטעלט די פאַרבייגייער, בעטנדיק הילף; און פּאָליציי, וואָס האָט די בעטלער געטריבן מיט שטעקנס און קאַנטשיקעס פון די עפנטלעכע פּלעצער, כדי זיי זאָלן ניט מיאוס מאַכן די שטאָט. דניאל האָט שוין לאַנג ניט געהאַט געזען אַזעלכע סצענעס. פאַר די לעצטע יאָרן, ווען ער האָט רואיק געלעבט אין זיין אַטעליע, איז אים קוים איינגעפאַלן, אַז אַזאַ עלנט און נויט געפינט זיך נאָך אַלץ אין דער שטאָט, וואָס ער האָט אַמאָל גערופן „דאָס האַרץ פון דער וועלט".

אין אַ זייטיקער גאַס, נישט ווייט פונם רוישיקן און לוקסוספולן צענטער פון דער שטאָט, האָט ער דערזען אַ נאָך מער אומדערוואַרט בילד: פון האַלב־צעעפנטע לאָדנס און באַלקאָנען האָבן בגנבה אַרויסגעקוקט דערשראָקענע פּנימער פון אידן מיט בערד און אידענעס מיט שייטלען. דאָס האָבן זיי נאָכגעקוקט די יונגען מיט האַקנקרייצן אויף די אָרעמס און קאַנטשיקעס אין די הענט, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט, וואַרטנדיק ביז די שוצלאָזע מענטשן וועלן זיך דערוועגן אַרויסגיין און זייערע געשעפטן עפענען. און ווידער האָט צו דניאלס אויערן דערגרייכט דער אים שוין באַקאַנטער אויסגעשריי:

— „יודא פערעקע!"

און נאָך:

— היינט וועט קיין „יודישער שוויין" נישט עפענען זיין רויבער־צעל!

— עס קומט דער טאָג פון נקמה קעגן אידן און באָלשעוויקעס!

— „הייל היטלער!"

— „נידער מיט די יודען!"

שכורע געלעכטערס פון בלוטדורשטיקע מענטשן, קללות און זידלערייען האָבן זיך צונויפגעמישט מיט די פאַרצווייפלטע געשרייען פון אַ אינגל, וואָס מ'האָט געשלאָגן אין דעם צווייטן ראָג גאַס. דאָס אינגל האָט אין אַנגסטן גערופן: „מאַמע!", בעת גומענע ריטער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט רציחה אויף זיין שוואַך קערפּערל און פויסטן האָבן אים געזעצט אין פּנים אַריין.

פּלוצים איז געוואָרן אַ געלאַף. נאָענט פון דעם אָרט, וואו דניאל איז

געשטאַנען אַ באַגאַסענער מיט שוויס, איז האַסטיק אָנגעקומען אַ פּראַכט־אויטאָמאָביל, פון וועלכן ס'זיינען אַראָפּגעשטיגן באַוואָפנטע אַרבעטער.

ליופּעריי, טופּעריי פון שטיוול, געשרייען און שטימען פון באַפעל. אינמיטן דער גאַס האָבן צוויי מענטשן־מחנות זיך צונויפגעטראָפן און זיך אויסגעמישט אין איין ברוין־רויטער מאַסע. די מאַסע האָט זיך באַוועגט, געפאַלן, געשטויסן און געשאָלטן. מיטאַמאָל האָט אַ הילך געטאָן אַ שאָס און באַלד איז אַרום און אַרום געוואָרן אַ שיסעריי און אַ ליופּעריי. ס'האָט זיך געדאַכט, ווי אַלע אַרומיקע גאַסן וואָלטן זיך אַ וואָרף געגעבן צו דעם אָרט פונם געשלעג, צו קוקן אויף דעם בייז־וואונדער, און באַלד זיך צוריק־געצויגן, געוואָרן איינגעשרומפּן, אויסגעליידיקט און געוואַרט מיט איינגע־האַלטענעם אָטעם, לאָזנדיק פריי דעם וועג פאַר אויטאָבוסן מיט פּאָליציי, מיט פייפעריי, מיט אָנגעשטעלטע ביקסן און בליצנדיקע באַגנעטן.

דניאל איז מיט האַרצקלאַפּעניש אַוועק פון דאָרט. אינמיטן וועג האָט ער אָפּגעהערט אויסרופן, ווי אין דער טעראָריזירטער גאַס. דאָס וואָרט „יודע" האָט אים כסדר אַ קלאַפּ געגעבן, ווי מיט אַ שווערער שטאַבע אייזן, איבערן קאָפּ. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט, אויסגעלאַכט, פאַרשאָלטן, און זיינע אויגן האָבן זיך אויסגעברייט פון וואונדער און שרעק פאַר דעם אויסטערליש־ווילדן לעבן, וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט.

ער איז אָנגעקומען אין אַ פּאַרק. צווישן אויפשפּראָצנדיקע גרינסן און בלומען־קנאָספּן איז, ווי שטענדיק, געפלאָסן דאָס לעבן. קינדער מיט בלוט־רויטע בעקלאַך האָבן זיך געשפּילט אין זון־נאַלד אונטער דער השגחה פון זייערע אַמען. ליבטיקע קאָלירן האָבן געמיניעט אַרום און אַרום און אַ צווישטשעריי פון אָקאַרשט־צוריקגעקומענע פייגל האָט אָנגעפילט די לופט. צווישן שאָטנדיקע אַלייען האָבן שפּאַצירט איינזאַמע מענטשן און זאַרגלאָ־זע איינגעאָטעמט די ריחות פון דעם פרילינג־מאָרגן.

דניאל האָט זיך פאַרקליבן צווישן די ביימער אינם פּאַרק, געלייגט זיך אויפן אַרויסשפּראָצנדיקן גראָז און צונעדריקט די פאַרטריקנטע ליפּן צום פערלדיקן טוי, וואָס האָט אויף די יונגע גרעזעלאַך געמיניעט אין פאַר־שיידענע קאָלירן. און דער טוי האָט זיך צונויפגעמישט מיט די טרערן, וואָס זיינען, ווי פון אַ צעעפנטן קוואַל, געפלאָסן פון זיינע אויגן.

אָ, שוין לאַנג ווי ער האָט נישט געהאַט געוויינט, דניאל! „טרויער קאָן זיך אויפהאַלטן נאָר אין אַ האַרץ, וואָס איז אָנגעפילט מיט ערדישע תאוות", האָט פרידמאַן אים געלערנט און ער האָט פאַרטריבן דעם טרויער פון זיין האַרץ.

אָבער דניאל האָט נישט געקאָנט אויסליידיקן זיין האַרץ פון די „ער־דישע תאוות". ער איז איצט ווידער פול געווען מיט טרויער און געוויין. און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער טוי אויף די יונגע גרעזעלאַך פונם פּאַרק איז קיין טוי נישט, נאָר טרערן, וואָס דער הימל האָט פאַרגאָסן אויף דער זינדיקער ערד.

דאָס געוויין האָט וויכער געמאַכט זיין געמיט. פון זיין געהער האָבן בּיסלעכווייז זיך דערווייטערט די אָפּקלאַנגען פון גאַס און פון זיין בליק האָבן זיך אָפּגעטאָן די בילדער פון אומרעכט און רציחה. „דאָס אמתע לעבן פאַרנעמט מען אין שלווה — האָט פרידמאַן אים געלערנט. — פאַר־מאַך דיינע חושים צום טומל פון דער גאַס און צום קלאַפּן פון דיין אייגן האַרץ — און דו וועסט דערפילן די אייביקע האַרמאָניע, וואָס שאַפט לעבן"...

דניאל האָט פאַרמאַכט זיינע חושים צום טומל פון דער גאַס און צום קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ. און אויפגעגאַנגען איז אין אים אַ רואיקייט און אַ ליכטיקייט. און שליסנדיק זיינע אויגן־לידער, האָט ער געשמייכלט און — ווי יענע אויסדערוויילטע צדיקים ביים אָנקום פון נאַכט — האָט ער געשיקט אַ ברכה פון ליכט און שלום צו די ליידנדיקע מענטשן־קינדער.

— —

שמייכלענדיק איז ער איינגעשלאָפן אונטער דער פרילינגדיקער זון, ווי אַ קינד אין דער וואַרימקייט פון זיין מוטער. אין חלום האָט זיך פאַר אים באַוויזן אברהם פרידמאַן. ער האָט פון ערגעץ זיך אָפּגעריסן, ווי אַ שטראַל פון דער זון, און אַ ליכטיקער איז ער שטיין געבליבן קעגן דניאלן.

— פאַרוואָס אַזוי טרויעריק, מיין יונגער פריינד? — האָט פרידמאַן געפרעגט איבעראַשט.

— צי ווייסטו נישט, מיין רבי, אַז היינט בין איך צוריקגעקומען צום לעבן?

— יאָ, איך ווייס...

— געדענקסט נישט ווי איך בין געשטאָרבן?... און קיינער איז נישט געקומען צו מיין לוויה, קיינער אויסער דו, לערער מיינער...

— און דערפאַר ביסטו טרויעריק, דניאל?

— ניין, נישט דערפאַר. דער טויט איז נישט קיין אורזאַך פון טרויער, נאָר דאָס לעבן. אָבער קום נענטער, מיין לערער און פריינד. כ'וועל דיר אַלץ דערציילן. היינט האָב איך דעם ערשטן טריט געשטעלט. כ'האָב נישט געוואָלט. כ'האָב מורא געהאַט פאַרן נייעם לעבן. נאָר כ'האָב דערהערט אַ

באַפעל פון דער טיף פון מיין נשמה: גיי! און אַזוי בין איך געגאַנגען. אַן אומזיכערער האָב איך דורכגעשלייכט די טויערן פון דער אייביקייט, די וואָס פירן צו דער ערד. בלוי זיינען זיי געווען און טונקל און מטושטש, ווי זיי וואָלטן געפירט צו אַן אָפּגרונט. און אין די טויערן האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף לאַנגע רייען מענטשן־קינדער, פאַרחלשטע פון הונגער און שנאה, מיט ליפּן פאַרטריקנטע פון דורשט און פון קללות. כ׳האָב זיך דערשראָקן און מיט אַלע כוחות געוואָלט לויפן צוריק; נאָר אַ געהיימע האַנט האָט מיך געשטויסן ווייטער, ווייטער — און כ׳האָב געמוזט גיין. און וואָס מער איך בין געגאַנגען, אַלץ שווערער איז געוואָרן מיין געמיט, וואָרן אַלץ מער האָט אַרום מיר געבושעוועט דער הונגער און דער דורשט און די שנאה. און דערנאָך איז אַלץ געוואָרן רויט, רויט פון בלוט. אַרום מיר האָט מען געשאָסן און זיך געשטאָכן. מענטשן האָבן זיך געשטאָכן אין די גאַסן און די לופט האָט געציטערט פון זייערע געשרייען. איך בין ווידער אַנטלאָפן און אָט בין איך געקומען אַהער. דאָ איז וואַרים און רואיק און דאָ האָב איך אויף דיר געוואַרט, ווייסנדיק, אַז דו וועסט קומען.

— זעסט, דניאל, דו האָסט זיך נישט אָפּגענאַרט — האָט פרידמאַן געשמייכלט און געוואַרעמט מיט דער ליכטיקייט, וואָס האָט געשטראַלט פון זיין פּנים. — איך האָב געזען ווי דו מאַכסט דיינע ערשטע טריט און וואָס עס געשעט אַרום דיר און אין דיר. און כ׳האָב געוואוסט, אַז דו וועסט קומען אַהער און מיך רופן. אָבער איך זע נאָך אַלץ נישט איין פאַרוואָס דו ביסט מיטאַמאָל געוואָרן טרויעריק. ווי עס צוקט דיין פּנים! פאַרוואָס וויינסטו?

— איך וויין, לערער, ווייל איך האָב קיין רעכט נישט צו קומען אַהער זיך אָפּרוען, ווען דאָרט, צווישן די מענטשן־קינדער, איז פאַראַן אַזויפיל צו טאָן, אַזויפיל צו טאָן!

— ווער נאָר נישט אויפגערעגט, מיין פריינד. כ׳האָב דיר שוין געלערנט, אַז אויפרעגונג איז זינד, וואָס שלעפט אַראָפּ די נשמה אין די אָפּגרונטן. אויפרעגונג איז דער עגאָאיזם פון גוף, וואָס פירט צו שנאה און מלחמה.

דניאל האָט אַריינגעכאַפּט דעם קאָפּ צווישן די הענט און געיאָמערט:

— רבי מיינער, איך וויל נישט זיין קיין עגאָאיסט. איך וויל נישט ווייטער זינקען אינם אָפּגרונט. אָבער וואָס זאָל איך טאָן? ווי אַזוי זאָל איך העלפן מיינע ברידער און שוועסטער? ווי זאָל איך אויסוואָרצלען זייער שנאה? היינט האָב איך געהערט דעם פאַרשטומטן געוויין פון מיין פאָלק. כ׳האָב געזען ווי ברוטאַלע פויסטן שלאָגן אינם פּנים פון אַן אומשולדיק

קינד. רבי, קעגן דעם שלעכטס דאַרפֿן מיר מלחמה פירן! מיר האָבן קיין רעכט נישט זיך איינצושליסן אין אונזער רואיקייט, ווען אַזויפיל אומרו הערשט אויף דער וועלט.

— מיין אָרימער פריינד! — האָט אברהם פרידמאַן אויסגערופן מיט רחמנות. — איך פאַרשטיי ווי דו לײַדסט, איך פאַרשטיי. אָבער איינמאָל פאַר אַלעמאָל, דניאל, דאַרפסטו דאָך איינזען, ווי נאַריש עס איז צו פירן מלחמה קעגן מלחמה. ווי אַזוי קאָן מען דען אויסוואָרצלען שלעכטס מיט דער הילף פון שלעכטס? ווי אַזוי קאָן מען בלוט אָפּוואַשן מיט בלוט?

— טאָ וואָס זאָל איך טאָן, רבי מיינער? דו מוזסט ענטפערן, רבי! ענטפער מיר! רבי, וואו ביסטו? — האָט ער געשטרעקט נאָך אים די הענט. — רבי! רבי!

פרידמאַן איז שוין נישט געווען. ווי אַ שטראַל, האָט ער זיך אויפגעלייזט אין דער זון.

דניאל האָט מיטן פּנים זיך געגראָבן אין דער פייכטער ערד און טרייסטלאָז געוויינט.

עפּילאָג

די זון האָט געבאָדן די שטאָט אין אַ ים פון צעשמאָלצענעם גאָלד און קילע פרילינג־ווינטעלאַך האָבן געשויבערט די קעפ פון קאַשטאַנען און לינדנביימער. די שטאָט איז פול געווען מיט שכורע געזאַנגען און געלעכטערס, מיט פריילעך־מאַרשירנדיקע מחנות, בליצנדיק געווער און פלאַטערנדיקע פאָנען. אָבער אין אָט דער פרייד, וואָס האָט זיך געגאָסן צווישן הימל און ערד, זיינען אויפגעגאַנגען יאָמערלעכע ווײ־געשרייען פון געפּייניקטע; בלוט האָט געשפּריצט פון אונטער שטאָלענע ריטער און מענטשן זיינען קאַנוואולסירנדיקע געפאַלן אין די מאַטער־קאַמערס און אויף די גאַסן. זיי זיינען געפאַלן אין טויט־אַנגסטן און מיט קללות, וואָס האָבן זיך געריסן פון זייערע העלדזער, — אַ קללה קעגן דער פרייד, וואָס איז, ווי אַ ווילדגיפטיקע פלאַנץ, אויפגעגאַנגען איבער פרישע קברים און חורבות; אַ קללה קעגן דער זון, וואָס האָט חוזקדיק געלויכטן איבער אַ וועלט פון טומאה און תאווה; און אַ קללה קעגן די מענטשן, וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט די גסיסה־כאָרכלען פון זייערע ברידער אינם טאָג פון העלן פרילינג.

יאָ, צוזאַמען מיט די בליטן פון פרילינג האָבן יענעם טאָג אַרויסגעשפּראָצט די בליטן פון סם־המות און שנאת־חנם אין די הערצער פון מענטשן. און די זון — דאָס אויג פון גאָט — האָט מיט ליכט און חוזק געפּלייצט איבער דער וועלט.

יענעם פרילינג־טאָג האָט דער טויט אָנגעהויבן צו פאָכען מיט גרויסע, אומגעזעענע פליגל איבער די מענטשן־קינדער. אינם שכורן געזאַנג פון אַ פאָלק האָט דער ווייט־הערער געקאָנט פאַרנעמען די געשרייען פון די שטאַרבנדיקע; אינם פלאַטער פון פאָנען און אינם ריטמישן טראָט פון מאַרשירנדיקע מחנות האָט דער העלזעער געקאָנט זען די סילועטן פון מיליאָנען קברים און בערג מיט אש פון פאַרברענטע גופים און היימען. אָבער דאָס פאָלק האָט נישט געהערט און נישט געזען. און דער טויט האָט געלאַכט, שטשירענדיק זיינע שפּיציקע ציין דורך די מיילער פון ברוינהעמדלדיקע יונגען.

אַ סך יאָרן זיינען אַריבער אינם לעבן פון דעם טרוימער דניאל שטאַפּ־לער זינט דעם טאָג, ווען ער איז אַרויס פון שפּיטאָל. במשך פון די יאָרן האָט ער זיך פאַרמאָסטן ווערט צו זיין דעם נאָמען, וואָס ער האָט געטראָגן: וואָס העכער אַרויפצושטאַפּלען אויפן לייטער פון זיין „נשמהדיקער אַנט־וויקלונג", ווי ער האָט עס גערופן און ווי זיין רבי אברהם פרידמאַן האָט אים געעצהט. דורך אַ שפע פון קאָלירן האָט ער זיינע חלומות פון ליכט אַריינגעגאָסן אין די בילדער, וואָס ער האָט געמאָלן און וואָס אַפילו יוסף מילער, זיין ערשטער קריטיקער, האָט איצט גערימט. „דער געקרייציקטער" איז געהאַנגען אינם פּאַלאַץ פון אַ באַוואוסטן בערלינער מבין און מיליאָ־נער. דאָס געשטאַלט פון דער שיינער עלזע — וועלכע איז פאַר דניאלן געוואָרן אַ טרוים־בילד — האָט אויך איצט זיך באַוויזן אין אַ סך פון זיינע געמעלן, פאַרקערפּערנדיק דעם פרילינג אָדער די לבנה־נאַכט, די שולמית פון שיר־השירים אָדער דאָס רעוואָלוציאָנערע מיידל פון צאַרישן רוסלאַנד. זינט ער האָט זיך דערוואוסט, אַז יוליוס הערצענבערג האָט זיך אָפּגעשמדט צוזאַמען מיט זיין טאָכטער, כדי זי צו פאַרקנסן מיט אַ דייטשן יונקער, האָט דניאל מער נישט געוואָלט טראַכטן וועגן איר; פונדעסטוועגן האָט איר אָפּבילד אים פאַרפאָלגט טאָג און נאַכט און איז געוואָרן זיין אינספּי־ראַציע פאַר כלערליי צייכענונגען און געמעלן.

נאָר אָט איז געקומען דער טאָג, פאַר וועלכן ער האָט זיך געשראָקן אין דער פינצטערניש פון די נעכט — אַ טאָג פון פרילינג און סם־המות. וואָס יענעם טאָג איז געשען מיט דניאל שטאַפּלערן, האָט זיך ברוטאַל איינ־געקריצט אין זיין נשמה און אין זיין גוף און האָט אים מיטאַמאָל אויפגע־וועקט פון אַ לאַנגיאָריקן שלאָף. אומגעריכט האָט אַ באַנדע ברוינהעמדל־דיקע יונגען, מיט רעוואָלווערן און קאַנטשיקעס אין די הענט, זיך אַריינ־געריסן אין דניאל שטאַפּלערס אַטעליע, אים צעשלאָגן און פאַרטריבן און אַלע זיינע בילדער אַרויסגעוואָרפן דורך די פענצטער. דניאל האָט אַ גע־פּלעפטער געקוקט און געשוויגן. אין דעם מאָמענט פון אומזין און אומגליק האָט ער געזוכט זיך צו פאַרפאַנצערן אין זיין „תורה פון ליכט" און אויף זיינע ליפּן האָט זיך צעלייגט אַ קרומער שמייכל. דערנאָך האָט מען אין פּאָליציי־אַמט אים געגעבן אַ טערמין פון פיר־און־צוואַנציק שעה צו פאַר־לאָזן דאָס לאַנד, „צוליב זיין איינגענער זיכערקייט און שוץ".

מיט אַ געשוואָלן מויל און אונטערגעהאַקטע אויגן, איז ער איצט געשטאַנען אויפן וואָקזאַל און האָט געוואַרט אויפן צוג, וואָס האָט אים געדאַרפט אַוועקפירן אין נייע, אומבאַקאַנטע לענדער. דער שמייכל האָט

זיך אפגעמעקט פון זיין פנים. די „תורה פון ליכט" האט אים מער נישט געשיצט און נישט געטרייסט. די פאסקודנע ווירקלעכקייט, וואס האט זיך אנטפלעקט פאר זיין בליק, איז געווען שטארקער ווי אלע תורות און איר לוזיעס. אין די לעצטע יארן האט ער דאס אלץ נישט געזען, ווייל ער האט, בהסכם מיט זיין תורה, „פארמאכט דאס געהער צו די רוישן פון דער גאס", כדי צו זיין אליין מיט דער ליכטיקייט, וואס האט זיך באזעצט אין זיין נשמה. אבער איצט... איצט איז אין דעם ליכט־היכל פון זיין נשמה צוגע־פאלן די נאכט... און אין דער נאכט האבן אויפגעטויכט ווילדע און בלוטיקע גרויל־בילדער, וואס האבן אלע חלומות צעבלאזן אויפן ווינט.

אינמיטן העלן טאג האט דניאל געזען ווי מענטשן זאמלען זיך מחנות־ווייז אויף די טראטוארן און מיט הפקרדיקע יובל־געשרייען שטופן זיי זיך צו א ברייטער גאס. יונג און אלט, זכרים און נקבות, אלע מיט האקנקרייצן און פענדלאך, האבן, ווי מוראשקעס, געווימלט איבער די ארומיקע גאסן און געסלאך, און אומעטום האבן געהילכט די אויסרופן:

— „יודא פערעקע"!

— „ראסענשענדער"!

פון פענצטער און באלקאנען האט מען געשריען, געברומט, געלאכט און געשאלטן, בעת אינמיטן דער גערוימער גאס האט זיך געצויגן אן אויסטער־לישע פראצעסיע: פאראויס פון דער מארשירנדיקער מחנה האבן פריילעכע יונגען און מיידן, אין אן ארקעסטער פון קאצנמוזיק, באראבאנעוועט און געצימבלט אויף פעסער און בלעכן, געגרילצט מיט הייזעריקע טענער, גע־הירזשעט און גערופן אין כאר:

— דא פירן מיר די שענדער פון דער ארישער ראסע! נידער מיט די אידישע חזירים!

און די יונגען און מיידן האבן זיך געהאלדזט און געקושט און ווידער געגרילצט, געהירזשעט און געפויקט אויף בלעכן און פעסער.

הינטער דעם „ארקעסטער" האט שווער געסאפעט אן אויטאמאביל, אויף וועלכן ס'איז געשטאנען א גרויסער פלאקאט: „דא פירן מיר די ראסן־שענדערין עלזא הערצענבערג, א אידישע הור, וואס האט פאראומריייניקט דאס בלוט פון דער ריינער און העלדישער ארישער ראסע".

צווישן א יובלענדיקער מחנה ברוינהעמדלדיקע יונגען, אינמיטן דער גאס, איז א געקארטשעטע, א צעשלאגענע, מיט א געשוואלן פנים און שטארק צעפלאשעטע האר, געגאנגען עלזע הערצענבערג. אירע קליידער צעריסן,

פאַרשמירט מיט בלוט און בלאָטע; איר הויט דורכזיכטיק בלאַס, אזש בלוי־לעך; דאָס מויל צעקרימט; די אויגן ווילד־צעשראָקן און פאַרצונדן פון געוויין; אויף איר ברוסט און אויף איר פּלייצע — א פּלאַקאַט: „איך בין א אידישע הור און א שענדערין פון דער אַרישער ראַסע!"

די אַרומיקע יונגען האָבן איר געריסן פאַר די האָר, פאַר די קליידער, פאַר די הענט:

— שריי, דו פאַרשאָלטענע: „איך בין א אידישע הור! נידער מיט די אידן!"

נאָר עלזע האָט פאַרביסן געשוויגן. איר אויסגעקרימט, געשוואָלן מויל איז געווען מאַכטלאָז אַרויסצוברענגען א וואָרט. אירע צעשראָקענע בליקן האָבן א בלאָנדזשע געגעבן אַרום און זיינען פאַרזונקען געוואָרן אין דער ערד.

און די נאַצי־יונגען האָבן כאַכאָטשעט, געריטשעט, זי געשטויסן, געוואָרפן און ווידער אויפגעשטעלט, צווינגענדיק זי צו גיין ווייטער, צווישן די באַגייסטערטע געשרייען פון זכרים און נקבות, וואָס האָבן זיך געשטופּט אויף די טראָטואַרן.

דניאל שטאַפּלער האָט געקוקט, געקוקט, געוואָלט עפּעס זאָגן, עפּעס טאָן, נאָר מאַכטלאָז איז זיין קאָפּ צוגעפאַלן צום קאַלטן אייזן פונם באַלקאָן.

יאָ, אינם ליכט־היכל פון דניאל שטאַפּלערס נשמה איז צוגעפאַלן די נאַכט. און די נאַכט איז געוואָרן אַלץ ווילדער און יאָמערדיקער, מיט הוילנדיקע ווינטן, מיט דונערן און בליצן, מיט פּראָטעסט־געשרייען און קללות, וואָס האָבן פאַרשטיקטע זיך געריסן פון זיין צוזאַמענגעשנורטן האַלדז.

און די נאַכט איז אויך צו דער ערד צוגעפאַלן, א נאַכט אָן א לבנה, אָן שטערן, איבער א צעצונדענער, גרילצנדיקער, בלוט־שטינקענדיקער שטאָט.

דער צוג האָט געסאָפּעט און פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט וואָלקנס פאַרע צו די פאַרשלאָסענע, פינצטערע הימלען. אין וואַגאָנען מיט איינציקע פייער־פינטלען האָבן זיך צונויפגעשטופּט אידן און אידענעס, זקנות און פיצלאַך קינדער — אַלע צוזאַמענגעקאַרטשעטע מיט זייערע פעק שמאַטעס און מורא האָבנדיק פרייצולאָזן די שווערע קרעכצן און געוויינען, וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין שטיקנדיקע קנוילן. צווישן אָט דער אַנטלויפנדיקער, בהלהדיקער מענטשן־מאַסע איז געזעסן דניאל שטאַפּלער, דעם

שטערן צוגעדריקט צו א שויב פון א וואגאָן־פענצטערל; און בעת דער צוג האָט געריזט פון אָרט, האָט ער געזען ווי עס מאַרשירן מחנות יונגען און מיידן מיט ברענענדיקע פאַקלען איבער די גאַסן און פון אַלע זייטן האָט זיך געטראָגן א ווילד, הפקרדיק און בלוטדורשטיק געזאַנג:

„ווען אידיש בלוט פון מעסער שפּריצט,

דאַן איז אונז צוויי מאָל בעסער"...

מיטאַמאָל האָבן פון די שוואַרצע לעכער פון דער נאַכט אויפגעבליצט שייטערהויפנס. די פלאַמען האָבן געקנאַקט, געוויקלט זיך, ווי ריזיקע שלאַנגען, צווישן בערג מיט ביכער, פּאַפּירן און לייוונטן, וואָס זיינען געווען אַנגעוואָרפן אויף די גאַסן און וואָס מ'האָט יענעם טאָג אַרויסגעשליידערט דורך די פענצטערס פון וואוינונגען, ביבליאָטעקן און אַטעליעס.

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? — האָט דניאל געמורמלט און נערוועז געצופּט ביי אַן אַרבל יוסף מילערן, וועלכער איז געזעסן האַרט לעם אים. — זע נאָר, מילער, זע וואָס עס טוט זיך אויף די גאַסן!

דער צוג האָט פּאַמעלעך זיך געגליטשט איבער דעכער און בריקן און אויפגעדעקט אַלץ נייע מחנות מיט פאַקלען און ברענענדיקע שייטערהויפנס.

— דאָס איז „דאָס האַרץ פון דער וועלט", וואָס גייט־אויף אין פלאַמען צו גאָט, ווי א קרבן פאַר דער זינדיקער מענטשהייט — האָט מילער געענטפערט פּאַטעטיש, אויף זיין אַמאָליקן שטייגער. — געדענקסט, דניאל? אַזוי האָבן מיר אַמאָל גערופן אָט די פאַרשאָלטענע שטאָט: „דאָס האַרץ פון דער וועלט", כאַ־כאַ־כאַ...

דניאל האָט נישט געענטפערט. פאַר זיין בליק האָבן געשוועבט די געמעלן, אויף וועלכע ער האָט יאָרנלאַנג געאַרבעט און וואָס זיינען איצט אויך „אויפגעגאַנגען אין פלאַמען ווי א קרבן צו גאָט". דער קנויל אין זיין האַלדז איז געוואָרן נאָך שטיקנדיקער, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין טרוים־בילד — די שיינע עלזע, — וואָס האָט אים שטענדיק באַגלייט און וואָס איז איצט געווען אַרומגערינגלט פון שכורע מערדער און נואפניקעס.

— מילער! — האָט דניאל אים אָנגעכאַפּט פאַר א האַנט.

— וואָס איז, דניאל?

— גאָרנישט, מילער, גאָרנישט.

ער האָט זיך איינגעניורעט אין שטילשווייגן, מיט צונויפגעקוועטשטע אויגן, און בּיסלעכוויז, קאָנוואולסיוו האָבן זיינע פּויסטן זיך געביילט.

— מילער! — האָט ער אויסגערופן אויפן קול און זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם אויסרוף.

— וואָס איז מיט דיר, דניאל?!

— גאָרנישט, גאָרנישט, מילער. ס'איז מיר שוין בעסער. ס'פאַלט מיר נאָר איין... איך טראַכט... ווי גאָריש איך בין געווען! נישט אמת, מילער? ווי גרינג כ'האָב זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם, וואָס איז צו גאָרנישט מתחייב... גאָרנישט! איינגעשלאָסן אין זיך אַליין, אין זעאונגען, חלומות... און דאָ...

— יאָ, דניאל, איך טראַכט, אַז מענטשן ווי מיר, טרוימער, ראָמאַנ־טיקער, האָבן גאָר קיין רעכט נישט צו לעבן אין אַזאַ צייט.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן, יאָמערדיקן פייף און דער צוג האָט אין איילעניש אַוועקגעיאָגט אין דער פינצטערער נאַכט, וואָס האָט גיריק זיך צעלייגט איבער די פעלדער.

סוף